STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05017

# GEKLIBENE SHRIFTN

Isaac Meir Weissenberg

*Permanent preservation of this book was made possible
by Josh & Judy Weston
in memory of
Florence & Samuel Weisstein*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. מ. ווײסענבערג

# געקליבענע שריפטן



יצחק מאיר ווייסענבערג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1881 אין זשעלעכאָוו, שעדלעצער געגנט, אין אן אָרעמער פאַמיליע. ביז 25 יאָר געאַרבעט ביי פארשידענע מלאכות אין ווארשע און אין לאָדזש. אין דער ליטעראַטור דעביוטירט מיט די דערציילונגען „דער קיטל״ און „דור הולך ודור באָ״ (אין „דער יידישער ביבליאָטעק״ פון י. ל. פרץ אין 1904). פון דעמלט אָן זיך אויסשליסלעך אָפּגעגעבן דער ליטעראַטור, באַטייליקט זיך אין די פאַרשידענע יידישע אויסגאַבן און זיך גלייך ארויסגערוקט אין סאַמע אויבנאָן פון דער יידישער ליטעראַטור. א באַזונדער שטאַרקן רושם האָט געמאַכט זיין גרעסערע דערציילונג „אַ שטעטל״ (צוערשט דער- שינען אלס ביילאַגע צום טאָגבלאַט „דער וועג״ ווארשע 1906).

איניקע פון זיינע ווערק זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף פראַנ- צויזיש, דייטש, העברעיש, שפּאַניש א״א. י. מ. ווייסענבערג האָט אויך פאַרעפנטלעכט קריטיש-פובליציסטישע ארטיקלען.

געשטאָרבן איז ווייסענבערג דעם 13-טן אויגוסט 1938 אין ווארשע און באערדיקט געוואָרן אויפן ווארשעווער בית-עולם לעבן הי ד. נאָמבערג.

# י. מ. ווייסענבערג

## (קורצע כאַראַקטעריסטיק פון זיין שאַפן)

אין דער אָרטאָדאָקסיש-משכילישער אידעען-וועלט איז דער קאַמף מיטן גביר און פרומאַק געווען באַגרענעצט אין זיין אינהאַלט און אַלגע- מיין-אַבסטראַקט אין זיין פאָרעם. ווי א געשיכטלעך-פּראָגרעסיווע אָבער בורזשואַז-אידעאַליסטישע באַוועגונג, האָט די השכלה געקעמפט פאַר די פרייע באַוועגונגס-מעגלעכקייטן און פרייע האַנדלונגען פון אויפגעקומענעם יידישן בירגערטום, וואָס האָט זיך אין זיין עקספּאַנסיע אויסגער די ראַמען פון געטאָ געפילט גוהעמט און געשטערט פון פאַנאַטיש-רעליגיעזן מיטל- אַלטערלעכן לעבנסשטייגער. זי האָט אויפריכטיק פּראָפּאַגירט בילדונג און אייראָפּעישע אויסערלעכע מאַניערן און געקעמפט פאַר באַשטימטע רעפאָר- מען אין יידישן לעבן. זי איז אָבער קיינמאָל נישט געווען קעגן רעליגיע בכלל און אוודאי קיינמאָל נישט קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. פאַרקערט, זי האָט פון דער דאָזיקער אָרדענונג און בלויז פון איר דערוואַרט אַלע ישועות און נחמות אויף יידן.

עלעמענטן פון דער דאָזיקער משכילישער איינשטעלונג טרעטן נאָך אויף גאַנץ בולט ביי די יידישע קלאַסיקער, ביי וועלכע אויפקלערונג און

בילדונג ווערן ציטטנווייז ארויסגעהויבן אין אזא אָדער אַנדער פּאָרעם אלס אוניווערסאַל הייל־מיטל. אמת, די קלאַסיקער האָבן שוין פיל קלאָרע־דערזען די שייד־ליניע צווישן רייך און אָרעם אין דער יידישער סביבה, ווי אויך די אונטערדריקונג פון יידישן ארבעטנדיקן מענטשן. זיי האָבן אויך פיל שאַרפער געפירט דעם קאַמף קעגן די יידישע בעלי־תקיפים אין כלי־קודש, איינזעענדיק די נויטווענדיקע פאַרבינדונג צווישן זיי. אָבער דער דאַזיקער קאַמף האָט נאָך אַלץ געטראָגן זייער אָפט דעם אידעאַליסטיש־אוטאָפּיסטישן כאַראַקטער פון אויסלייזערישקייט, פון אַ קאַמף צווישן גוטס און שלעכטס בכלל, און דער יידישער ארבעטער איז נאָך נישט אויפ־געטרעטן אין אים ווי אַ זעלבסטשטענדיקער, געזעלשאַפטלעכער כוח.

י. מ. ווייסענבערג האָט אין דער הינזיכט געמאַכט אַ קוואַליטאַטיוון שריט פאָרויס. ער האָט דער ערשטער באַמערקט דעם קלאַסן־קאַמף אין דער יידישער געזעלשאַפט און אים געשילדערט רעאַליסטיש און קאָנקרעט; ער האָט אויך דער ערשטער ארויסגעפירט דעם יידישן ארבעטער נישט דורך דער אַפּיטראָפּסות פון אַ וועלכן ס'איז מליץ־יושר און פירשפּרע־כער, נאָר אים אַליין, ווי אַ ווירקנדיקע געשטאַלט. ווי אַזוי ווייסענבערג האָט געגעבן דעם אַרבעטער, וועגן דעם וועלן מיר נאָך רעדן אביסל שפּעטער, אָבער שוין זיין דערשיינען גופא, ווי אויך די דערקלערונג פון זיין אקטיוון ווילן, איז אַ רעוואָלוציאָנערער קער אין דער יידישער ליטעראַטור, סיי אידעאָלאָגיש און סיי קינסטלעריש. אין אָנבליק פון זעלבסטשטענדיקן ־ זיך - דערקלערנדיקן און זעלבסטשטענדיק־ווירקנדיקן יידישן אַרבעטער קומט אויף מער אמתדיק און רעאַל דער יידישער ארבעטס־געבער, קומען אויף מער אמתדיק און רעאַל די באַציונגען צווישן אים און דעם אַרבעטער. די דאָזיקע קלאָרע דיפערענצירונג, וועלכע י. מ. ווייסענבערג האָט דערזען איננערהאַלב דער יידישער סביבה אונטער דער ווירקונג פון די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן פון דעם פינפטן יאָר, ווי אויך פון זיין אייגענער סביבה, אין וועלכער ער איז געבוירן און זיך דערצויגן, האָט זייער שטאַרק מיטגעהאָלפן צו דער אויסקלאָרונג און אַנטוויקלונג פון זיין קרעפטיקן טאַלענט, הויפּטזעכלעך אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן. ווייסענבערג הייבט זיך אָן צוצוקוקן צו די שיינע גבירישע יידן נישט ראן, ווען זיי געפינען זיך אין צושטאַנד פון רו און זייענען פאַרנומען מיט זייערע אידעלע טראַכטענישן און פאַלשע מליצהדיקע רייד, נאָר בשעת זייער קאָנקרעטן האַנדלען און טאָן, ווען זיי באַמיען זיך אויסצופרעסן פון אַרבעטנדיקן מענטשן דעם לעצטן טראָפּן בלוט, אָדער צו

חערשטיקן אין אים יעדן פּרווו פון אנטקעגנשטעלן זיך, פון וועלן אויסקעמפן זיך די מינדסטע מענטשלעכע באדינגונגען. און ער דערזעט די ר׳ עוזרס און ר׳ אייזיקס, די ר׳ מאטלס און די זעליגס, ער דערזעט די בלוט־עוזרס דורשטיקייט, וועלכע עס ווייזט ארויס דער יידישער גביר לגבי זיין יידישן ארבעטער (אין דעם פּאגראם אויף די ארבעטער אין „שטעטל״). אין דעם איבערגעבן דאס דאזיקע ווירקלעכע לעבן געפינען ווייסענבערגס ספּעציפישע איגנשאפטן פון קלארער פלאסטישער שילדערונג, פּינקטלעכער אבסערוואציע און געפּרעסטן אויסדרוק — די בעסטע מעגלעכקייט זיך צו רעאליזירן. ווייסענבערגס העלדן פון דער אונטערדריקערישער וועלט, ווי אויך ארבעטער פון אלטן שניט, וואס ליידן און שווייגן, ווי מנחם דער שוויגער, נאטע דער לאנגער א. א. זיינען געגעבן אזוי בולט און קלאר, מיט אלע זייערע כאראקטעריסטישע תנועות און באוועגונגען, אז מיר הערן זיי רעדן און דורך. פון ווייסענבערגס שארפן בליק פארשווינדט נישט דער מינדסטער שטריך, די סאמע דינסטע סיטואציע. ווייסענבערג דערציילט נישט וועגן זיינע העלדן, פּסיכאלאגיזירט נישט סתם אין דער וועלט אריין, נאר הייבט ארויס מיט א וואונדערלעכער פשטות און קלארקייט די העלדן גופא אין זייער סאמע טיפּישער האנדלונג און אין דער סאמע כאראקטעריסטישער פאר זיי סיטואציע. א דאנק דעם, זיינען זיינע געשטאלטן טיף אינדיווידואליזירט און גלייכצייטיק דערהויבן צו פאראלגעמיינערטע טיפּן.

דאס האט אבער א שייכות בעיקר צו די נעגאטיווע געשטאלטן פון דער אונטערדריקערישער וועלט און צו די ארבעטער פון אלטן שניט, צו די פּאסיוו־ליידנדיקע. דעם ניי־אויפקומענדיקן ארבעטנדיקן מענטש, דעם אקטיוו־ווירקנדיקן און קעמפנדיקן זעט נאך דערווייל ווייסענבערג און שילדערט געווענג, איינזייטיק און סכעמאטיש, ערטערווייז אפילו שאבלאניזירט. די רעוואלוציאנערן קומען ביי אים ארויס — מענטשן אין „קאפּעלושלעך מיט מאדנע בלאסע פּנימער און שטילע אויגן״, און די שטרייקערס — יונגען, וואס דרייען זיך ארום אין מארק מיט די הענט אין די הויזמאשן און סודען זיך. די אנפירער פון די ארבעטער אין שטעטל קליבן זיך נישט פונאנדער אין די פּראגראמען און פּארטייען. די שטרייקן און דעמאנסטראציעס, וועלכע ווערן דארט געמאכט, זיינען סטיכישע, אפּגעהיטענע פון דער אלגעמיינער באוועגונג („און פלוצים, פון דער העלער הויט, מען הייבט נאך נישט אן צו וויסן, ווערט א שטרייק ביי אייזיק פייגל־ליבעס — — — ״) און די עקספּראפּריאציעס — לעכערלעכע

(בײַם שוחט דאָס לעבל ברויט און צען קאָרבן). יאָקל סטאָליאַר און אי־טשעלע פֿון „שטעטל“ זײַנען נאָך נישט קײן אינדיווידועלע געשטאַלטן. זײער לשון איז אָפֿט אַ פּאַפּירנס און זײער באַנעמען זיך — קאַריקאַטור־אַרטיק. שוין אָפּגערעדט פֿון די „וואַרשעווער“, וועלכע קומען אַהײם אויף די ימים־טובֿים און ברענגען מיט זיך די נײַעסטע רעוואָלוציאָנערע לידער און דעם רעוואָלוציאָנערן גײַסט פֿון גרויסשטאָטישן אַרבעטער. זײ ווײַזט ווײַסענבערג בלויז פֿאַרבײַגײענדיק, אָדער בעסער געזאָגט, דערמאָנט בלויז וועגן זײ. ווי ווײַט זײַנען די דאָזיקע אַלע געשטאַלטן פֿון דער פֿולקאָמענ־הייט, מיט וועלכער ווײַסענבערג שילדערט די אַלטע וועלט, ווי ווײַט פֿון דער פּסיכאָלאָגישער פּאַרטײַיקייט און אויסשעפּלעכקייט, פֿון דער אױס־דריקלעכער פּלאַסטישער קלאָרקייט און רעאַליסטישער בילדלעכקייט פֿון אַ ר׳ עוזר („דאָס שטעטל“), פֿון אַ שלמה מיט די בנים („אַ טאַטע מיט בנים“), אַ נאָטע און זעליג („דור הולך ודור בא“), אַ מנחם און ר׳ נאָטל („צום אידיעם אויף קעסט“), אַ דבֿורהלע („די משוגענע און דאָרף“), אַ רבֿקהלע („אַ שלעכטע פּרוי“) און פֿיל אַנדערע. ווײַסענבערגס אומ־פֿעיקייט צו געבן אַ פֿאַרגאַנצטע קינסטלערישע געשטאַלט פֿון אַ באַוווסטזיניקן אַרבעטער פֿון זײַן צײַט, צו דערזען און שילדערן די נאָטעס און מנחמס נישט בלויז אין זײער פּאַסיווער נאַכגיביקייט, נאָר אויך אין זײער בונט און פּראָטעסט, לויט דער רעאַלער און נויטווענדיקער טענ־דענץ פֿון זײער אַנטוויקלונג, און לויט דעם, ווי זײ האָבן שוין ווירקלעך אָנגעהויבן אויסצוזען — די דאָזיקע אומפֿעיקייט ווײַסענבערגס שטאַמט קודם־כּל פֿון זײַן נישט פֿאַרשטײן די פּראָצעסן, וועלכע זײַנען פֿאָרגעקומען צו יענער צײַט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. ווײַסענבערג איז פֿול מיט שנאה צו די אונטערדריקער און קאָן אויסגעצײכנט אַלע זײערע גענג; ער ווייסט די לײדן פֿון אונטערדריקטן אַרבעטנדיקן מענטשן און איז אינגאַנצן באַקאַנט מיט זײַנע איבערלעבונגען, ער זעט שוין אַפֿילו קלאָר דעם קאַמף, וועלכער בינדט זיך פֿונאַנדער צווישן דעם אַרבעטער און זײַנע אונטער־דריקער, אָבער ער זעט נישט און באַנעמט נישט קלאָר די פּערספּעקטיוון פֿון אָט דעם קאַמף. די דאָזיקע אידעיִשע באַגרענעצטקייט ווײַסענבערגס איז די סיבה פֿון זײַן קינסטלערישער באַגרענעצטקייט אויף דעם געביט; און זי שפּיגלט זיך אָפּ נישט בלויז אויף דער פֿאַראײנפֿאַכונג און סכעמאַ־טישקייט פֿון די אַרבעטער־געשטאַלטן, נאָר אויך אויף זײער קאַמף, וועל־כער בײַ זײַן גאַנצער עקספּרעסיע און פּלאַסטישקייט אין זײַן אויסערלעכער שילדערונג, איז אָפֿטמאָל נישט פֿאַרשטענדלעך פֿאַר די קעמפֿער גופֿא.

„ס'איז נישט פאַראַן — זאָגט יעקל סטאָליאַר צו ד' עוזרן — צי עס קומט יאָ, צי עס קומט נישט.. אַזוי פירט זיך אין וואַרשע אויך, און אויף דער גאַנצער וועלט: אַז מען שטרייקט, שטרייקט מען...״ און נאָך דעם געשלעג פון די „אחדות״־לייט מיט די קצבים און באַלעבאַטים זיינען „פלוצלינג אין אַלע ווינקעלעך אויף איין מאָל אַלע פנימער שטיין געבליבן, ווי אָפּגעשמועסט זיך, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און געקוקט זיך אין די אויגן אַריין, ווי פרעגנדיק זיך: וואָס איז דאָ געווען...״

און ווען מען האָט איבערגעגעבן וועגן דעם געשלעג דעם פּיריצער, יעקל סטאָליאַר, האָט „זיין בלאַסלעך געזיכט זיך צעשמייכלט, קוקנדיק אויף זיין יונגן חייל: עס שאַט נישט אַמאָל „מעראַר״ אויך... האָט ער גוטמוטיק מיטן קאָפּ צוגעניגט.״ אַזאַ אומקלאָרקייט אין באַנעמען די ציל פון קאַמף און אַזאַ גוטמוטיקע צוגעניגטקייט צו אומזיניקע געשלעגן, אָדער ווי יעקל סטאָליאַר רופט זיי — מעראַר — האָבן פולשטענדיק אַנטשפּרעכט די קליינבירגערלעכע פאָרשטעלונגען, אין וועלכע עס האָט נאָך געשטעקט דער יידישער בעל־מלאכה און טיילווייז אויך דער אַרבעטער אין דעם קליינעם שטעטל פון יענער צייט. דאָס נישט פאַרשטיין די ווירקלעכע רעוואָלוציאָנערע סיבות און כוחות, ווי אויך דאָס נישט קלאָרע באַנעמען דעם ענדגילטיקן ציל אין גייסט פון דער אמת־מאַרקסיסטישער רעוואָלוציאָנערער לערע, האָט וויסענבערגן אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערפירט צו פולשטענדיק קליינבירגערלעך־רעאַקציאָנערע פּאָזיציעס און צו פולשטענדיק קינסטלערישער אויסגעשעפּטקייט. אָבער שוין אויף דעם ערשטן, שעפעריש־פּרוכטבאַרן און קינסטלעריש־שטיגדיקן עטאַפּ פון זיין שאַפן האָט אַזאַ באַנעמען פון די געשעענישן געמוזט דערפירן צו סטיכישקייט און נאַטוראַליסטישער שילדערונג פון פּרטים, און אַלס נייטווענדיקער פּועל־יוצא דערפון — צו פערספּעקטיוולאָזיקייט, מיט וועלכער עס ענדיקט זיך סיי „דאָס שטעטל״, סיי די אַנדערע דערציילונגען וועגן אַרבעטער־לעבן.

דאָך, נישט געקוקט אויף די וועזנטלעכע בלויזן אין וויסענבערגס שאַפן, איז וויסענבערג, ווי שוין אויבן געזאָגט, אַ רעוואָלוציאָנערע דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור, סיי אידעאַליש, סיי קינסטלעריש.

אידעאַליש — מיט זיין ערשטיקן בלויזן באַשטעטיקן די עקזיסטענץ פון קלאַסן־קאַמף אין דער יידישער סביבה, מיט זיין אָפּלייקענען די רעאַקציאָנער־ראָמאַנטישע, סענטימענטאַל־צביעותדיקע כלל־ישראל־

דיקייט, ווי אויך מיט זיין אַרויספֿירן דעם אַרבעטער גופֿא, ווי אַ זעלבסט־שטענדיק־האַנדלדיקע אַקטיווע פֿיגור.

קינסטלעריש — מיט זיין קרעפֿטיקן קאָמפּראָמיסלאָזן רעאַליזם, אַ שטענדיק באַהויכטן מיט אַ טיף לירישן, פּאַטעטישן אָטעם, מיט זיין געזונטן פֿאָלקסטימלעכן הומאָר, וועלכער מאַכט נאָך בולטער דעם אמת פֿון די געשטאַלטן און סיטואַציעס און הייבט זיי אַרויס אין אַ ספֿערע פֿון רואיקער אָביעקטיוויטעט, און מיט זיין אייגנאַרטיקן אופֿן און טאַלאַנט אינטים צוצואייגנען דעם לייענער די איבערלעבונגען פֿון זיינע העלדן און די שטימונג פֿון יעדער סיטואַציע נישט דורך ווערטער און באַשרייבונגען, נאָר ווי דורך אַן אַנשוילעך אָפּמאָלן זיך אין קאָנקרעטע האַנדלונגען און אין לעבעדיקער דינאַמישער באַוועגונג. די דאָזיקע אַלע אייגנשאַפֿטן פֿון ווייסענבערגס אָרשפּרינגלעכן טאַלאַנט קומען אויף בולט אין זיין ווערטן שאַפֿונגס־פּעריאָד און העלפֿן אים צו מיט דער טיפֿסטער קינסטלערישער איבערצייגעוודיקייט אויפֿצודעקן די שונאים פֿון פֿאָלק און זיינע פֿאַרפֿירער.

ווייסענבערג ווערט דער ערשטער און איינציק לעגיטימער, דירעקטער יורש פֿון די יידישע קלאַסיקער, און זיין שאַפֿונג — איינער פֿון די פּראָגרעסיווסטע רינגען אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער אמתער און עכטער יידישער פֿאָלקס־ליטעראַטור.

פֿון י. מ. ווייסענבערגן האָט די יידישע ליטעראַטור זיך נאָך פֿיל צו לערנען. זיין קינסטלערישע ערלעכקייט, קאָנקרעטע בילדלעכקייט און שעפֿערישער רעאַליסטישער מעטאָד, מיט דער הילף פֿון וועלכן ער האָט אַזוי חריפֿת און עקשנותדיק אויפֿגעריסן די דעמלטיקע ווירקלעכקייט, דאַרפֿן ווערן אַן אָביעקט פֿון אַ געטרייעם שטודיום און אַלזייטיקער פֿאָרשונג, כדי זיי צו קאָנען אָנווענדן מיט דערפֿאָלג אין די געענדערטע באַדינגונגען פֿון אונדזער צייט.

י. מ. ווייסענבערג האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיין שאַפֿן די פּראָגרעסיווע ירושה און טראַדיציע פֿון יידישן פֿאָלק קעגן פֿינצטערניש און אונטערדריקונג, האָט טריי געשילדערט דעם קאַמף פֿון אַרבעטנדיקן מענטש פֿאַר פֿרייהייט, און ער וועט דעריבער אויף שטענדיק בלייבן באַליבט ביים יידישן פֿאָלקס־מענטש.

ד. ספֿאַרד

# א שטעטל

צווישן מנחה און מעריב איז עס געווען. דער עולם איז אין בית־המדרש. פארן עמוד און אין די העגגלייכטער ברענען ליכט. און די ליכט־פלעמלעך טיקן זיך אין רויך פון די פאפיראסן, און בלישטשען ארויס ווי פון א נעפל, וואס האט זיך צעלייגט אונטערן בעליק. דער עולם איז רעדלעכווייז פאר־שמועסט. דער מיטלסטער אין רעדל רעדט און אלע ארום ליגן די אויערן צו מיט אנגעבויגענע קעפ און פארקנייטשטע שטערן. מען ריכט זיך שוין איפן יום־טוב, וואס דארף קומען אין שטעטל גלייך מיטן געוויסער, באלד ווי דאס איז וועט פלאצן און דער טייך וועט זיך איבער פעלדער און לאנ־קעס צעגיסן, פלויטן און ברעטער מיטשלעפן און ערגעץ אין דער ווייטער וועלט ארייטראגן. מען ריכט זיך, און דער עולם איז פארטון. קרעמער ווייסן שוין היינט נישט אויף וואסער זייט די דאשקעס שטייען זיי... ספרא־וונקעלעך צו באזארגן, ראזשינקעס אויסצופאקן, אויסצווועגן — וואס א שטעל דארף אלץ! בעלי־מלאכות, שניידערס צומיינסט, האבן שוין בלא־סע, אויסגעצויגענע פנימער מיט רויטע אויגן געקריגן, און שטיל, ווי די הינדלעך פארנאכט, שטייען זיי און דער שלאף, דאכט זיך, ליגט זיי אויף דעם שפיץ פון די בלאסע נעז. שוסטער, בפרט היגע שוסטער, וואס אר־בעטן שטיוול פאר די גרויסע שטעט, — זיי איז אלץ איינס, זיי זיינען היינט נישט ברודיק מער, ווי א גאנץ יאר. ביסלעכווייז שטייט מען און מען רעדט מכוח „אגולניקעס"*) — יעקל בריסקער און נחום האמעלער, וואס וועלן קומען באלד נאך פסח אין שטעטל אריין און מאכן א „רוים", אז דער רוח זאל עס כאפן. די חברה קצבים, יידן מיט פליישיקע, רויטע פני־מער, מיט פוטערנע היטלעך אויף די קעפ, איבער די אויערן אראפגערוקט,

*) אן אנגרא־אויסארבעטער.

און מיט דינע גארטעלעך אויף די דיקע, פארפעצטע קאפאטעס, האבן זייער באזונדערן טיש, קעגנאיבער דעם בעל־עגלה־טיש. זיי זיצן אנגע־לענט ביי דער וואנט און די אויגן פינקלען אפער פון אונטער די טיפע היטלען... היינט, די יום־טוב־וואך, איילט מען זיך נישט אין שעכט־הויז אריין, קיין גרויס שחיטות וועט נישט זיין, די באלעבאסטעס וויסן שוין נישט, צי זיי לעבן אויף דער וועלט — נאך פלייש אין זין צו האבן!... פאר דאס זיינען שוין די מלמדים פארדרייט: צווישן מנחה און מעריב באפט מען א קוק אין „פסחים", וואס איז אינדערהיים נישט „בנמצא"... א טייל דערזאגן א מסכתא; אנדערע קומען אפ מיטן זוכן איבער דער ספרים־שאנק, ארומפירנדיק מיטן חלבן ליכטל איבער די אפגעריסענע רוקנס פון די גמראס. נאר גאר אין סאמע הינטערן אויוון, פארוקט אין דער האלב־פינצטערניש, שטייט רואיק א קופקעלע יונגוואַרג, זיי גייט דאס גארנישט אן. מיט שיינענדיקע פנימער, היטעלעך אויף די שפיץ קעפ, שטייען זיי און קוקן מיט וווּנדערלעך־פארגאפטע אויגן אויף יעקל סטאַ־ליאר, א גרויסן יונג, וואס איז געשטאנען אין דערמיט און גערעדט עפעס געלאסן, מיט א זיסן שמייכל אויפן בלאסן געזיכט, און ער האט זיך באַ־האלפן מיט דער האנט אהין און אהער...

איבערן בית־המדרש ווערט דאס גערודער גרעסער. דאס געדעדערײ טראגט זיך אונטערן בעליק און רוישט אין אלע ווינקעלעך. די ברענענ־דיקע ליכטלעך אין די הענגלייכטער טריפן איבער די קעפ, נאר דער עולם איז פארקאכט צווישן זיך. פלוצלינג האט זיך דאס אלץ ווי איבער־געריסן. א זעץ אין שולחן אריין — און דער עולם האט די קעפ א כאפ געטאן אין דער הייך, די אויגן אויסגעגלאצט צום שמש, וואס איז גע־שטאנען גרייט אויף דעם באלעמער מיט אן אפן מויל עפעס אויסצורופן. די יונגע חברה האט זיך א לאז געטאן פון הינטערן אויוון אפער, יעקל סטאליאר בראש. זיי האבן דעם שמש ארומגערינגלט, און ער האט אנגע־הויבן: „רבותי", — האט ער זיך צעשאקלט, מיט די אויגן צום בעליק ארויף, גלייך ער וואלט דארט געזען, וואס ער דארף אויסרופן, — „רבותי, איך בין אייך מודיע מדעת הרב ומדעת הקהל, אז יום־טובדיק מעל אריינ־צוברענגען פון אנדערע שטעט האט קיין שום הכשר נישט, איז אזוי גוט ווי חמץ: ביי ר' אברהמלען איז היי־יאר דאס מעל — עלף גילדן א פוד, און מעות־חטין פאר געמיינע לייט, אפגעקומענע מענטשן — ביי אליהון"... אפגעזאגט און אראפלאזנדיק דעם קאפ מיטן שפיץ־בערדל אויף די פאר־פעצטע לאצן, האט ער זיך אנגעהויבן אראפצולאזן פון די באלעמער־טרעפלעך.

דער עולם איז דערפרישט געווארן. די פנימער האבן אויפגעפלאמט: ס'טייטש? מען גלעט די בערד, מען בייסט די שפיצן, מען היצט זיך און מען שאקלט צו מיט בײדע הענט, דאס בית־המדרש קאכט, ווי א קעסל.

— רבותי... — האט זיך ווידער דערהערט א קול, א פארזונקן קול, ווי פון אונטער דער ערד אפער און — א פאטש אין שולחן אריין.

דער עולם קוקט און גאפט — יעקל סטאליאר מיט א גאנצע חברה. ער איז בלאס, דערשראקן, די אויגן פינטלען:

— רבותי... מען טאר נישט... מען באשטייט נישט... ארעמע ארבע־טערס געלט... מען מעג ברענגען מעל — נישטא קיין מאנאפאל!...

דער עולם שטייט און קוקט מיט אויסגעשטעלטע אויגן און אפענע מיילער. האט זיך ערשט א דין קולכל פון דער מזרח־וואנט דערהערט, וואס האט די איינגעהאלטענע שטילקייט דורכגעשניטן.

— אראפ, יונגאטש, ארצי־מחוצף־פנים!

— אראפ, אראפ! — איז געווארן א געשריי, א געטומל פון אלע זייטן און חברה קצבים האבן זיך שוין א לאז געטאן אויפן באלעמער ארויף... איז דארט געווארן א מהומה צווישן בליצנדיקע פנימער און א געווארפעריי מיט הענט איבער קעפ און קעפ איבער הענט. א ים קולות האט זיך פארקאכט און אויסגעמישט. יעקל סטאליאר איז פון באלעמער אראפגע־פלויגן און איז ארויס אנטלאפן מיט א גאלן קאפ און מיט א צעבלוטיק־טער נאז פון בית־המדרש.

איז ער אפגעלעגן ביז ערב־יום־טוב. ערשט ערב־יום־טוב בייטאג, ווען מען האט די פענצטער אויפגעמאכט, די פייגעלעך האבן געפישטשעט מיט גרויס בענקשאפט, און די זון האט די שטוב אויסגעווייסט מיט א שטילער אויפגערייכטער ליכטיקייט, איז יעקל פון בעט אראפ און איז פון שטוב ארויס.

א שטילע אויפגערייכטע זון האט געלויכטן איבערן מארק, די פענצ־טער פון די מארק־געוועלבער האבן חנעוודיק געבלישטשעט. ערטערווייז איז שוין טרוקן געווען, זאמדיק, נאר אין די ראוועס פאר די „פאטשינעס" האבן זיך נאך דינע וואסערלעך געצויגן און צונויפגעגאסן זיך אין געסל באַרג־אראפ. און צונויפגעגאסן האט עס זיך שטיל מיט א פריילעך גע־שעפטשעריי, און אונטערגעברומט האט עס שטילערהייט, ווי מען שלע־פערט איין קינדער. און גערופן האט עס זיי, די קינדערלעך מיט די צע־שפאלטענע מייטקעלעך, זיי זאלן קומען גרובלען מיט רויטע, איינגענעצטע הענטלעך, שטרולקעלעך צו קלויבן...

און אָפן געפּראַלט איז טיר און פענצטער געשטאַנען. דורך די לעכער פון די ביידעמס האָבן קלאָרע, ווייסע ציכן אַרויסגעהאָנגען און יום־טוב־דיקע ווייבערשע קליידער; דאָס ווינטל האָט אויף זיי געבלאָזן, געגלעט און געשפּילט זיך מיט זיי און אונטער זיי אין באַהעלטעניש; און דורך די אָפענע פענצטער ווינקען אַרויס אויסגעקאַלכטע קוימען־אויוון, און קוקן מיט אַ באַהאַלטנקייט אין מאַרק אַריין, אויפן ליכטיקן דרויסן, און באַהאַלטן זיך, דאַכט זיך, און קופּלען זיך איין אין די ווינקעלעך, ווי אויסגעצירטע כלות, ווען דער חתן איז שוין פאַרן פענצטער געקומען אָנצופאָרן. און פאַר די טירן שטייען שוין ווייבער, האַלב יום־טובדיק אָנגעטאָן, און כשרן נאָך אַ קובל, אָדער אַ לאַנגע הילצערנע באַנק, און אויף די בלאַסלעכע געזיכטער דערקענט זיך שוין אַ שיינענדיק־מידער שמייכל פון: „געלויבט ביסטו גאָט, וואָס מיר האַלטן שוין אַזוי ווייט"... מאָניש גלעזער טראָגט שוין אַ היים עטלעכע נייע שינדלען צו פאַרדעקן זיין רויט געפאַרבט טישל. און חיים־יונה מלמד, וואָס האָט ערשט היינט, דאַכט זיך, דעם רוקן אויסגעגלייכט פון אַ גאַנצן ווינטער, טראָגט אויך די איבערגעטובלטע כוסות אין אַ נייער, רויטער פאַטשיילע אַ היים, ווי ער איז זיך נוהג אַלע יאָר. קונדייסים, חדר־ייִנגלעך, טייל שוין אין נייע קאַפּאָטקעלעך, באַגעגענען זיך מיט שמייכלעך אין די אויגן, מיט אַ בלעק אַרויס דאָס ציגל און — אַ פּאַטש מיטן הענטל אויף די שויס איבער די אָנגעפּילטע קעשענעס ניס... אַפילו דאָס דינסט־מיידל פון שענק האָט זיך שוין די האָר פאַרקעמט, אַ בלאָ בענדל אין צאָפּ איינגעפלאָכטן, און טראָגט אַ „סטעמפּע" אויף מצה־מעל. דער אַלטער „סטרוזש" פון די מאַרק־געוועלבער פאַרעט זיך אַרום מיטן לאַנגן בעזים אין דער האַנט און שאַרט צונויף די ביסלעך שטרוי און צעריבענע „גראָכאָווינעס", וואָס וואַלגערן זיך פאַר די טירן אַרום, נאָך די פּאָדלאָגעס אויסקערן און דעם חמץ־פאַרברענען. ער שטאָפּט־אָן אַ ליולקע טאַבאַק, בלייבט שטיין פאַרטראַכטערהייט, מיטן בעזים אונטערגעשפּאַרט אונטערן אָרעם, לאָזט קופּקעלעך רויך איבערן קאָפּ, און די אויגן פון אונטער די ברעמען קוקן שטיל אין דער לופט אַריין... עס כאַפּט אָן אויף אים אַ גרויס רחמנות. עס דאַכט זיך, אַז פאַר אים אין זיין גרויסער סוקמאַנע און דער קוטשמע אויפן קאָפּ איז שוין קיין שום תקומה נישטאָ, און ער וועט שוין פאַרבלייבן אויף ווייטער ביים ווינטער... און דאָ, דער זומער ווינקט פון אַלע באַהעלטענישן און שפּאַלטן אַרויס. דאָס ווינטל הויכט מיט אַ ליבע, פרישע וואַרעמקייט, וואָס מישט זיך אויס מיטן געפּישטשעריי פון די פייגעלעך, וואָס טאַנצן אויף די

שפּיצן דעכער, מיט אויפגעהויבענע, געטרייסטע קעפּעלעך צום ווייטן בלאָ־
ען הימל, און די וואַסערלעך פון אונטן רוישן, פּלוידערן און גיסן זיך
צונויף אין טייך אַריין און מישן זיך אין די וועלן אויס, וואָס טראָגן זיך
איינע נאָך די אַנדערע איבער דער גאַנצער ברייט טייך, ווי לענגלעך־
שוואַרצע רוקנס, און דערהויבן זיך און פאַלן איין איינס נאָך ס'אַנדערע,
אויף און אָפּ, אויף און אָפּ, מיט מיליאָנען בלישטשענדיקע אייגעלעך פאַר
דער ליכטיקער זון, וואָס קוקט אויף זיי מיט אַ ליבע וואַרעמקייט, ווי
אַ מאַמע קוקט אויף אירע לוסטיקע קינדערלעך. און דאָס געפּלעשטשע־
ריי טראָגט זיך אין דער לופטן צעגיסט זיך אַרום און אַרום! און די וועלן
אײַלן און יאָגן זיך זייער וועגס אונטער דער בריק אַרונטער, און וואַרפן
זיך אויף די זײַלן מיט אַ געפּאַטשעריי, און צעשפּריצן זיך אין דער לופט
אין ליכטן ווי טויזנטער שפּריצלעך קאַלט־וואַסער, און אַרום און אַרום קאָכט
עס און שוימט. לייבן־רוקנס, דאַכט זיך, קריכן אַרום אונטער די זײַלן מיט צע־
פלאָשעטע גזשיוועס און וועלן זיי באַלד אונטערבײַסן און אומוואַרפן. און
ווייט איז דאָס פעלד פאַרגאָסן, מיט אַ בלאָען הימל איבערגעצויגן. נאַקע־
טיקע שפּיצן פון פאַרטריקנטע צוימען קוקן פון וואַסער אַרויס, ווי שטו־
מע שעפּסענע קעפּלעך, וואָס האַלטן ביי דערטרונקן ווערן און בעטן
רחמים ביי דער אַרומיקער, ווייסער וועלט.

און דאָס וואַסער רוישט, רוישט און קאָכט.

און אויפן שאָסיי האָט זיך אַ גערויש פון רעדער דערהערט. און
באַלד איז אַ וואַרשעווער פור געגעבן אַ קום אָן און אַ שטעל זיך אָפּ
אויף דער בריק, און די פערד האָבן די קעפּ פאַרוואָרפן, אײַנהאַלטנדיק
זיך מיט פאַרשאַרצטע מײַלער און אויסגעשטעלטע ציין מיט שוים, אַז דער
דישעל האָט זיך קאַפּויר אויסגעשטעלט.פריילעכע, יונגע שטימען האָבן
שוין געקלונגען, און שײַנענדיקע פּנימער, מיט פּאַצעטישע היטעלעך אויף
די קעפּ, האָבן זיך פון דער בויד אַרויסגעוויזן. איינער נאָך דעם אַנדערן
שפּרינגען זיי אַראָפּ — וואַרשעווער געסט!... דורכאויס געפּרעסטע קעל־
נערלעך, רויטע אָפּגעשמיסענע בעקלעך פון ווינט, און די אייגלעך פון
אונטער די דאַשעקלעך קוקן גאָר „ממזריש”... אַ ביסל פאַרשייט, נאָר
ס'שאַדט נישט — אָנגעלייגטע געסט וועלן זיי זײַן.

געכאַפּט די פּעקלעך, טייל די קײשלעך, אונטער די אָרעמס, און מיט
שמייכעלעך און אויפגעהויבענע לויטערע אויגן אויף די הייזלעך, געלאָזט
זיך לויפן אַ היים, וווּ נישט איין מאַמע האָט געכאַפּט און אָנגעוואָרפן

אַ באַנק, אָדער אַ ברעט אין מיטן כשרן, און אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין מיט אַ גדולה...

און דער יום־טוב איז אָנגעקומען.

---

דער ערשטער טאָג יום־טוב.

עס איז נאָך פרי. די זון האָט זיך ערשט אויפן בלאָען הימל אַרויס־געגרוקט און מיט אַ פריש רויט פּנים צו די שטילע גאַסן אַראָפּגעקוקט. אַ שטילער נחת דרעמלט אויף די לויטערע פענצטער. די שויבן בלאַנקען. די ווייסע פאַרהענגלעך האָבן זיך, ווי צניעותדיקע פאַרטעכלעך, אַראָפּ־געלאָזט, אַ שטילע, הייליקע רו צו פאַרבאַרגן, ווינקן צו דער גאַס, סודות־דיק שטיל...

נאָר פּיזול „טשעלענטניק" האָט זיך שוין פאַר דער טיר אַרויסגע־שטעלט, אין ווייסן פּיקענעם לייבל מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס; נייע הויזן, נייע שטיוול און אַ ביי קאַפּל אויפן קאָפּ. און ער האָט נאָך דעם ערשטן געגעץ אַרויסגעלאָזט אין דער שטילער גאַס אַריין מיט אַן אויפגע־הויבענעם קאָפּ און אַרויסגעשטעלטער רונדיק־געלער באָרד, מעג מען שוין זיכער זיין, אַז די גאַס וועט זיך שוין אויפכאַפּן פון שלאָף. עס גע־דויערט אַ ווילע און ער האָט שוין אַרום זיך אַ קופּקעלע שכנים, אַ בעל־הבתיש רעדל. און ער, פּיזול, דערציילט איך מעשיות מיט אַן אויסגערוט פּנים, מיט אַ באַלעבאַטישקייט אין טאָן, און עדותט זיך גאַנץ אָפּט מיט זיינע אייגענע צוהערער וועגן דעם, וואָס ער דערציילט זיי. און פרעגט עמעצער עפּעס איבער, ענטפערט ער צוריק, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ: האָ־האַ־האָ!... און דערביי דאַכט זיך, אַז אָט, אָט, וועט ער צופּייפן. און פון וואָס ער זאָל נישט דערציילן, וועט ער איך שטענדיק אַרויסקומען אויף שאָסיי־מעשיות — אויף דעם „מילאָסנער" וואַלד, אויף די גנבים פון „זאַקרעבנט", אָדער פון „סטאַרע־וויעש"... אזוי, אַז האָר און נעגל שטעלן זיך קאַפּויר. פאַר דאָס כאַפּט ער זיך נאָך אַרויף אויף די פּראַגער סוחרים, ווערט דער טאָן גאָר אַנדערש... פילט איר אַ מין רחבות, אַ ברייטקייט. דער בויך צעוויגט זיך, דער קאַרק וואַקסט, און אפילו דאָס קול ווערט גאָר אַנדערש; זעטיק ווערט עס. און ער וועט איך נישט מיד ווערן אַ שעה און צוויי אויך. צוהערער גייען אַוועק, אַנדערע קומען צו, און ער שטייט זיך אויף איין אָרט און טוט זיך זיינס; ביז דאָס ווייב, מיט דעם ווייסן טשי־פּעקל אויפן קאָפּ, שטעלט צו דאָס פּנים צו דער שויב און פּויקט אַרויס־

צו אים: „הער נאַר, הער נאַר... דער טיי ווערט דאָך קאַלט!...‟ אַז נישט קומט אַרויס די „מויד‟ מיט די רויטע קרעלן־באַקן, מיט די שליסעלעך, פאַרשטעקט אין נייעם פלוטשענקענעם פאַרטוך, שטעלט זיך אַנידער אויף דער הויז־שוועל, פאַרלייגט די הענט אויפן פראַנט... עס דאַכט זיך, אַז ווען זי לאָזט וועמען אַראָפּ אַ „כמאל‟, לייגט ער זיך באַלד אויפן אָרט. שטייט זי אָבער מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן ביז דער פאָטער מאַכט אַ „הפסק‟ און דעמלט טוט זי אים אַ כאַפּ: טאַטע, אפשר וועט שוין זיין גענוג?...

דער עולם באַלעבאַטים צעגייט זיך.

אויף דער גאַס הייבט זיך אָן אייניציקווייז צו באַוויזן דאָס יונגוואַרג: מיט צעלאָזטע סאַקלעך, מיט הויזן־וועסט איבער די קאַמאַשלעך, שיין פאַרשווירענע פּאַהלעך און אויסגעלייגטע ווייסע קעלנערלעך. מען באַ־געגנט זיך מיט שמייכעלעך אויף די פּנימער, אַ שאָקל מיטן קאָפּ און מען שטעלט זיך אָפּ. באַלד ווערט אַ גאַנץ רעדל, און, אַז איטשעלע קאַמאַשן־מאַכער קומט נאָך אויך צו, — אַ יונג אין אַ פּאָר לאַקערקעס, מיט אַ העל סאַקל און אַ גלאַטיק אָפּגעראַזירט פּנים מיט פינקלענדיקע אויגן אונטערן קליינעם דאַשיקל, — ווערט שוין גאָר לעבעדיק. מען פּרוווט זיך שוין אַ שטופּ טאָן איינס דאָס אַנדערע, מען כאַפּט זיך ביי אַן אָרעם און מען דערטאַפּט דערוויילן וויפל כוח ביי יענעם איז דאָ, און עס ווערט אַ גע־לעכטערל. און גייען פאַרביי ייִנגע, אויסגעצירטע ווייבלעך אין שול אַריין, מיט די ביינערנע סידורים אין די ווייסע טיכלעך איינגעוויקלט, וואַרפט חברה אויגן און מען שיקט זיי נאָך ווערטלעך, אַז די ווייבלעך ווערן רויט און לאָזן די אויגן אַראָפּ, ווייטער גייענדיק ווי דורך אַ בראַנד. און תמיד, אין רעכטן פאַרטוענקייט, אין סאַמע בעסטן, גיט זיך יעקל סטאָליאַר אַ באַוויז, ער אויך אין זיין יום־טובדיקן סאַק, און גייט זיך, דאָס בלאַסע פּנים דערהויבן, די שוואַרצע אויגן גלייך אויסגעשטעלט אויף דער חברה, ווי איינער, וואָס האָט אַלעמאָל גרייט עפּעס נייעס צו זאָגן.

— גוט יום־טוב, חברים! — שטעלט ער זיך געלאַסן אָפּ.

— גוט יום־טוב, גוט יום־טוב. — שאָקלען אַלע מיט די קעפּ.

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס אין אונדזער וואַרשע? — ווענדט ער זיך צו עטלעכע אָנגעקומענע אויף יום־טוב.

— נישקשה. מען רודערט!... עס גייט אַ גאַנג... — ענטפערן די אין געלעכטערלעך.

— מען „דעמאָנסטרירט?...‟

— פרעגט זיך! און מען זיצט זיך אין די קאַוויאַרניעס און מען האַקט זיך מיט די מיילער, אַז דער רוח נעמט עס!

— און שטרייקן?

— אויך... אלץ, אלץ...

אזויערנאָך נעמט יעקל סטאָליאַר אָפּ א גרוס פון „זיין" װאַרשע און צעשמועסט זיך, װאָס א מאָל טיפער — און דער עיקר פרעגט ער זיך אויס, צי מען האָט עפּעס א סך שפּיאָנען אוועקגעלייגט אין דער לעצטער צייט... ווען נישט זיי, װאָלט ער דאָך פאַרשפּאָרט צו זיצן אין דער היים און „פאַרפאָלגט צו ווערן פון פאַנאַטיזמוס"...

נאָר שטענדיק צעקלאַפּט איטשעלע קאַמאַשן־מאַכער יעדן וויכטיקן שמועס:

— קומט, חברה, — גיט ער א רוף, — א סוף, אריין צו מאַטעלען, װעלן מיר מאַכן א יום־טובדיקן שנאַפּס.

און חברה שאַרט זיך אריין צו מאַטעלען, אין א גלעזערנער טיר, װאָס וויזט ארויס אין גאַס אריין א טשייניק אויף א בלעכן שילדל, מיט איין אויפגעשניטענע לימאָנע און א גלאָז מיט א טיי־לעפעלע — און דאָס אלץ איז אויסגעמאָלט אין איין קאָליר — געל.

און געדויערט נישט לאַנג און עס ווערט שוין א געזינגעריי, װאָס לאָזט זיך אויף דער גאַס ארויס הערן:

„ברידער און שוועסטער פון ארבעט און נויט,
די אלע, װאָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט"...

דאָס האָבן די װאַרשעווער געבראַנגט אהין ליד, װאָס יעקל סטאָליאַר האָט נאָך נישט די זכיה געהאַט צו הערן ביז היינט. די בייערע געפעלן אים שענער: „װאָס אמאָל גייט עס פאָרווערטס"... — טראַכט ער זיך מיט א גליקלעכן שמייכל אויפן בלאַסלעכן געזיכט.

און אז יידן גייען פון שול, מיט די טליתים אונטער די אָרעמס, און שטעלן זיך אָפּ פאר דעם געזאַנג, צי זיינען נישט אמאָל זעלנער אָנגעקומען... שטייט יעקל סטאָליאַר מיטן פּנים אין דער שויב און קוקט ארויס מיט שטילער, ליכטיקער האָפענונג אויף די אויגן, און אויף די ליפּן שוועבט אַן אויסגעלייטערטער שמייכל: „װאַרט, װאַרט, אלטע נאַראָנים, איר וועט שוין שפּעטער געוואָר ווערן"... פון איין זאַך נאָר האָט ער גרויס צער — ס'איז נישטאָ, װער עס זאָל קאָנען זיי, די ארבעטער, גוט דער־קלערן זייער לאַגע. ווען ער זאָל קאָנען פאר זיי האלטן א רעדע, װאָלט גוט געווען. — א רעדע, אך א רעדע... — זיפצט ער שטיל אָפּ.

איז ער א גאַנצן יום־טוב ארומגעגאַנגען ווי אָן א קאָפּ. האָט ער גע־קלערט און געקלערט — ביז ער האָט עפּעס צונויפגעשטעלט פאר זייערט־

וועגן, און אחרון של פּסח האָט ער געלאָזט צו וויסן טאָן אין דער „מאסע״ אריין, און מען האָט זיך פאַרזאַמלט אונטערן טעפּערס באַרג, הערן, ווי ער, יעקל, וועט עפּעס פאַרלייענען. איז חברה געשטאַנען אונטערן באַרג מיט אויפגעהויבענע פּנימער און אַרויפגעקוקט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם צו יעקלען — איבערן באַרג. איז ער געשטאַנען אין דער הייך, און אויפן בלאַסן פּנים האָט געשפּילט אַ רויטלעכע פאַרב, און די אויגן האָבן געגלאַנצט, גלייך צוויי נשמה־קנייטלעך האָבן זיך אָנגעצונדן, האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר, מיט גרויסע אותיות, האָט אַ קוק אַראָפּ געטאָן צום עולם און האָט אָנגעהויבן צו לייענען אַ שטיקל צום גראַם, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אָפּגעטאָקטע ווערטער און אויך צום גראַם:

„נידער מיט דעם קאַפּיטאַליזם!״

„עס לעבע דער סאָציאַליזם!״

האָט עס דער גאַנצער עולם אונטערגעכאַפּט און געענדיקט מיט אַ געשריי „אורא״, אורא!״

און דעמלט האָט יעקל סטאָליאַר אַראָפּגענידערט פון באַרג און קאַרמישט זיך צווישן עולם, וואָס האָט זיך מיט אָפענע מיילער און פאַרפּלאָנטע פּנימער צוריקגעלאָזט אין שטאָט אַריין מיט אַ געזאַנג.

און מיידלעך אין די יום־טובדיקע קליידלעך, מיט בלאַנקענדיקע, צוגעקאַמטע קעפּלעך־האָר האָבן זיך פון שטאָט אַרויסגעלאָזט מיט גלעזערנע קריגעלעך אין די הענט, אַהיימצוכאַפּן אַ חמצדיקן טרונק וואַסער פון קוואַלן... און ווי זיי האָבן די חברה באַגעגנט און אָפּגעשטעלט זיך ביי יאָסל זייפנזידער אויפן גאַניקל און געקוקט מיט אָפענע מיילער און אויסגעשטעלטע אויגן, האָבן די יונגען די קעפּ אַראָפּגעלאָזט און שטיל געוואָרן...

האָט אָבער איטשעלע, וואָס איז הינטן נאָכגעגאַנגען, נישט געקאָנט באַשטיין און האָט זיי אַ זאָג געטאָן, פאַרוואָס זיי זיינען אַזוינע יאָלדן, און צי זיי האָבן נאָך קיין „מיידן״ נישט געזען קיינמאָל... האָט חברה געשוויגן, און איטשעלע האָט הערוויל ממזריש געשמייכלט צו די מיידן אויפן גאַניק, האָט אַרויסגעשטעלט שטייף די ברוסט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַזוי ווי אָנגעבלאָזן, און געשאַרט דעם טריט אין דער ערד, נאָר אַ פּאָר שפּאָרן אים אָנצוטאָן...

און באַלד נאָך יום־טוב, די פּאַצעטלעך זיינען אַוועק צוריק קיין וואַרשע, „אַגולניקעס״ האָבן זיך אָנגעהויבן אין שטעטל אַריין צו באַווייזן, צו מאַכן אַ „רוים״ און די פאַבריקאַנטן האָבן גרויסע ליידיקע צוקער־פּעסער הינטער

די פענצטער אָנגעגריינט, אָנצופּאַקן זיי מיט שטיוול, — האָבן די „יונגן" שוין אַלץ געהאַט פאַרגעסן, און מען איז זיך געזעסן ביי די וואַרשטאַטן, צו צוועלף, צו פּופּצן מאַן איין א ווערקשטעל, די אַרבל פּאַרקאַשערט ביז איבער די עלנבויגנס, די פּנימער רויט און באַדעקט מיט שוויס, וואָס האָט געריננען ביז איבער דער גאָמבע, און זיי האָבן געקלאַפּט מיט די העמערלעך איבער דער זויל און ווייטער זיך צוגעזונגען דאָס לאַנגסדיקע לידל:

איך האָב געליבט א מיידעלע,
געווען איז זי פון ווין...
איך האָב געליבט א מיידעלע,
געווען איז זי פון ווין...
זי איז אַהיימגעפאָרן צו אירע עלטערן
זען, וואָס זיי טאָן.
זי איז אַהיימגעפאָרן צו אירע עלטערן
זען, וואָס זיי טאָן.

און אַזוי האָבן אַלע געזעלן און די האַנט־יונגען געבענקט נעבעך נאָך דעם שיינעם מיידעלע, וואָס איז פון זיי אַוועקגעפאָרן אַהיים צו אירע על־טערן, און עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די גאַנצע מעשה מיט א שיי־נעם פויגל, וואָס „נישט אַזוי ווייט זיין שיינקייט, נאָר ווי זיין הויך פליען", „וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט א בריוועלע, געווען איז עס פון ווין"... און נאָך און נאָך — אַז איין גאָט האָט זיך געמעגט דערבאַרעמען.

מאַכט זיך אָבער איינמאָל א מעשה, אַז עס איז געקומען אַראָפּצופאָרן עפּעס א פּרעמדער יונגערמאַנטשיק אויף א שבת, און דערצו נאָך אַזוי־נער, וואָס דאָס גאַנצע שטעטל האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן, ווער ער איז, ווייל ער איז נישט איינגעשטאַנען ביי הערשל־מנשהס, ווו אַלע „אָגול־ניקעס" שטייען איין. און עפּעס אַ מאָדנע בריהל'ע איז דאָס: אַן איידלס, מיט א בלאַסלעך, לענגלעך געזיכט, א בלאָ העמדל, אונטערגעבונדן מיט רויטע פּאָמפּאָניקלעך, אַ שפּינקעלע אונטערן האַלדז, אַ שוואַרץ קאַפּעליושל אויפן קאָפּ און שוואַרצע לאַנגע לאָקן ביז איבער די אַקסלען צעלאָזט. און דאָס האָט געשוועבט איבער דער גאַס, גרינג ווי א פייגעלע. איז עס אין שבת געווען, די זון האָט פונקט געשיינט און חברה יונגוואַרג האָט זיך אַרומגעדרייט אַהין און צוריק איבער דער גאַס, עפּעס שטאַרק צערודערט. ווייבלעך און מיידלעך זיצן אויף דער „פּאָטשינע", אַזוי ווי שבת בייטאָג נאָך דעם עסן, אויסגעפּוצט אין די שבתדיקע קליידער און קלאָרע פאַר־מעכלעך — ווייסן שוין אַפילו, וואָס פאַר א קונצן דער „דאָזיקער" וועט

מאכן ביים גלח אויפן הויף... און די חברה יונגען אינמיטן גאס קוקן אים אויך נאָך שטיל און שוויגנדיק און טיילמאָל טוט מען זיך א שמייכל איבער איינס צום אַנדערן. און יעקל סטאָליאַר, זעט מען, קלעפּט גאָר אין אים, שוועבט אויך איבער די גאסן אהין און צוריק און אלעמאָל וואַרפט ער עפּעס אַריין אַ סוד צווישן חברה, נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, ביז דער עולם איז ביסלעכווייז ערגעץ פארשוואונדן געוואָרן און די גאס איז ליידיק געבליבן...

און צומאָרגנס האָט שוין דאָס גאנצע שטעטל געררוישט, אז נישט קיין קונצן־מאכער איז דאָס געווען, נאָר א וואַרשעווער, איינער פון יענע „פּאַרשוינדלעך"... און די יונגען אין די וואַרשטאַטן זיינען עפּעס שטילער געוואָרן און אָנגעהויבן צו חלומען איבערן שטיוול, וואָס מען האלט אויף די קני אינמיטן איבערנייען, אָדער קאָוען. יענץ בלאַסלעכע געזיכט, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין בוים מיט פאַרטראַכטע אויגן, קאָן זיי גאָרנישט פון זין ארויס. עס זיצן אין איין וואַרשטאט ארום צוועלף מאַן געזעלן מיט האנט־יונגען, קוקט זיך איינער צום צווייטן נישט אום, און יעדער פאַר זיך איז פארטראכט מיט א רויק אראָפּגעלאָזט געזיכט און שטילע אויגן, וואָס שטייען אומבאוועגלעך איבער דער ארבעט. און טיילמאָל שטעלט זיך א האנט אָפּ, דאָס העמערל לאָזט זיך אוממעכטיק נאָך, און בלייבט ליגן אויף דער זויל, פלאך, איבערגעדרייט, ווי אן אָפּגעשטאָנען פישל מיטן בייכל אַרויף. און ער, דער יונג, האַלט ביים עק שטולעכל און קוקט מיט אזוינע אויגן, ווי א קינד, וואָס האָט זיך פארטראכט אין מיטן גאַס מיט דעם בייגל אין דער האַנט...

וואָס זיצסטו, תם?... — רייסט אים איבער אַן עלטערער געזעל.

— הום... — כאַפּט זיך דער יונג ערשט אַויף, און טוט פאַרשעמט א שמייכל און, ווי צו פארענטפערן זיך, לאָזט ער פאלן עטלעכע ווערטער — „איי... ווער עס האָט נישט געזען"...

און וואָס געזען, ווען געזען, זאָל מען אים שוין א גליד איבערהאקן, וועט ער נישט דאָס מויל עפענען, איידער ער קוקט זיך אום, צי דער מייסטער איז נישטאָ אין שטוב...

עס טרעפט טיילמאָל פאַרקערט, ווען די אויגן בליצן אויף, דאָס פנים קנייטשט זיך העפטיק, ווי פאליעס וואָלטן איבערן קאָפּ געיאָגט — דעמלט יאָגט מען די פלעקלעך מיט אַן אימפּעט אין דער געלעכערטער זויל אריין, צוטאנצנדיק מיטן העמערל, איינס־איינס!... איינס־איינס!... און מיט אַזאַ געשווינדקייט ווי מען דעריאָגט עפּעס, ווי מען דערכאַפּט עפּעס.

ווי מען וויל זיך מיט עפּעס צוזאַמענשטויסן, עס זאָל קנאַקן, הילכן! און אין אַזאַ צייט מוז שוין װעלכער עס איז אַרויסשפּרונגען מיט אַ לידל:

„וואָס טויג איך דען, ברידער, אַזאַ לעבן —

אַ לעבן אין הונגער און אין נויט?...״

און דער גאַנצער עולם, ווי איין כאָר, טוט באַלד אָן ענטפער־אָפּ מיט געזאַנג און קלאַפּערייַ מיט די העמערלעך, מען שמעטערט די שטיפטלעך אין דער געלעכערטער זויל אַריין, ווי די קוילן אין ערגעסטן שונא. און דאָס געזאַנג צעטראָגט זיך דורך די אָפענע פענצטער אויף דער גאַס אַרויס, מעכטיק און מיט רעש.

און אַז עס טרעפט גראָד, יעקל סטאָליאַר גייט פאַרביי, און דערהערט דאָס געזאַנג, פאַרגנבעט זיך אים אַ שמייכל אין די ווינקלען פון די ברעמען, און די אויגן שטראַלן מיט האַרציקער פרייד צו די אָפענע פענצטער...

פאַרנאַכט, מען לייגט אוועק די אַרבעט, לאָזט מען זיך אין גאַס אַריין, מען גייט שווייגנדיק, מען באַגעגנט זיך מיט די ייִדן, וואָס שטייען אויפן שול־הויף אַרומגעגאַרטלט מיט רויטע פּאַטשיילעס און וואַרטן אויף אַ שטערן... קוקט מען זיך איבער מיט זיי און מען גייט ווייטער... מען שפּאַצירט פאַרלעכוויִז, אָדער מען כאַפּט זיך אַריין צו מאָטעלען אין טיי־הויז הערן אַ ייִדיש וואָרט... ווער שמועסט אַ לידל — איז אַוודאי גוט...

שבת בייטאָג קען מען דאָס גאַנצע שטעטל אויסשאָקלען פאַר איין יונג. די גאַסן זייַנען לער, די לאָדנס צוגעלייגט, עס הערט זיך אַ שנאָרכן, און די יונגען זייַנען פאַרקראָכן מיט יעקל סטאָליאַר הינטערן נייעם בית־עולם אַרונטער...

באַר ווען די זון לאָזט זיך שוין אַראָפּ אין יענער זייט טייך, אין וואַסער שפּיגלען זיך שוין אָפּ די רויטע הימל־פלאַמען, און אײדעלע יונגעלייט מיט בלאַסע צורות מיט שיך און זאָקן און מיט פאַרשטעקטע הענט אין די גאַרטעלעך פון די שלאַפראָקן, גייען זיך בנעימות שפּאַצירנדיק אויפן ברייטן וועג, — הערט מען שוין די חברה צוריקגיין מיט אַ געזאַנג אין שטאָט אַריין...

און איינמאָל, שבת פאַרנאַכט, האָט זיך דער סטאַרשי־סטראַזשניק פאַרגנבעט הינטערן שעכט־הויז און אָפּערגעקוקט פון הינטער אַ ווינקל־וואַנט, מיט די שטעכיקע שליפעס און מיט דעם שטערנדל אויפן היטל...

און אַז די חברה איז אין שטאָט אַריין, אין דער ערשטער גאַס, איז פאַר אַ טיר פון אַ הויז מיט ווייס־געמאָלטע לאָדנס געשטאַנען אייזיק־פייגע־ליבעס, דער גרעסטער פאַבריקאַנט פון שטיוול; ער מיט זיין איידעם הערשעלע, די סאַקן צעלאָזט, מיט די קייטלעך איבער די גרינע פלושע־

נע וועסטן, און האָבן נאָכגעקוקט מיט פאַרביסענע ליפּן, אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פאַרבאָרגענע בליקן פון אונטערן שטערן אַפער. חברה האָבן אויך די קעפּ אַראָפּגעלאָזט... און איזיק מיטן אידעס האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ פאַרבראָכן שמייכל אין די בלישטשעדיקע אויגן...

דערנאָך, ווען דער „סטאַרשע" איז צוריקגעגאַנגען פון הינטערן שעכט־הויז, האָבן זיי אים אריינפאַרבעטן אין שטוב אויף חלה און יידישע פיש.

דער אידעס האָט אים צוגערוקט א שטול. איזיק האָט זיך געפּאָ־רעט מיטן טישטעך אויסגלייכן, אָפּשאָקלען, און חוהלע דאָס ווייב אין דעם גאָלדענעם קייטל, וואָס דער לובלינער גאָלדשמיד האָט עס איר איבער־געגאָסן פון א שאַנשטיק, האָט זיך דערווייל געדרייט ביי דער סער־וואַנטקע. אַרויסגענומען דאָס קאַרפּינקעלע בראָנפן און צוגעטראָגן עס צום יונגן ווייבל, וואָס איז אויפן בעט געלעגן, און געקופּלט זי, זי זאָל צוגיין צום טיש דערלאַנגען — „מען מוז פאר אן ערל אויך אמאָל יוצא זיין"... — האָט זי צוגעשמייכלט, ווי א ליבע מאמע, וואָס ווייסט און איז געניט...

פון דעמלט אָן איז דער סטאַרשי־סטראָזשניק געוואָר געוואָרן פון נאָך א ניי וואָרט — „אחדות"! יידישע ווערטער קאָן ער פיל און האָט זיי ליב. למשל: „כלה", „באָד", „מאכן א שפּיל" — האָבן פאַרשידענע טייטשן, נאָר קומען קומט פון זיי ארויס בולקע מיט פיש... אצינד נאָך א וואָרט, וואָס גיט חלה מיט פיש — „אחדות"!

יעקל סטאָליאַר ווייטער איז דערגאַנגען, אז ער דאַרף מאכן כסדר פאַרזאַמלונגען און דער סטאַרשי דאַרף זיך פאַרגנבענען הינטערן שעכט־הויז.

אין א צייט ארום האָט שוין דער סטאַרשי געהאַט פאַרשריבן אין ביכל אלע נעמען פון די אחדות-לייט; יעקל סטאָליאַר איז געשטאַנען אויפן ערשטן זייטל, אויבן־אָן:

„יאנקעל פּישער"...

קיינער האָט אָבער נישט געקוקט הערויף. חברה אין „טשיינע" מערט זיך. עס קומט אָן אויפדערנאַכט, ווערט ענג אין לעצטן שטיבל. ווו נאָר א בעל-מלאכה, אַ האַנט־יונג, קומט ער דאָ אַהער, פאַרברענגט דאָ אַ שעה, צוויי, און ווערט שוין אַ חברה־מאַן. יעקל סטאָליאַר האָט השגחה אויף אלעם. אפילו זיך לוסטיק מאכן לאָזט ער נישט; ער וויל, מען זאָל נישט שפּרינגען אויף טיש און בענק, נישט איבערברעכן די בעטן. ער פירט אויך „קאָרעספּאָנדענציע" מיט ווארשע... לעזט פאָר די בריוו און פון דעם

וואקסט אויך די חברה פון טאָג צו טאָג; וואָס א נאכט — ווערט אין שטיבל ענגער, פריילעכער, לעבעדיקער.

און אייינמאָל האָט יעקל געבראכט א גאנצן פאק פּראָקלאמאציעס און אָנגעהויבן צו טיילן, אזוי ווי אין די גרויסע שטעט. איז אָבער דער עולם — ווי איטשעלע קאַמאשן־שטעפּער זאָגט — געהרגעט אויף דער „עברי״... און ווי יעקל סטאָליאר קלאָגט זיך — „תלמוד־תורה־קאליקעס״ — מוז ער אליין פּאָרלייענען. דער עולם רינגלט אים אַרום. מען שטייט איבער טיש און בענק, אייבער אויפן אנדערן, איבער די קעפּ און איבער די אקסלען, מען כאפּט זיך אין דער לופטן, און יעקל סטאָליאר הייבט אויף די פּראָקלאמאציע צום לאָמפּ:

— „געגנאָסען און געגנאָסינעס!״

— פּארטייטש!... רופט איטשעלע.

— חברים און חברטעס... — ענטפערט יעקל.

— וואָס פאר א חברטעס!...

— אין גרויסע שטעט — דערקלערט יעקל — באַטייליקן זיך מיידלעך אויך.

— הייסט עס, מישן זיך אויך אריין?... — פרעגט מען נייגעריק.

— אוודאי...

— נאָר די הי... שמייכלט איטשעלע — א פארשאָלטענע שטאָט דאָס איז.

— גיב אים שוין א פּאר מיידן... — כאפּט עמעצער אונטער, און חברה צעלאכט זיך. איטשעלע הייבט נאָך אָן צו קלאַפּן איבער די אַקסלען. ווערט שוין גאר א געקאָכעריי, אז גאָט זאָל אָפּהיטן. און מען הייבט זיך אָן צו ווארפן איבער טישן און איבער די בעטן. היטלען פליען אין דער הויך, די קולות שלאָגן־אָן אין באַלקן. דערווייל טרעט עמעץ אָן א קינד אויף א פּיסל, צעשרייט זיך עס. עס קומט אריין צו לויפן טויבעלע, מאַטלס ווייב, מיט א געוואַלד, כאפּט דאָס קינד אויף דער האַנט, שטילט עס איין. חברה ווערט דערווייל א ביסל געלאַסענער, צעלייגט זיך אויף די בעטן אין דער ברייט, מיט די קעפּ אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און מיט די בייכער ארויף, ווי די לעשטשעס. און אויב איטשעלע פארגלוסט זיך ארויפצוקריכן מיט די קניען אויף די בייכער, ווערט א געשלעג, מעג מען שוין פון שטוב אנטלויפן. יעקל סטאָליאר וויל דערפאר שטראָפן: מען דארף לייענען! מען הערט נישט, אלע זיינען צוזאמען און עס ווערט פריילעך. „אחדות״ — ווייסט מען שוין אזוי אויך: דאָס איז א מין ״באשטייק, וואָס אלע באשטיי־

ען"... — זאָגט איטשעלע. לאָזט יעקל סטאָליער אָפּ און בעט נאָר, זיך צעגיין אַהיים: גייט קינדער שלאָפן, — זאָגט ער — איר דאַרפט מאָרגן אַרבעטן, א טאָג א יאָר.

---

און אַז אין שטעטל האָט זיך נאָכאַמאָל באַוויזן אַזאַ פאַרשווינדל, ווי דער ערשטער און נאָך מיט אַ הוספה: מיט אַ גראָבן שטעקן אין דער האַנט, איז שוין אויפן שטעטל גאָר אַן איבערקערעניש געקומען. נישט לאַנג האָט ער געווײַלט און באַלד נאָך זײַן אַוועקפאָרן, האָבן אַ סך יונגען, קודם־כל, געלאָזט זיך וואַקסן די „גזשיוועס" און אײַנציקווײַז אָנגעהויבן אַרײַנצוקריכן אין בלאָע העמדלעך, לויט דעם בונדיסטישן נוסח. און פּלוצלינג, פון דער העלער הויט, מען הייבט נאָך נישט אָן צו וויסן, ווערט אַ שטרײַק בײַ אײַזיק־פײַגע־ליבעס... נאָר איין געזעלן, איין עקשן איז געבליבן זיצן בײַם וואַרשטאַט. ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט; איז אונטערגעשפּרונגען אַ האַנט־ייִנגל הינטערן פּענצטער מיט אַ גרינער פלאַש נאַפט אין דער האַנט, און האָט זי אים אין קאָפּ צעבראָכן; און אַ פּוסטקע איז געוואָרן אין אײַזיקס שטוב. און די יונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אין מאַרק אַרומצודרייען מיט די הענט אין די הויזן־טאַשן, טאַטעס האָבן אָנגעהויבן נאָכצויאָגן מען זאָל גיין צו דער אַרבעט, און מאַמעס האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכצודרייען, ווי די שאָטנס הינטער די פּלייצעס און האָבן מיט פינצטערע פּנימער געבעטן, געחלשט מען זאָל גיין כאָטש דאַווענען... עס גייט אַ יונג פאַרויס, אַ מאַמע — נאָך, און בעט זיך רחמים: וואָס ווילסטו פון מײַן ביסל יאָרן האָבן?... זאָלסט נישט נאָכגיין יעקל סטאָליארס קאָפּ. און זאָלסט מיר נישט אָפּטרעטן פון לעבעדיקן גאָט! אָן טאַטעס און מאַמעס האָבן נישט געהאָלפן און דער סטאַרשי־סטראַזשניק, מיט וועלכן אײַזיק האָט געסטראַשעט — אויך נישט. און מען האָט די יונגען געמוזט נאָכגעבן, פאַרקירצן דעם „אַרבעטס־טאָג"...! און נאָך גיכער די יונגען זײַנען אַוועק צו דער אַרבעט, זײַנען שוין אַנדערע אַרויסגעקומען אויף זייער אָרט. אויך מיט די הענט אין די הויזן־טאַשן, אויך געמאַכט רעדלעך, און געהאַלטן זיך נאָר אין איין סודען... האָט זיך דאָס געשטעלט אַ זומער, אַז מען האָט דעם מאַרק נישט ליידיק געלאָזט אויף איין מינוט — נאָר שטרײַקן און שטרײַקן. עס האָט קיין איין פאַבריקל נישט אויסגעמיטן: אַ פאַרשלעפּטע קרענק. און אַז עס קומט אַ שבת אינ־

דערפרי, די זון שיינט, שטיפט די חברה אין גאס ארום, אין די שבתדיקע סאקלעך, מיט אויסגעפוצטע קאמאשלעך און ווייסע קעלבערלעך אויף די העלדזלעך. און אין שול איז שטיל, ווי אין א גן-עדן... דער שמש קלאגט זיך, אז ער האט קוים א מנין... און יונה־בער סופר, אז ער גייט מיט זיין מנין אהיים פון שטיבל און דערזעט די חברה אויף דער גאס, באפאלט אים א גרויס טרויעריקייט און ער זיפצט אפ: רבונו־של־עולם, איך פאר מיין חלק בין זיי מוחל...

און נאך דעם עסן מאכן זיך ווייטער רעדלעך אויף דער גאס, די „טשיינע" איז שוין פול אנגעפאקט. דער גארבער־פאך — יעדן שוין מיט בערד — זיינען אויך געקומען, מען זאל זיי „פארטיי־ליקן" פון די קאפי־טאליסטנס הענט... זיצן זיי אלע אויסגעזעצט ארום טיש. און מאטעלע, דער בעל־הבית — אויבן־אן, אין קאפל אויפן קאפ, און מיט די בלויזע העמד־ארבל, האלט ער זיך דאס קינד אויף דער שויס, און טויבעלע דער־לאנגט עסן. טוט זיך דארט אפ א שטיקל וועלט — דער עולם ארום, ווארפט גלייך־ווערטלעך, אז מען האלט זיך ביי די זייטן. א יונג פון א יאר זעכצן, שטייט ביי א טאטן, וואס האט לאכנדיקע אויגן, מיט א צוגע־עווירן בערדל, פעלט עס אויך נישט מער, נאר מען זאל עס א צי טאן, זאל עס אליין לאכן, — שטייט ער, דער יונג און „מעלקט" אים ביי א קנעפל, און טענהט עפעס צו אים, גיט אים עפעס צו פארשטיין, און ווען מען דארף שאקלט ער צו מיט די הענט, רעדט א ביסל הייסער און גאר־רעט אריין אין אים, דער טאטע, וואס שטעלט אזוי די אויגן אויס, זאל א שטיקל באגריף קריגן... כאפט אבער פונקט עמעץ אן דעם פאטערביים אקסל:

יואלקע, יואלקע! — ביסט א שיין לייט, זע איך; דער זון לערנט גאר ד י ך...

— מעגסט דיך אויף אים פארלאזן... — ווינקט דער טאטע מיט די ברעמען און דער דאשעק ווינקט מיט.

— הער־זשע... — ציט דער זון דעם טאטן ביים בערדל, יענער אבער לאזט נישט אפ:

— און מיר, יואלקע, אין זיינע יארן?...

— הא!... — טוט יואלקע א הייב מיט דער האנט איבערן קאפ — האב איך שוין געהאט חתונה געהאט... „זי" האט שוין, דאכט זיך, „גע־יאטלט" אויך... מיט אים טאקע,„ ווינקט ער אויפן זון.

— ישעיה! — כאפט ווידער איינער אן א צווייטן, וואס זיצט מיט א ברייט סאמעטן היטל אויפן קאפ און קוקט אין טיש אריין, ווי אן אקס אין

דער קאַריטע — ישעיה, זאָלסט וויסן, אז אויף דיר איז געפאַלן דער גורל, זאָלסט אין דער מינוט אַראָפּנעמען די לייכטער פון טיש...

ישעיה שווייגט מיט א נאַרישן שמייכל אַרום די גלאַנציקע ליפּן און קוקט אויפן עולם מיט קעלבערנע אויסגעגלאָצטע אויגן, צי עס איז אמת... דער עולם האלט זיך איין נישט אויסצושיסן אין א געלעכטער.

— אבישט — ציט יענער ווייטער מיטן שמייכל אין די אויגן — זאָלסט געבן א האלבן רובל אויף ביר...

ישעיה שווייגט ווייטער — ביידע פּסקים זייַנען שווער... און ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן, צי זאָל ער זיך ציפּן ביים קליינעם בלאָנדן בערדל, צי זאָל ער זיך פריער קראַצן אין א פּאה פאַר גרויס עגמת־נפש...

— וואָס שווייגסטו? — מאַכט זיך יענער בייז — לאָז זיך דיר דאַכטן, אז דאָס זאָגט דיר צאַלקע משמש אין גרינעם שלאַפראַק און הייסט דיך שטעלן א פּאָר פלעשער ביר!...

— איך שעם מיך צו זאָגן... — ענטפערט ישעיה און טוט א שמייכעלע. דער עולם פּלאַצט אויס מיט א געלעכטער.

— קאַלב איינער דו, פאַרוואָס ביסטו אַליין נישט אַהערגעקומען, באַר מען האָט געדאַרפט צווי מאָל נאָך דיר שיקן?

— איך האָב געוויגט דאָס קינד... — האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט. און דאָס אַרומיקע הילכיקע געלעכטער האָט זיך נאָך שטאַרקער צע־קייקלט איבער דער שטוב.

און באַלד האָט זיך א פּעסעלע ביר באַוויזן, מיט א מאַשינקע, און דער עולם האָט גענומען טרינקען.

איטשעלע איז אויך אָנגעקומען און אין שטוב איז נאָך פריילעכער געוואָרן.

נאָך די ערשטע גלעזער ביר, די פּנימער האָבן שוין אביסל געפלאַמט, האָט איינער א פּאַטש געטאָן אין טיש אריין:

— קינדער, א תקיעת־כף זיך געבן, די פאַבריקאַנטן, די הינט, אָנ־צולערנען!...

— קינדער! — האָט א צווייטער א פּאַטש געטאָן — עס וועט זיי די כאָלערע טרעפן, איינס ביי איינס!...

— קינדער! — מאַכט א דריטער — אזא באַנדיט ווי מיינער איז, זעט מען נישט אַזוינס!...

— קינדער, — טוט איטשעלע א שפּרונג אריין אין דער מיט מיטן גלאָז ביר אין דער האַנט — איר האָט דאָך באַר שטענדיק צו טאָן מיט די פאַבריקאַנטן... איז אמת?... און איך, איך, זעט איר, האָב גאָר אן אנדער

מזל — — איך האָב געאַרבעט איינציקע צוויי חדשים ביי שמואל־טויבעס, זאָלן מיר אַזוי לעבן — גיט ער אַ דריי אַרום מיטן גלאָז פאַר די פּנימער — ווי איך בין אים די גאַנצע צייט אַ שותף געווען צו דעם ווייב...

— גיי, גיי... אַ גאַרבער־פאַבריקאַנט איז גאָר עפּעס אַנדערש... אַזאַ באַנדיט ווי דער מיכל איז — וואָר איך וועל לעבן! דעם ווינטער, דער ערשטן, האָב איך דאָך געאַרבעט ביי אים, ווייל איך איינמאָל ביינאַכט נעמען אַ שטיקל שטעקעלע, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל ביים קוימען, — ווייל איך עס נעמען אָפּצויאָגן מיך פון די הינט, וואָרן די צוויג זיינע האָט געברענגט אָנצושלעפּן אַ גאַנצע „טשאַטע" פאַר דער טיר... ווייל איך עס נעמען, גיט ער אודאי אַ קום צו: ניטע!... און נעמט עס מיר אַרויס פון דער האַנט... דאָס ווייב, זאָגט ער, דאַרף עס פאַר אַ „פאָמיאַטלע" דעם אייוון אויסצוקערן. איך האָב געמיינט, איך פאַל אַנידער... דו פאַרשטייסט אַזוינס?... אַ מערכה, הערסט, די צוויג האָט מיך געקענט, האָט זי מיך אַ גאַנצן וועג געלעקט און די גאַנצע באַנדע האָט מיך אונטערגעפירט מיט הדרך־ארץ! אַנישט וואָלט איך צעריסן געוואָרן אויף שטיקער!

— און איך, הערט איר — טוט אַן עלטערער ייד מיט אַ בערדל אַ פּאַטש אין טיש אַריין — איך שריי אײַן געשריי, אַז אַזוינס ווי מיינער איז — — האַ, האַ, האַ!... דאָס, ברודער, איז אַ קאָמיקל... אַ שטילס מיטן קעפּל צווישן די אַקסלען... דאָס שטעלט זיך דיר אַרויס באַלד באַגינען פאַר דער טיר אויסקוקן די אַרבעטער. קום איך אַנדערש דער ערשטער — ענטפערט ער מיר: גוט יאָר... ווי באַלד שפּעטער — דרייט ער דעם קאָפּ אַוועק אין אַ זייט... נו, איז מען דאָך באַר אַ מענטש, — מען טוט אַ קוק, ווי יענער אַרבעטער האָט שוין היינט אָפּגעטאָן אַ וועלט, ווערט מען טאַקע געפּלאַטשט ביי זיך... וואָס־זשע טו איך? דערצייל איך אים אַ מעשה, אַז באשר בכן, דער און דער האָט זיך געהרגעט מיטן ווייב. איז זיך די גאַנצע שטאָט צונויפגעלאָפן און איך אויך... אַזוי־ערנאָך, פאַרשטייט איר מיך... גאַרנישט, פאַר דאָס, צומאָרגנס: מוז איך שוין קומען מיט אַ האַלבער שעה פריער פאַר אַן אנהערן און קריג שוין דעם ברייטן „גוט יאָר"... און ער ווערט שוין מיט מיר אַ גאַנצער מחותן, דערציילט מיר פון זיינע געשעפטן, איבערהמיט וואַרפט ער מיר אַריין, אַז בכן, איך בין דער בעסטער אַרבעטער... און יענער, יענער טויג שוין היינט אויף אַ כפּרה; ווי קומט ער שוין מיט אים איבער צום סוף זמן... און, אַז יענער קומט, גיט ער אים אַ וויזדאָן אויף די גרינגערע שטיקלעך בוקאַטן, כדי ער זאָל מיך קאָנען דעריאָגן און איך זאָל מיך נישט לאָזן... אַזאַ „סיבירניק" איז דאָס...

— מען מוז זיי אָנלערנען, מען מוז! — האָבן אלע זיך אָנגערופן — א שטרייק, א שטרייק!

און דאָס האָט שוין געהייסן אונטערגעשריבן די פּאַפּירן.

און דו, ישעיה־קאַלב, וועסט דאָך גיין מאָרגן צו דער אַרבעט, — וועלן דיינע ביינער צעבראָכן ווערן!

צומאָרגנס האָט מען פון ר׳ עוזר גארבער אריבערגעשיקט נאָך יעקל סטאָליאַר. יעקל איז אהינגעגאַנגען.

---

ר׳ עוזר, א לאַנגער ייד מיט א לענגלעך געזיכט מיט א צווייִשפּיציקער באָרד, איז געשטאַנען אין טלית און תפילין מיט א זילבערנער עטרה איבערן קאָפּ, וואָס האָט אים ביז אין האַר העלפּט לאַנגער נאָך פּאַרדעקט. ער האָט געהאַלטן ביים לייגן די רבינו־תמס תפילין. און ווי ער האָט דערזען יעקל סטאָליאַר, האָט ער אים אָנגעוויזן אויף א געבעטער שטול און געבעטן זיצן:

— נו, וואָס וועסטו זאָגן עפּעס גוטס?... — האָט ר׳ עוזר אָנגעהויבן, זיך א וויש טוענדיק מיט דער האַנט איבערן געזיכט און אויסלאָזנדיק ביים שפּיץ באָרד.

— וואָס זאָל איך זאָגן?... האָט יעקל געענטפערט מיט האַלב־אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, עטוואָס א הייב טוענדיק מיט די אַקסלען.

—מען זאָגט דאָך עפּעס, אַז דו האָסט די גאַנצע דעה... און ביסט נישט קיין נאַר אויך, זאָגט מען... וואָלט איך געוואָלט מיט דיר איבערשמועסן, צי ס׳איז גלייך אַזוי?... מילא איך ווייס; אפשר קומט עס מיר?...

— ס׳איז נישט פאַראַן, צי עס קומט יאָ, צי עס קומט נישט... אַזוי פירט זיך אין וואַרשע אויך, און אויף דער גאַנצער וועלט. אַז מען שטרייקט, שטרייקט מען...

— מילא, שטרייקן איז שטרייקן — אָבער וואָס האָבן זיי מיר נאָך די גויים אויך אַרויסגענומען פון פאַבריק?...

— וואָס דען הייסט געשטרייקט?

— ע, נישט דאָס מיין איך... איך מיין נאָר דאָס, ווי קומט מען עס אריין צו יענעם באַלד מיט געשלעג?... זיי האָבן דאָך געכאַפּט אייזנס אויף די גויים. צייט איך לעב! — — מיטגעבערענגט נאָך מיכלס אַרבעטער

אויך צו מיר אין הויף... אין א קיטל־הויז טוט זיך דאָך שוין אויגס נישט אָפּ...

— ווער איז שולדיק, אַז די גויים האָבן נישט געוואָלט אַרויסגיין אַליין?

— הערסטו, דאָס שריי איך האָך אויך, אַז די יידן... אין שול אריין איז גוט צו גיין מיט יידן...

— און אין קאמף אריין אויך...

— וואָס פארא קראמף ווייטער? א, א, קאמפּ... יאָ, יאָ... אין „הצפירה" טאקע שטייט עס פארשטראָכן אין ריגגעלעך... נאָר אזוי צי אזוי, וואָס ווילן זיי? — — זיי־זשע מוחל, ווי הייסטו, ס'איז מיר גאָר אראָפּ פון רעיון, — האָט ר' עוזר געקנייטשט דעם שטערן, צוליגגנדיק א האנט און ווייטער אַראָפּגעווישט מיט איר ביז איבער דער באָרד.

— יעקל.

— יעקל?

— זיי ווילן א קורצן ארבעטס־טאָג. דאָס הייסט פון זיבן ביז זיבן, און אין דער מיט — צוויי שעה רו...

— זייער פיין, זייער פיין... — ציט ר' עוזר — נאָר איך ווייס נישט, צי דו ביסט עפּעס געניט אין מיין אַרבעט — — — ביי מיר אַרבעט מען דאָך נישט קיין יוכטן, נאָר גרינגע לעדער „פּאַדעשוואנע". על־כן, ביסטו דאָך נישט קיין נאר... אויב איך דארף אמאָל א צוויי־דריי ארבעטער זאָלן בלייבן א ביסל לענגער ביינאכט, מחמת מען דארף איבערגלעטן מיט רעדל, — וואָס טוט מען?...

— נעמט מען אנדערע מענטשן אויף ביינאכט.

ר' עוזר האָט זיך פארטראכט.

— אזוי הייסט עס... איין זאך נאָר וואָלט איך געוואָלט וויסן — האָט ער זיך ווייטער אָנגערופן — כ'מיין מיט די ארבעטער טאקע — — מילא, וואָס איז שייך... ס'איז דאָך אזא זאך, וואָס טוט זיך אומעטום דאָס אייגע־נע, ווי דו אליין זאָגסט — אויף דער גאנצער וועלט... און מן הסתם שטעקן דאָס אין דעם מענטשן — קעפּ... וואָלט איך נאָר געוואָלט וויסן, צי קוקט מען אמאָל אויף יענעמס מעמד אויך... אַשטייגער, אַ זאך, וואָס קאָן נישט זיין!.. אָט, ווי למשל, דו זאָגסט אצינד... קומט אויס, איך זאָל די גאנצע פאבריק אָפּשטעלן... נו, מיין דאגה, וועל איך נישט ארבעטן...

— שטעלט אָפּ... — האָט יעקל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך האָב פארגעסן — מאכט ווייטער ר' עוזר — איך בין אזא נוגש, חלילה, אויפן ארבעטער, וואָס מען גייט מיר אויסזעצן די מינוט...

געוואַלד געשריגן, זיי זיינען דאָך נישט קיין דאָקטוירים, זיי זאָלן מיר קוקן אויפן זייגער... וואָרן ווי אַזוי באַגיי איך מיך מיט אַן ארבעטער?.. איך בין דאָך נישט קיין אַנדהערער — מיין שיעור מוז איך מיר אָפּלערנען אַלע אינדערפרי. דערנאָך גיי איך דאַווענען, האָב איך שוין אוודאי נישט זיי אין זין... ווער קוקט זיך אום, צי אַרבעטן זיי, צי באַלאַמוטשען זיי? וועמעס האַגה? איך מיין טאַקע אינדערהאמתן, ווער קוקט זיי נאָך? נו, איך בעט דיך זייער, קאָן מען מיר אויסזעצן די שעה?..

— עס קאָן אָבער אַנדערש נישט זיין.

— וואָרן, גלייב־זשע מיר, אַז מיר פּלאַצט אַזוי אויך די גאַל אַכצן מאָל אַ טאָג, ווי אַלעמאָל לויפט אַן אַנדערער הינטערן פּלויט אַרונטער, מכלומרשט... פאַרשטייסט, פאַר אַ תירוץ... און ווי וועלוועלע שלעפּט זיך מיט דער קאַן, טריט ביי טריט, פון הינטער דער שאַפּע צו דעם ברונעם צו, קאָן אויך דאָס בלוט געזעצט ווערן! איך וואָלט באַדיי דורכן פענצטער אַרויסגעשפּרונגען! אַנגעשעפּט אים די קאַן וואַסער — נאַ דיר און גיי, אַבי מיינע אויגן זאָלן דאָס נישט צוקוקן... און דו דארפסט זען, ווי אַלע גיבן זיך מיטאַמאָל אַ שטעל־אָפּ און וויקלען פּאַפּיראָסן! עס גייט זיך די גרינע גאַל אָן... כאַפּ איך שוין אַרויס מיין פּושקע מיט פּאַפּיראָסן און צעטייל — — וואָרן פאַרוואָס? — — ביי מיר אַן אַרבעטער איז אויך אַ מענטש, גלייך מיט מיר... נאַר אַציגד, זעסטו, אַז זיי זיינען שוין יאָ אַזוי, וועלן זיי ביי מיר גאָרנישט אויספירן.

— האָב איך נישט וואָס צו זיצן — האָט יעקל געזאָגט, אויפשטייענדיק פון שטול.

ער האָט פאַרקנעפּלט דאָס אייבערשטע קנעפּל פון פּאַלטאָ, אַ זאָג געטאָן „אַ גוטן טאָג" און איז אַרויס פון שטוב.

---

און געווען איז אַ שבת אינדערפרי, ווען איטשעלע האָט געזען, אַז היינט איז די ליבע צייט געקומען, אָפּצורעכענען זיך מיט דער חברה קצבים, פאַרן געשלעג פון ערב פּסח. האָט ער צונויפגערופן אַ מחנה מיט יונגען און איז אַריין אין קליינעם שולעכל, וווּ די חברה קצבים דאַוונט באַגיינען, האָט דער עולם געהאַלטן אינמיטן „אל אדון". און ווי זיי האָבן דערזען די באַנדע, איז זיי וואַרעם געוואָרן אין די לייבער און האָבן אַרויפגערוקט די טליתים העכער איבער די קעפּ, געמאַכט זיך פאַרטיפן

אין בעל־תפילהס קול און נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט מיט אן איינגע־האַלטענעם אָטעם... און דערווייל האָט חברה געפינקלט מיט די אויגן און געזוכט עפּעס אן אָנהייב. ביז איטשעלע האָט זיך א לאָז געטאָן צו זעליג שינדער, דעם שטאַרקסטן קצב, און איז אים פאַרפאַרן צווישן די אויגן, אז עס האָט א הילך געטאָן! דאָס גאַנצע שולעכל איז פאַרגליווערט געוואָרן און שטיין געבליבן מיט אָפענע מיילער און אויסגעגלאָצטע אויגן. און באַלד איז געוואָרן אן אויסגעשטערטקעריי פון הענט צו די הענגלייכטער, און עס איז געוואָרן א געפּליקעריי פון עסעס (רערן), אז מען האָט גע־מיינט, דאָס גאַנצע שולעכל קערט זיך איבער. און חברה זיינען באַלד ארויף אויף טישן און בענק, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אן אויסגעמישעריי און א געדרייעריי פון הענט איבער קעפּ און קעפּ איבער הענט, מיט א געשטי־קעריי און געדרייסעריי  און א מין ווילד ארומכאַפּן זיך, מיט אן איינגע־האַלטענעם אָטעם. און מען האָט מער בישט געהערט, ווי דאָס שאָרכן פון די הענט, וואָס האָבן זיך געהויבן איבער די קעפּ און דאָס שאָרכן פון די טליתים, וואָס האָבן זיך דערצווישן געפלאָנטערט. און איינער דעם אַנ־דערן און אלע אינאיינעם האָבן זיך געריסן, געשלעפּט ביי די קעפּ, גע־שטיקט און געבריענט מיט די אויגן, מיט א ווילדער אָנגעצונדענער תאווה, איינער דעם אנדערן אין די העלדזער אריינצוקריכן, און פּלוצלינג האָט עס א קנאַק געטאָן איבער גאַנצן שולעכל: מיט אן אימפּעט פון א געוואָר־פענע, צעדרייצטע חיה, האָט אויסגעריסן א פוס פון שלחן און פאַרט שוין מיט אים איבער די קעפּ.  עס ליגט א יונג אויף זעליג שינדער, איבער דער ברייט טיש אריבערגעקראָכן, און דריקט אים ביים האַלדז, אז דער קאָפּ פאַררייסט זיך איבערן קאַנט פון טיש. עמעצער אין א טלית ליגט, און מען קנאַקט צו מיט די פיס. א גאַנצע קופּע האַלטן זיך צוזאַמען ביי די קעפּ, איינגעטיפּט און איינגעביסן מיט די הענט און מיט די ציין איינער אין אנדערן, איינער אין אנדערן, און די גאַנצע קופּע, די שווערע צונויפ־געקופּלטע, אומגעלומפּערטע קופּע, האָט אויסגעזען ווי איין גרויסע חיה מיט טויזנטער רירעוודיקע גלידער, וואָס גראַבט און אמפּערט זיך און רוקט זיך און שלעפּט זיך איבער אלע ווינקלען. טייל זיינען געפאַלן און האָבן זיך נאָכגעשלעפּט מיט איינגעגראָבענע הענט און פיס אין טליתים. גע־שלעפּט און געפאַלן, געפאַלן און געשלעפּט, און ווייטער זיך איינגעגראָבן איינער אין אנדערן, איינער איבערן אנדערן, און אלע אינאיינעם, ביז עס האָבן זיך שוין א פּאָר קרעכצן, ווי פון באהאַלטענע ווינקעלעך ארויס־געריסן. נאָך א נצחון און נאָך א נצחון, און די הענט איבער די קעפּ און דאָס וואָרפן זיך איינער אין אנדערן און איינער איבערן אנדערן האָט אָנ־

געהויבן צו גיין רעגלמעסיקער, גלייכגילטיקער, נישט געזוימט און נישט געאמפערט, נאָר געהויבן די הענט און אראָפּגעלאָזט, געהויבן און אראָפּגעלאָזט. א שטויס אהין, א שטויס אהער. און וועלכע עס האָבן זיך ביי די האָר געריסן, האָבן זיך שוין גלאט געהאלטן, ווי פאר א משכון נאָר... מען האָט געשפּירט, ווי דער איינגעהאלטענער אָטעם האָט שוין אָפּגע־לאָזט, ווי די לופט איבער די קעפּ פארמאכט שוין נישט אלץ מיט א פאר־שליגנגענדיקן אָטעם, און האָט שוין א ציטער געטאָן, ווי ארום א דריידל, וואָס האלט שוין אין פאלן... און פלוצלינג, אין אלע ווינקעלעך אויף איין מאָל, זיינען אלע פּנימער שטיין געבליבן, ווי אָפּגעשמועסט זיך, מיט אראָפּגעלאָזטע הענט און געקוקט זיך אין די אויגן אריין, ווי פרעגנדיק זיך, וואָס דאָ איז געווען... עס האָט אויסגעזען, אז מען וועט זיך באלד פארוואונדערט צושאָקלען מיט די קעפּ... נאָר איינער ביים אנדערן האָט שוין דערזען דאָס בלוט אויפן פּנים און איז צו זיך געקומען... נאָך א מינוט און איטשעלע איז שוין געשטאנען, ארומגערינגלט מיט זיין חברה, ביי דער טיר, נאָך מיט דעם פוס פון שלחן אין דער האנט; אין גאָלן קאָפּ, די האָר צעשויבערט און געקוקט מיט א מידן שמייכל אויף די פאר־ברענטע ליפּן צום עולם אין די אָפּגעריסענע טליתים. עמעצער האָט אים דאָס היטל דערלאַנגט, האָט ער עס אָנגעטאָן, ארויסגעלאָזט דאָס האַלץ פון דער האנט און איז ארויס מיט דער גאנצער חברה אויף דער גאס, מיט צעקרעלטע פּנימער; די היטלען און די האָר צעקנוידערט, די הענט פארבלוטיקט.

דאָ האָט מען באגעגנט יעקל סטאָליאַר, און ארומגערינגלט אים מיט א פרייד אויף די צעריסענע פּנימער. זיין בלאסלעך געזיכט האָט אויך געשמייכלט, קוקנדיק אויף זיין יונג חייל: עס שאַדט נישט אַמאָל „מע־ראַר" אויך... האָט ער גוטמוטיק מיטן קאָפּ צוגענייגט.

האָבן זיך אָבער פארנאכט, אויפן שול־הויף, די קצבים מיט די פּור־מאנעס געמאכט איין האנט, אז ווו מען וועט פאקן אן אחדות־מאַן, זאָל מען אים א זייט אונטערהאַקן. האָט דאָס גאנצע שטעטל זיך געשראָקן: מי יודע וואָס דאָ קאָן נאָך ארויסקומען... ווי אָבער עס איז געקומען נאָך דער ווארשעווער „יאַהדע", האָט מען גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן פונוואנען און פון וואָס, זיינען די פּורמאנעס צוריקגעקומען מיט ליידיקע וועגן, מיט געשוואָלענע קעפּ און צעהרגעטע פּנימער, אז מען האָט קיין אויג נישט ארויסגעזען. דאָס האָט מען זיי אין „זאַיאַזד" אזוי צורעכט געמאכט און ארויסגעטריבן מיט די ליידיקע וועגן. האָט דאָס גאנצע שטעטל די קעפּ

אראָפּגעלאָזט. און מענדל־לייזערס דעם שניט־סוחר, האָט מען א מעסער פארדוקט אונטערן אָרעם — הלוואי זאָל ער די נאכט אויסהאלטן.

האָבן ווייבער אָנגעהויבן צו שעלטן שטילערהייט, מיט ארויפגעליגג־טע הענט אויף די מיילער. מענער זיינען ארומגעגאנגען אָנגעבלאָזן, און דאָס יונגוואַרג האָט די קעפּ אויפגעהויבן און געקוקט יעדערן מיט א שמייכל אין די אויגן אריין...

מען האָט אָנגעהויבן צו מאכן אלע פארנאכט פארזאמלונגען הינטערן בית־עולם, אָדער הינטערן „צמענטאַזשו", און תעליג שינדער מיט נאָך קצבים און בעלי־עגלהס, גאנצע ריקים, מיט די גרינע גארטעלעך, האָבן זיך אויך אָנגעהויבן באַכשלעפּן נאָכן יונגוואַרג אויף די פארזאמלונגען, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ און האָבן געביסן די שפּיצן פון די בלאָנדע בערדלעך — הייסט עס, אז זיי ווילן זיך אויך איינקויפן אין דער חברה „אחדות"...

ווערט אונדזער שטעטל מיט איר גרויסער קראפט און שטארקער באַוועגונג באוווסט אין אלע שטעטלעך ארום און ארום, און עס קריגט שוין קאָמוניקאציע מיט שעדלעץ און מיט ראדאָם אויך... גייט נישט אוועק די וואָך, וואָס עס זאָלן נישט אדורכפאָרן א צוויי, דריי, פון יענע פאר־שווינדלעך — שוין אמתע בונדיסטן.

האָט זיך אָבער די פּ. פּ. ס. אין װארשע דערוווּסט, וואָס פארא שטאר־קע באוועגונג ביי אונדז איז; ווי דער „בונד" שפּרייט אומעטום אויס זיינע פליגל, נעמט פּ. פּ. ס. און שיקט אראָפּ און באזעצט אין אונדזער שטעטל א באשטענדיקן חברה־מאַן, עפּעס דערצו צו טאָן. האָבן מיר שוין ברוך־השם א פּ.פּ.ס.ניק אויך, א יונגערמאַנטשיק מיט אַ בלאָס פּנימל, נאָר אַ שלאָפּראָק אים אָנצוטאָן. הייבט זיך ערשט אָן א נייע מעשה מיט פאר־זאמלונגען, אין דעם גערטל גאָר, הינטערן קלויסטער. איטשעלע טאנצט שוין אויף צוויי חתונות. איז אָבער די שעדלעצער אָרגאניזאציע דערפון געוואָר געוואָרן, שיקט זי ווייטער אראָפּ אירע צוויי מענטשן אויף א דיסקוסיע!

לויפט שוין דאָס יונגוואַרג ארום, ווי פארסמט — א דיסקוסיע, אַ דיסקוסיע... און מען קוקט יעקל סטאָליאר אין די אויגן אריין, און מען קוקט שוין אויס, עס זאָל נאכט ווערן.

איז טאקע א שיינע ליכטיקע נאכט געווען. די לבנה האָט געשיינט און דער עולם האָט זיך פארזאמלט אויף דער לאָנקע ביי דעם טייך. אפילו ראובן סטעלמאַך, שוין א מענטש אין די פערציקער יאָרן, מיט א שוואר־צער רונדיקער באָרד, און וואָס גיט זיך שטענדיק אָפּ מיט אהיימטראָגן

לונג־און־לעבער פון די יאטקעס, אָפּבראָטן און אויפּעסן, אפילו ער איז אויך ארויסגעקומען אין די נאָקעטע העמד־ארבלען, אין בלויזן וועסטל און מיט א קאפל אויפן קאָפּ, און האָט אויך געוואָלט אָנקוקן די דיסקוסיע. איז טאקע געווען אויף עפּעס א קוק צו טאָן. די לאַנגע ארום און ארום איז פארגאָסן מיט א טוי־זילבערנעם טייך, און אינדערמיט שטייט חברה איינגעטיקט. עס זעט אויס ווי א שווארצע קופּע; א שווארצן פלעק האָט די נאכט דאָ ארויפגעוואָרפן! און די קופּע שוויגט מיט איינגעבויגענע קעפּ צום סאמע מיט, פונוואנען די דיסקוסיע לאָזט זיך הערן. פריער האָט זיך א שטעל אנידער געטאָן דער שדלעצער קעגן דעם ווארשעווער פ.פּ.ס.ניק, דערנאָך — דער צווייטער, און דער עולם ארום איז געשטאַנען אויף די שפּיץ נעגל, מיט אויפגעהויבענע קעפּ און אויסגעצויגענע העלדזער, אלע צוזאמענגעגאָסן, באַליגט ארום און ארום, אז דאָס פעלד איז אזש שווארץ געוואָרן — איין געדיכטע מחנה, איין שווארצע שטיל־שווייגנדיקע קופּע — און די דיסקוסיע ציט זיך און ציט. פּנים אל פּנים, ווערטער אויף ווערטער. וואָס אמאָל שטארקער, הייסער און געשווינדער, אז עס האָט געהאָגלט מיט ווערטער. ווערטער זיינען געפלויגן איינס איבער ס'אנדערע, איינס איבער ס'אנדערע, און געטראָפן זיך, ווי הייסע, פּייפּנדיקע קוילן.

— עס איז אָן אן ענדע, — האָט פלוצלינג איינער פון די שעדלעצער א רוף־אויס געטאָן:

—חברים, ברידער, איר זענט איינשטימיק מיטן „בונד"?

— יאָ, יאָ!! — איז געוואָרן א געשרייערײ.

— ברידער, חברים, — האָט דער פּ. פּ.ס.ניק אויך געמאכט די אייגענע קונץ — איר זענט איינשטימיק מיט די פּ. פּ. ס.?.

— יאָ, יאָ!! — איז נאָך א העכער געשריי געוואָרן.

איז ווייטער נישט געווען וואָס צו מאכן — האָט ערשט יעקל סטאָליאר געגעבן זיך א שטעל אנידער מיט די צוויי שעדלעצער באזונדער און א רוף־אויס געטאָן:

— איך גיי ארונטער אונטער דעם „בונד"!... — האָט זיך שוין דער גאנצער עולם געוואָלט א לאָז טאָן אהין, האָט אָבער דער ווארשעווער א רוף געטאָן צו זיך, איז מען צו'ן אים אויך צוגעשטאנען. און דער עולם האָט זיך צעשפּאָלטן אויף צווייען. נאָר איין איטשעלע איז געבליבן שטיין א ווײַלע אינדערמיט, און איז דערנאָך, וואָס אמאָל צוגעלאָפן דאָ אהין, צי דאָ אהער. וואָס איז די נפקא־מינה? — האָט ער געטענהט.

האָט אײן צד אָנגעהױבן צו זינגען, האָט דער צװײטער צד נאָך העכער אָנגעהױבן. איז געװאָרן א געזינגערײ, אז די פּאַראַבקעס פון הױף מיט די באָרװעסע שיקסעס, מיט װײסע פאַטשײלעכלעך אױף די קעפּ זײנען געקומען צו לױפן, און האָבן זיך געשטעלט פּונװײטנס און געקוקט אױפן שװאַרצן װוּנדער. האָבן די שעדלעצער געזען, אז יענע װערן אױך נישט מיד זינגענדיק, און עס איז װײטער נישט װאָס צו מאַכן — האָט אײנער א כאַפּ ארױס געטאָן א רעװאָלװער און — האָט אױסגעקנאַקט!... האָט עס א זעץ געטאָן, א שטיק פײער מיט א רױך, האָבן זיך די שיקסעס בײ די קעפּ אָנגעכאַפּט: „אָ, ליא באָגאָ!!”.

דאָס איז דער ערשטער שאָס געװען, דער ערשטער יידישער שאָס בײ אונדז אין שטעטל.

---

פון דעמלט אָן האָט מען אָנגעהױבן צו פאַרמאַכן די לאָדנס, אזױ װי די נאַכט פאַלט נאָר צו.

דעם סטאַרשי־סטראַזשניק איז צו דער שװערד נאָך צוגעקומען א רעװאָלװער אױף דער זײט... און די טאַנדײט־שנײדער, װאָס האָבן ביז אהער נישט געװאָלט צושטײן צו די אחדותניקעס, האָבן זיך אױפגעהערט אקעגנשטעלן און אױך געמוזט מאַכן א שטרײק, אזױנס, פאַר װעלכן זײ האָבן זיך די יאָר און די טעג פאַרשאָלטן. זײ האָבן געמוזט אױפהערן צו נעמען אַרבעט אהײם. געמוזט נעמען די מאַשינען אױף די פּלײצעס און איבערטראָגן צו די טאַנדײטער, צו די באַלעבאַטים אין שטוב ארײן, אַרבעטן. האָבן זײ געזיפצט. טאַטעס האָבן זיך שטיל געקלאָגט: מען האָט מיט א מײדל א שידוך צו טאָן, עס דאַרף קומען א חתן, א מחותן אין שטוב ארײן און דאָ האָט מען אפילו דאָס מאַשינדל אױך ארױסגעטראָגן...

---

אזױ איז עס געגאַנגען א טאָג נאָך א טאָג און, אז א מאַמע האָט געדאַרפט א קינד אײנצושלעפן, האָט זי געסטראַשעט: „שלאָף, װאָרן איך גײ רופן די שטרײקער”... אז צװײ זיצערקעס אין מאַרק האָבן זיך געקריגט, האָט אײנע דער צװײטער א מורא געמאַכט: „נו, נו — איך װעל נאָר א זאָג

טאָן מיין חיזמלען, וועט מען דיר שוין דאָס מולטערל איבערהדרייען"... און, אז איינער א יונג, וואָס האָט א גאַנץ יאָר א ליבע געפירט מיט א חסידיש מיידל — זומער הינטערן בית־עולם און ווינטער אויפן אפּטיי־קערס גאַניק, א חוץ „בריוועלעך, וואָס ער האָט געשריבן צו איר, וואָס „צייכנט זיך אויס מיט איר טייערן „באָמען" פייגעלע גרינבלאַט", — האָט ער אצינד שוין ארויסגעשטעלט דעם פאָטער אירן א פאָדערונג, ער זאָל אים געבן די טאָכטער... און איינער, א פּינטשעלע, וואָס האָט זיך געריכנט צו די אחדות־לייט, האָט קיין ארבעט נישט געהאַט, אָדער נישט געוואָלט ארבעטן און האָט זיך דערוויל געכאַפּט צום האַנדל, אויפצוקויפן וואָס א דאָרפס־ייד ברענגט אין שטאָט אריין: א פור אויבס, דאָמבּ, אָדער האָניק־קוועטשעכץ, — האָט פּינטשעלע, ווי באַלד מען האָט אים נישט גע־וואָלט פאַרקויפן, געדאַרפט צוליגן א פינגער צו דער נאָז, געבנדיק אָנ־צוהערן, אז, אז... איז שוין געגנוג געווען. און טאָמער האָט זיך דער ייד אויסגעלאַכט, האָבן זיך מענטשן ביי די קעפ אָנגעכאַפּט: ייד, וואָס טוט איר?... איר שעכט זיך אָפּ, איר וועט זיך נישט טאָרן אין שטאָט אריין וויזן... און ביסלעכווייז, אז איינער האָט געהאַט אויף דעם צווייטן א שווער ביטער הארץ, איז מען טאַקע געקומען אין „טשיינע" אריין אויף א קלאָג. און יעקל סטאָליאר האָט א ווייך הארץ, קאָן ער נישט צולאָזן קיין „אומ־רעכט" און זעט זיך צוצוביגן, עס זאָל נישט געשען קיין עוולות. און אז יעקל זיצט ביי דעם טישל אין אַנדערן חדר, געפינען זיך שוין ארום אים א פאָר יונגען — חברה־לייט; ביי דער זייט שטייען א פּאָר פרעמדע מענ־טשן, נישט פון „היגעדיקן רייסטער", נאָר וואָס זיינען גלאַט געקומען מיט א בקשהלע א קליינס.

— וואָס האָט איר געוואָלט? — פרעגט יעקל א ייד, וואָס האַלט זיך שוין א לאַנגע צייט ביי דער באָרד און צאַפּלט מיט די אויגן צו אים, אז דאָס היטל מיט דער יאַרמלקע לאָזט זיך אים אזש אויף א זייט אויער אראָפּ.

— יעקלשי... — בייגט זיך אים דער ייד איבערן אויער — איך האָב מיר געוואָלט א פּענצטער אויסשניידן אין אונטער־געסל אריין. הכלל — מיטן סטאַרשי־סטראַזשניק בין איך שוין אדורכגעקומען... האָב איך אָבער מורא פאַרן שכן, ער זאָל נישט קריכן אין קיין העכער אָרט אריין... בעט איך דיך, יעקלשי.

— נו, נו... — טוט יעקל א שאָקל מיטן קאָפּ, אויסשטעלנדיק צוויי גוטע טויבן־אויגן, און דער ייד וואָלט שוין געגאַנגען שווערן אין טלית און קיטל, אז עס איז קראַנט...

— און וואָס האָט איר פאַרלאַנגט?... — ווענדט ער זיך ווייטער צו א יונג ווייבל, בלוט־און־מילך, וואָס איז געשטאַנען אין א זייט, איינגע־הילט אין א פאַטשיילע.

— איך בין פון סטאַצק... — הייבט זי אָן שעמעוודיק, מיט אראָפּגע־לאָזטע אויגן — האָב איך א מאַן, א חסיד... נישט צו גאָט און נישט צו לייט...; איך בין א נייטאָרין און מוז נאָך אים געבן צו עסן. קאָן נישט זיין צווישן אונדז קיין לעבן... יאָג איך מיך מיט אים ארום שוין אנדערט־האַלבן יאָר ווענן א גט — איז אָבער ביי אונדז אין שטעטל נישטאָ קיין טייך, וואָס זאָל האָבן א נאָמען... און מיטן פאָרן אין אן אנדער שטאָט אריין שלעפּט ער אָפּ...; און איך האָב מיך נישט צו וועמען צו ווענדן... נישט קיין פריינט און נישט קיין קרובים...

דאָס הערט שוין יעקל אויס מיט מער אויפמערקזאַמקייט. עס געפעלט אים זייער, וואָס זי איז א נייטאָרין — זי „פראָדוצירט"... איז א נוצלעך גליד אין דעם „געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם"...; און ער פרעגט זיך אויס איינציקוויז, צי איז זי עפּעס א באַלעזונע, און דער עיקר, צי קאָן טאַקע נישט זיין קיין לעבן צווישן איר און דעם מאַן. און אז ער זעט איין, אז זיי זיינען „צוויי פאַרשידענע וועלטן", שאָקלט ער אויך צו מיטן קאָפּ... און די חברה יונגען, וואָס שטייען דערביי און קוקן זיך איין מיט אָפענע מיי־לער און אויגן אין דעם ווייבלס געריטלט געזיכט, דערהיצן זיך, די מענ־טשעלעך אין די אויגן הייבן אָן צו גלאַנצן, און זיי לייגן איר פאָר, אז זיי קאָנען טאַקע באַלד מיט איר מיטפאָרן מכּוח דעם עסק.

טיילמאָל פאַלט אויך אריין מיט אן אימפּעט א ייִדענע, מיט א פאַרדריי־טע קופּקע, א צעפלאַמט געזיכט, פייערשפּריצנדיקע אויגן, און האַלט אויס־געשטעלט צוויי הענט מיט לונג...

— זעט, מענטשן־קרוין...; — ציטערט זי אַזש — מען נעמט, מען בינדט מיר אָפּ די קאָץ, אויף צו־להכעיס, זי זאָל מיר די לונג פון קישל ארויס אויפפרעסן און די רעשטע אין זאַמד אויסנאָרען!... — קלאָגט זי זיך אויף די שכנים.

און אז יעקל שווייגט רעדט זי זיך פון האַרץ אראָפּ, ווערט אויך א קאָפּ לייכטער...

יעקל הערט אלץ אויס, נעמט אלץ צו, און דערפאַר האָט אים דאָס שטעטל ליב געקריגן. מען רופט אים שוין הינטערוויילעכץ „ר' יעקעלע דיק"... און אין די אויגן לויבט מען אים אין טאָג אריין פאַר זיין גוטס־קייט, פאַר זיין חכמה... אפילו ביים סטאַרשי־סטראַזשניק אין די אויגן האָט

צר אויך נושא־חן געווען: „יעווריעסיקי קאראל״ רופט ער אים. און דער „סודיא״, וואס קומט צו פארן איינמאל אין חודש אויף א פאר טעג אפצור־פארטיקן די היגע לאדעבישן, קאן זיך גארנישט אפוונדערן, וואס פאר א פיין שטעטל דאס איז געווארן, אויס פראשעניעס, אויס אלץ...

---

נאר איינער איז שטארק ברוגז אויף די אלע מעשיות. דאס איז דודל ראזענצוויג. דאס איז א יידל א רירעוודיקס, מיט לויפנדיקע אייגעלעך, מיט ניין מאס ריקד, שפרינגט ביים רעדן אין די אויגן אריין, כאפט זיך מיט העגט און מיט פיס אויף יענעם. ער איז אויך א גמרא־קעפל, ווען מען דארף; אן עצה־געבער און א שטיק אדוואקאט.

עס קומט אריין א ייד מיט אן עסק, גיט ער באלד א דריי ארויס דאס ברענענדיקע לעמפל, וואס שטייט אויפן טיש אונטער א בלאער שיין. שפרינגט צו צום ספרים־שענקל, כאפט ארויס א ספר מיט דראבנע אותיע־לעך און ציפערן ביי די זייטן — בלעטערט, בלעטערט, און טוט זיך א שטעל אפ אויף איין ארט מיט לויפנדיקע אייגעלעך איבער די שורהלעך, א לייג צו א האנט צום שטערן, א וויש אראפ ביז איבערן קליינעם בערדל, און באלד צוריק א הייב אויף דעם קאפ:

— א — הום... — זעץ דיך, זייזשע מוחל — טוט ער פלינק א ווארף איבער מיט די אייגעלעך אויף א ליידיקער שטול. — אזוי פארשטייסטו מיך... עס איז אפילו א פארפלאנטערט עסק, נאר מער נישט, ביסט דאך גע־קומען צו מ י ר... ווערט מען זען אן עצה.. קודם־כל, פארשטייסטו מיך, איז א פראשעניע, און טאקע באלד מיט דער סטאטיא „טשיסטא־טריסטא סא־ראק פיאט״... וואס איך האב דא ערשט טאקע אויפגעזוכט עקסטרע פאר דיינעטוועגן, פארשטייסטו מיך..: און אזוי, פארשטייסטו מיך, וועט עס שוין גיכער זיין אין ארדענונג...

— יא, יא... דווקא — שמעלצט זיך דער ייד אין אים פאר נחת — איך וייס, א גמרא־קעפל...

און דודל ראזענצוויג גיט באלד א קלינג אן אין א ביינערן מויער־קעפל אויפן טיש און עס קומט אריינצופליען א זינדל, א פאצעטל, א האזל מיט אויפגעשטעלטע אויערלעך און האלב־צוגעמרושעטע אייגעלעך:

— וואס פארלאנגט דער פאטער?..

— נעם נאָר געשווינד די פעדער אין דער האַנט אַריין... „יעוואָ״ אַזוי און אַזוי... — טוט דודל ראַזענצווייג אַ דיקטיר, און דאָס זיינדל, וואָס זיצט שוין מיט דער פעדער איבערן פּאַפּיר, מאַכט אַ געדרייעלע מיט אַ ריץ און די פעדער הייבט אָן סקריפּען, צוזאַנגענדיק און דער פאָטער דיקטירט ווייטער, אַרומגייענדיק איבערן צימער אינעם ציצענעם שלאַפראָקל: אַזוי ווי דער „לעווי גרינשטיין״ האָט מיר „מנשה חומר׳ר״ אַזוי און אַזוי... לכן — „פּאָטאָמו״ הייסט עס, האָב איך גרויס „טשעסט״, און אַזוי ווייטער, די סטאַטיאַ — די און די...

פאַרטיק, דער ייד חתמעט אונטער... עס וועט שוין זיין גוט!...

קומט ווייטער אַריינצוגיין דעם איינגענעמס בעל־דבר, דער „לעווי גרינשטיין״ און בעט אים אויך דאָס אייגענע: דודשע... קרויזישע... טוט ער ווייטער אַ כאַפּ דעם אוסטאַוו און געפינט פאַר אים אויך אַ טשיסטאַ־טריסטאַ, נאָר שוין סאַראַק שעסט... און עס וועט אויך זיין אין אָרדענונג...

אָט דעם פּאַרשוין האָבן די אַלע מעשיות פון יעקל סטאָליאַר נישט געקאָנט געפעלן. ער גייט אַרום מיט אַ פינצטערן בליק, און דערזעט ער יעקל סטאָליאַר אויף דער גאַס, זעט מען באַשיינפּערלעך, ווי דער מענטש ווערט גרין און געל...

יעקל אָבער האָט זיך געטאָן דאָס זייניקע, אַלע טאָג זיך אַריינגעכאַפּט אויף אַ פּאָר שעה אין דער טשייניע אַריין און „אָפּגעכשרט״ אַלע „דיעלעס״, שטאָטישע און פון דער סביבה... און עס גייט שוין אין נאָמען פון דער „אָרגאַניזאַציע״... די אָרגאַניזאַציע — הייסט עס — האָט באַשטימט, און מען ווייסט שוין וועמען מען מיינט... עס קומט אַריינצוגיין אין טשייניע דער אייגענער פינטשעלע טאַקע, וואָס שרעקט די דאָרפס־יידן, און דערציילט יעקלען אַ מעשה, גלאַט אין דער וועלט אַריין, פון זיין זיידן, וואָס עס קומט אים טויזנט גילדן ביי איינעם, לאָזערן, וואָס האָט דאָס געוועלב... מיינט יעקל, אַז ער דערציילט אים גלאַט אַ מעשה און פינטשעלע פוילט זיך נישט טאַקע באַלד אַריבערצוגיין צו לאָזערן אין געוועלב אַריין:

— זאָלט איר וויסן, ר׳ לאָזער, די אָרגאַניזאַציע האָט באַשטימט, איר זאָלט אָוועקגעבן מיין זיידן די טויזנט גילדן...

— קינד — הייבט יענער אָן צו בעטן — דו ווייסט דאָך נישט די גאַנצע זאַך, ס׳איז דאָך שוין אַ מעשה פון אַ יאָר פופצן צוריק, דיין זיידע איז נאָך געווען דעמלט אַ „פּשיסטאַוועצע״... האָט ער מיר געבראַנגט פאַרלעגערטע סחורה, אַ קעסטל פלוימען — הוילער שימל... האָב איך זיי נישט געוואָלט צונעמען, אָבער כ׳האָב דאָך מיך באַלד פאַרגלייכט מיט אים...

ענטפערט פינטשעלע:

— אנישט וועט מען קישקעס שלעפן איינמיטן דער גאס!..

און כאַטש פינטשעלע איז באַלד אוועק, אָבער דאָס וואָרט „אָרגאַניזאַציע" איז געבליבן... דער ייד ציטערט, דאָס ווייב איז שוין גרין און געל.

און טאַקע דעם אייגענעם פרייטיק, נאָכן מרחץ, ווען לאָזער איז איבערהיים געזעסן, איינער אליין, דאָס ווייב מיט די קינדער זיינען אין געוועלב געווען, די חלות זיינען שוין געווען גרייט צום טיש, מיט א ווייס טישטעכל איבערגעדעקט, דאָס גלעזל פון לאָמפּ מיט דער רויטער פּאַטשיילע לאָזערס איז שוין אויך געלעגן גרייט אויפן טיש און ער, לאָזער, האָט דערוויל א גלעזל טיי געטרונקען, דערזעט ער, ווי די טיר מאַכט זיך אויף שטילערהייט און א שטיל קעפּל מיט סודות אין די אויגן, פינטשעלעס אויגן, קוקן אריין... ווערט אים נישט גוט... דאָס בלוט האָט אים האַסטיק א שלאָג געטאָן אין פּנים אריין, די אויגן האָבן אָנגעהויבן צו גלאָצן, די האַנט צו ציטערן מיט דעם גלעזל טיי, און ער טוט זיך א קער אום פון שטול אראָפּ, בלייבנדיק ליגן א קגויל... פינטשעלע שפּרינגט צו מיט צעמישטע אויגן און מאַכט א געוואַלד. כאַפּט א שעפ וואַסער, שפּריצט אויפן געזיכט, רייסט און שרייט, ביז עס איז געקומען אָנצולויפן א פולע שטוב מענטשן. עס האָט זיך געמאַכט א געריסעריי, א געכאַפּעריי און א געפּילדער, אלע מיט איבערגעבויגענע צעמישטע פּנימער; מען פאַלט איבער לאָזערן, מען האָט אים ביי די שלייפן געריבן, געוואַלדן געמאַכט, און נישט געקאָנט אים דערמונטערן. גיט מען א גאָס א גאַנץ גלאָז קאַלט וואַסער אין פּנים אריין, רייסט ער אויף די ברעמען, אין די אויגן שניידט זיך אויס א שאַרף גלאָצן און ער מאַכט זיי צוריק צו. דער דאָקטאָר איז געקומען, צעיאָגט דאָס רעדל, געהייסן א פענצטער אויפמאַכן און האָט אים באַטראַכט. ער ליגט איינמיטן שטוב אויסגעצויגן, דאָס געזיכט שטאַרק געל, און אלע ווילן דאָס אייגענע גלאָצן מיט די אויגן... דער דאָקטאָר האָט א דריי געטאָן מיטן קאָפּ און שטיל געבליבן. ער האָט אים דעם דופק געהאַלטן, קראָפּליעס געגעבן און דערנאָך געהייסן אים אויפן בעט אַרויפליגן. צום אוועקגיין האָט ער געזאָגט עטלעכע מענטשן שטילערהייט הינטער דער טיר: „טאַק, טאַק... אַפּאָפּלעקסיא"... און אויסשפּרייטנדיק די הענט, האָט ער א קוועטש געטאָן מיטן קאָפּ צווישן די אַקסלען...

און אזוי איז טאַקע געווען... נאָך דעם אייגענעם שבת־צונאַכטס האָט מען א לוויה געהאַט בסוד־סודות... ברענענדיקע לאַמטערנדלעך האָבן זיך ווי גליענדיקע אייגלעך אין דער שטומער, פינצטערער נאַכט צום בית־עולם געריקט און פאַרזונקען געוואָרן צווישן די ווייטע, שוואַרצע קופּע ביימער...

א טויט־שרעק איז דאָס שטעטל באַפֿאַלן, די הייזלעך האָבן אַבלדיק אויסגעזען. און שטיל פֿאַרטראַכט איז אײַן דעכל קעגנאיבער דעם אַנדערן: הײַנט דיר, מאָרגן מיר... די הײזלעך שטייען פֿאַרזונקען אין טיפֿן שטיל־שווײַגן און די פֿענצטער קוקן מיט אומעט אין גאַס אַרײַן... יאָקל סטאָליאַר און דער וואַרשעווער פּ. פּ. ס. ניק זײַנען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און מענער און ווײַבער מיט בלאַסע פּנימער האָבן זיי נאָכגעקוקט מיט שטילע, אויסגעלאָשענע אויגן... אַפֿילו איטשעלען איז דאָס האַרץ אײַנגעפֿאַלן און ער הייבט קיין אויג נישט אויף...

— געוואַלד געשריגן — האָט ער געטענהט צו יאָקלען און צ״ם וואַרשעווער — ווי זעט מען אַזוינס צו פֿאַרשווײַגן? אַזוינס נישט צו פֿאַרהיטן?..

און אַז זיי האָבן אים אָנגעקוקט און נישט געענטפֿערט, האָבן זיך אים די אויגן צעבערענט, ווי בײַ אַ גזלן:

— האָט מען קיין אײַנזען נישט, — זאָגט ער, — נעמט מען זיך נישט אונטער!..

און אַז זיי האָבן ווײַטער געשוויגן, האָט ער געוואָרפֿן אַ בליק פֿון פֿאַראַכטונג און אַ שפּײַ געטאָן פֿאַר יאָקלס פּנים און איז אַוועקגעגאַנגען.

דערווײַל הערט זיך נישט קיין פֿרײלעכס אין וואַרשע, ווי אויך פֿון אַנדערע גרויסע שטעט — באַקו ברענט... טאַטאַרן שעכטן מענטשן אין די גאַסן. און דאָ, שמועסט מען, זאָל זיך אויך עפּעס נײַעס מאַכן „דעם זונטיק".

און דער זונטיק איז געקומען.

פּויערים פֿון אַרומיקע דערפֿער, מיט די גראָע סערמיגעס, גראַנאַטענע הימעלעך, גלאַנצנדיקע חאָשקעס און שטיוול מיט הויכע קנאַפּל, זײַנען אָנגעקומען מיט רויטע, צעהיצטע פּנימער און אָנגעהויבן די שטאָט צו פֿאַרפֿלייצן. גלחים פֿון נאָענטע „פּאַראַפֿיעס" זײַנען אויך אַהער אָנגעקומען מיט זייערע מתנות. דאָס געזאַנג אין קלויסטער, די פֿאַרזונקענע טענער פֿון אָרגל האָבן זיך פֿון הינטער די הויכע דיקע ווענט אַרויסגעריסן און צעגאָסן זיך איבער די שטילע דעכלעך פֿון שטעטל, און צעוויגט זיך אין דער לופֿט און אָנגעפֿילט זי מיט שרעק.

און אינמיטן טאָג איז מען אַרויס אויפֿן אָרומגעצוימטן הויף אַרום קלויסטער — פֿריער מיט אַ הייליקן בילד מיט אַ גאָלדענער קויל אויף דעם שפּיץ, און דאָס האָט אַ בליץ געטאָן קעגן דער זון מיט מיליאָנען גאָלדענע שפּיזלעך, פֿלוצלינג אַ שפּראָץ געטאָן און די אויגן פֿאַרכאַפּט. דערנאָך אַ פֿאָן מיט אַ ווײַסן אײנקעפּיקן אָדלער. האָבן אַלטע לײַט געזאָגט, אַז דעם אָדלער האָט מען שוין נישט געזען אַ יאָר דרײַסיק. נאָך דעם איז געגאַנגען אַ פֿאָן מיט רויטע און ווײַסע בענדער און נאָך אײנער, ווײַטער, מיט אַן

איסגעמאָלט בעטל — אויך אַזאַ בילד אַ הייליקס און די פענער האָבן געפלאַטערט אין דער הייך איבער דער מויער אַרום קלויסטער, און האָבן הקפות געמאַכט לאַנגזאַם אַרום דער וואַנט, און אַ שטיל איינגעהאַלטן געזאַנג האָט זיך געהערט. ביסלעכווייז האָבן זיך די פענער דערנענטערט צו די אָפענע טויערן, און דערזען האָט זיך אַ מתנה פּנימער, אַ רירעוודיקע מתנה פון פּנימער איבער פּנימער און אַקסלען איבער אַקסלען. גויים אין די גאַלע קעפּ, פּויערטעס מיט רויטע און ווייסע פּאַטשיילעכלעך, ביז אונטער דער גאָמבע, האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די ענגע טויערן און געלאָזט זיך, מיט די פענער פאָרויס, איבערן ברייטן זאַמדיקן וועג, וואָס ציט זיך אין גרינעם פעלד אַריין. אַקסלען און סערמיגעס און קעפּ איבער קעפּ היבן זיך און רודערן, איינס נאָך ס'אַנדערע, איינס נאָך ס'אַנדערע, אַלץ ווייטער און ווייטער. און פון די אָפענע טויערן קומען אַלץ אַרויס נאָך און נאָך פּנימער, עס וועט זיך, דאַכט זיך, גאָרנישט אויסלאָזן. און אַ לייכטער שטויב האָט זיך אונטער די טריזנטער באַוועגלעכע טריט דערהויבן מיט אַ שטיל נאָכשאָרכן פון אַ ים גראָע סערמיגעס און בלאָע געשטרייפּטע „סוקעניקעס". און דער עולם האָט ווייטער גערודערט. קעפּ איבער קעפּ, אויף און אָפּ, אויף און אָפּ, ווי די וועלן איבער אַ לאַנגען שטראָם. די פענער פלאַטערן, פאָרויס גייען די גלחים מיט בלאַסלעכע, רונדיקע געזיכטער, אָנגעטאָן אין די ווייסע העמדלעך און קאַנטיקע שוואַרץ־סאַמעטענע מיצלעך איבער די קלאָרע שטערנס; הינטער זיי — דער נאַראָד, אַ טויזנטיקע מחנה, אַ שווייגנדיקע און אונטערטעניקע, וואָס ציט און ציט מיט שטילע אַראָפּגעלאָזטע געזיכטער אונטער אַן איינגעהאַלטן, טיף געזאַנג. און ווייט, ווייט ציט זיך די לאַנגע שווערע מאַסע נאָך יענעם עק נאָך, ווו די פענער ווייען און קאַשפּערן נאָך זיך אין גרינעם פעלד אַריין. און איבערן באַרג, ווו מען בעמט געל זאַמד צו דער פּאַדלאָגע לכבוד שבת, האָבן זיך אָנגעהויבן ווייבער און מיידן צו באַווייזן. און יידן בעלי־מלאכות מיט די נאַקעטע העמד־אַרבל זײַנען אויך אַרויסגעקומען אַ קוק טאָן: אַבי, געלויבט צו גאָט, מען מיינט נישט זיי... און ווייבער האָבן אויך גאָט געדאַנקט פאַר דעם חסד, וואָס זיי זײַנען נישט ווערט, און האָבן אויך גוטווייליק נאָכגעקוקט דעם המון, וואָס האָט זיך געצויגן: זאָל זיין פענער... זאָל זיין אַ האָלץ, אַ שטיין, אַ ביין, אַבי מען זאָל יידישע קינדער לאָזן געמאַך. און ווייט זײַנען די בלאָע הימלען אָפן געשטאַנען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די וועלט האָט זיך אַ יום־טוב געמאַכט, טיר און טויער געעפנט און רופט די מענטשן צו זיך אין פעלד אַריין. איטשעלע און יעקל סטאָליאַר און דער וואַרשעווער האָבן זיך אויך געשטעלט אויפן באַרג און שטיל נאָכגעקוקט. מען האָט

מער נישט געווען, נאָר קעפּ־אײַן און קעפּ־אויס, אַ ים גאָלע קעפּ, און קעפּלעך מיט רויטע און ווייסע פּאַטשיילעכלעך, וואָס האָבן אַרויסגעפּעכלט ווי צעזייטע בלימלעך פון צווישן דער מחנה, וואָס האָט זיך געוויגט נאָך די פּענער נאָך. און די פּענער האָבן געווייעט, געפּעלבלט זיך און צעשפרייט אין דער לענג און אין דער ברייט. און האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ בוים, און דער גאַנצער נאָראַד איז שטיין געבליבן. דאָ האָבן זיך די וועגן צעשפרייט אויף צוויי, און אונטער דעם בוים איז אַ קרייץ געשטאַנען, אײַנגעטיפט אינעם שאָטן פון די געדיכטע צווייגן. דאָס געזאַנג איז נאָך טיפער געוואָרן און דער נאָראָד שטילער... און אָט לאָזט מען זיך שוין אַראָפּ קניען... די גאַנצע מחנה לאָזט זיך אַראָפּ און אַראָפּ, פון איין עק ביז צום אַנדערן, ווי די זאַנגען איבער אַ גרויס פעלד, ווען אַ ווינט איז דורכגעצויגן און אַלע קעפּלעך געבויגן. איין פּאַליע איז איבער אַלע קעפּ פאַרבייגעגאַנגען, אָנהייבנדיק אין איין עק און אויסלאָזנדיק אין צווייטן עק. אַלץ קניט, אַלץ שוויגט, מיט געבויגענע נאַקנס און אַראָפּגעלאָזטע געזיכטער צו דער ערד... און דאָס געזאַנג פון אויבן צעגיסט זיך אַרום און אַרום נאָך שטילער, נאָך טיפער און נאָך אײַנגעהאַלטענער, און וועלן, דאַכט זיך, אַלע שטילע קעפּעלעך, וואָס לאָזן זיך אויף די קניען אַראָפּ, — זיס אײַנשלעפערן און לאָזן זיי ליגן מיט די פּנימער אײַנגעטיפט אין זייער אייגענער שויס...

און אַ זיסע פאַרזונקענקייט האָט זיך אַרום און אַרום צעגאָסן. דער פּלאַץ אַרום און אַרום האָט זיך אין אַ ים ליכטיקייט אָנגעטרונקען, און די גאָלדענע זון אין בלאָען הימל האָט געקוקט און געקוקט אין דער שווייגנדיקער מחנה אַריין... אַ לייכט ווינטל האָט געפאָכעט איבער די אויערן, געהאַלדזט און געגלעט, און געשפּילט זיך מיט ווייכע בלאָנדע האָר איבער די אײַנגעשלאָפענע, אַראָפּגעקניטע קעפּ. די פּענער האָבן געווייעט און געצויגן זיך אין דער בלאָער לופט אַריין. די גאָלדענע קויל האָט געבלאָנקט, שטעכנדיק די זון מיט טויזנט פייערדיקע אויסגעשפּראָצטע שפּיזן, און די זון איז געשטאַנען פאַרטראַכט און געטראַכט...

— — — — — — — — — — — — — — —

און פּלוצלינג — אַן איבעררייסן פון דעם שטילן געזאַנג... אין יענעם עק דערהייבט מען זיך שוין, און קעפּלעך איבער קעפּלעך הייבן אָן כסדר אויפצוקומען.

דאָס געזאַנג האָט זיך אויפסניי דערהויבן און די גאַנצע מחנה האָט זיך אַ ריר געטאָן, לאָזנדיק זיך ווייטער איבערן וועג אין גרינעם פעלד

אַריין. און ווייבער און מיידן מיט יונגען זיינען אויפֿן באַרג געשטאַנען, ווו מען נעמט געל זאַמד אויף שבת און האָבן נאָכגעקוקט.

ווייט איז די מחנה גוים אַוועק, ווייט, ווו דער ברייטער זאַמדיקער וועג זעט אויס, ווי אַ שמאָל, ליכטיק שלענגל, וואָס שלענגט זיך צווישן די גרינע פֿעלדער, באַרג־אַרויף און באַרג־אַפּ. און די מחנה האָט זיך גע־צויגן און געצויגן קוים נאָר מיטן אויג צו דערזען. זי האָט אויסגעזען, ווי אַ שוואַרץ פּאַסיקל איינמיטן פֿון אַ גרינער וועלט אַרויפֿגעוואָרפֿן...

און פֿון דעם באַרג, ווו מען נעמט געל זאַמד אויף שבת, האָבן זיך יונגען און מיידן אָנגעהויבן צוריק אַראָפּצולאָזן, נאָר איטשעלע איז גע־בליבן שטיין אַ פֿאַרטראַכטער, מיט ווייטע, אויסגעשטעלטע אויגן.

— לאָמיר גיין. — האָט אים דער וואַרשעווער געוועקט.

— זאָג נאָר, — האָט זיך איטשעלע ווי אויפֿגעכאַפּט, — וואָס איז דאָס פֿאַר אַ גאַנג געווען זייער היינטיקער גאַנג?..

—— אַ פּראָצעסיע... — האָט דער וואַרשעווער געענטפֿערט.

אַ רעליגיעזע, — האָט יעקל סטאָליאַר פֿאַרבעסערט.

— דו האָסט דאָך עפּעס געהאַט געזאָגט, — מאַכט איטשעלע צום וואַרשעווער, — אַז עס וועט אַראָפּקומען אַ וואַרשעווער קריסט, וועט ער האַלטן אַ „מאָווע” און מען וועט גיין צוזאַמען?..

— האַנט ביי האַנט, פֿאַרריכט יעקל.

— ע... — גיט דער וואַרשעווער אַ הייב מיט די אַקסלען, — די היינ־טיקע איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש... דאָס זיינען „נאַראָדאָווצעס”...

נאָר איטשעלען האָט עס געקרענקט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער וואַרשעווער האָט עקסטרע אויסגעזוכט אַ געבילדעט וואָרט „נאַראָדאָוו־צעס”, אַבי נאָר צו פֿאַרגלעטן...

— ליגנער דו!... און דו ווייסט דען נישט, אַז דו ביסט אַ ליגנער?... — האָט אים איטשעלע אַ זאָג געטאָן.

— האַ, האַ, האַ!.. — האָט זיך דער וואַרשעווער צעלאַכט.

איטשעלען האָט עס נאָך מער געשטאָכן. אַפֿילו דאָס געלעכטער, האָט זיך אים געדאַכט, איז בלויז ליגנט... נאָר איבערגעלייגט האָט ער זיך, אַז אים איז שוין אַלץ איינס — ציינט די מעשה מיט לאָזערן דעם געוועלבניק, איז ער שוין סיי־ווי־סיי אויס.

איז אים געווען שווער אויפֿן האַרץ.

שווערער נאָך איז אים געוואָרן אויפֿן האַרץ, ווען ער איז אַריין אינ־מיטן מאַרק און אומגעקוקט זיך אויף די שטילע היילעך מיט די האַלב־

אויפגעלוענטע פענצטער. ער האט עפעס דערפילט אזעלכעס, וואס ער האט קיינמאל נישט אין זיך געהאט. אט דארט הינטער דער שטאט איז אזא שווערע מתנה געלעגן, און דא איז אלץ אזוי קליין, אזוי בידעריק, און „אויף ניכטערן שפייעכץ האלט עס זיך“... אים האט זיך געדאכט, אז יענער מתנה זאל זיך נאר פארגלוסטן, מאכט זי זיך א געלעכטערל — נישט מער ווי א גוייש געלעכטערל... און יעדער איינציקער פון זיי נעמט זיך פון די הייזלעך א באלקן מיט א פאר פוילע שינדלען אונטערן ארעם און גייען זיך אוועק זייער וועגס, איבערלאזנדיק א ליידיקן פלאץ.

---

און אונדזער עולם האט זיך אויך פארבענקט נאך א פאן. דער ווארשעווער האט דאס איינגעזען און מורא געהאט, יעקל סטאליאר זאל עס נישט פארכאפן; יעקל סטאליאר וויטער האט אויך דאס אייגענע איינגעזען און מורא געהאט, אז דער ווארשעווער זאל עס נישט פארכאפן; זיינען איבער נאכט אויפגעשטעלט געווארן צווי פענער, אין דער „טשיינע“ טאקע, און אינדערפרי האבן זיך שוין יונגען געזאמלט פאר דער גלעזערנער טיר — שיין, ריין, די היטעלעך אפגעפוצט, די פנימער אפגעוואשן, און די אויגן האבן געבלישטשעט גאר יום־טובדיק.

דער עולם זאמלט זיך, ווערט וואס אמאל גרעסער, די גאס ווערט שווארץ, באליגט... און וו איז דער ווארשעווער, דער ווארשעווער?.. האט איינער דעם אנדערן געפרעגט, און עס איז געווארן א געפארעריי, א געדרייעריי און מען איז געלאפן הין און צוריק, און די גאס האט נישט גערוט.

— נו, וואס שטייט מען?.. — חזרט יעקל איבער צום ווארשעווער נאך דער גאנצער צייט שוויגן.

— נו גייט... וואס ווילט איר פון מיר? ... — בלאזט זיך דער ווארשעווער א קורעטש טוענדיק מיט די אקסלען, נאר, אז יעקל בלייבט צוריק אנטשוויגן, רופט זיך איטשעלע אן:

— הער נאר, ווארשעווער יאלד — מיין נאר נישט, אז מיר זיינען דיינע פרייערס...

— ווער זאגט, אדרבה, — פארענטפערט זיך דער ווארשעווער — נאר איך קאן נאך נישט גיין... ווייל איך, מוז איך אייך זאגן, האב ארויס־

געשיקט מענטשן דעם טעלעגראַף איבערצורייסן — — מוז איך אויף זיי וואַרטן...

— אַזוי איז שוין עפּעס אַנדעריש... — האָט ערשט איטשעלע אַ הייב געטאָן מיטן קאָפּ, נאָר יעקל איז געבליבן שטיין נאָך מער פאַרזונקען, וואָס דער וואַרשעווער איז פאַר איינער... ווי אַלץ פאַרכאַפּט ער... און יעקלען דאַכט זיך, אַז ער האָט עס אויך אין זין געהאַט צו טאָן, נאָר עס איז אים גאָר פון זין אַרויס.

עס קומען אָן צו לויפן עטלעכע קונדייסים מיט פריילעכע, שיינענ־דיקע פנימער, פאַרקאַכט, און די דאַשעקלעך, נעבעך, פאַרחריט, זיי רייסן זיך אַריין איבעמיטן רעדל, צום וואַרשעווער, און רוימען אים עפּעס איין, איבערשטעלנדיק די מיילעכלעך אונטער זיין אויער..

— און ווו זיינען זיי?.. — פרעגט ער איבער.

— גייען שוין... שוין... איבערגעריסן::: עס האָט אַזש אַ ציטער געטאָן דער דראָט: בר־ר־ר־רר...

און באַלד זיינען נאָך עטלעכע יונגען אָנגעקומען מיט נצחון־שמייכ־לענדיקע אויגן. פאַר זיי איז געגאַנגען איינער פאַרויס אין אַ מאַרינאַרקע מיט שטיוול און אַ רויט שאַלעכל אויפן האַלדז, מיט אַ ווייסן שטעקן אין דער האַנט. נאָך פונוויטנס האָט ער עפּעס אַ סיגנאַל געמאַכט: אַ כאַפּ געטאָן דעם שטעקן אין דער הויך, מיט דעם געבויגענעם הענטל אַרויף, עפּעס אַ ווייז געטאָן דעם עולם מיט אַ ווונק־צו אין דער הייך, און אַ שפּרונג־אונטער געטאָן, ווי מען כאַפּט עפּעס אָן אין דער לופטן. און אַ האַק האָט ער געטאָן מיט דער שאַרף פון דער האַנט אין דער לופט אַריין, און אַ שאָקל־צו מיטן קאָפּ. „שוין", האָט עס געהייסן. „אָפּגעפּאַרטיקט"...

צווישן עולם האָט זיך אָנגעהויבן אַ געסודעריי, אַ געשעפּטשעריי מיט אומרויקע באַוועגונגען אויף די געזיכטער: זעלנער וועלן קומען, זעלנער... דער נאַטשאַלניק וועט געוואַר ווערן... נאָר דער וואַרשעווער איז געווען פאַרטון אין איין זאַך; איצט איז עס „פּאַלקאַם"! — האָט ער צו זיך אַליין געשמייכלט, און ער מיט יעקלען האָבן זיך אַ ריר געטאָן מיט די פּענער פאָרויס און דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ ריר געטאָן נאָך.

די גאַס איז געווען פאַר זיי, ווי אָפּגערוימט, די געוועלבער פאַרהאַקט, און חברה האָט געמאַרשירט, ציענדיק זיך נאָך די פּענער. באַלד האָט זיך אַ געזאַנג אויפגעהויבן און אַלע פּנימער און אַלע אויגן האָבן געשיינט מיט איין גליק און מיט איין פרייד. דאָס געזאַנג ווערט שטאַר־קער, ראַשער, די פּענער ווייען און דער עולם רודערט נאָך מיט פאַר־

פלאמטע פנימער און אָפענע מיילער פון געזאנג, וואָס האָט די גאנצע גאס ארומגעכאפט.

אינעם גאנג זיינען נאָך אַנדערע צוגעשטאַנען. דער עולם האָט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט, און „אויסרופן" און „ענטפערן" האָבן די גאַס פארהילעכט. מען איז אַנגעקומען פאר דעם בורמישטשס גאָרטן, פאר דער קאַנצעלאַריע.

דער עולם האָט זיך אָפגעשטעלט, אויסגערופן עטלעכע מאָל די „פאַר־דערונגען", וואָס זיינען געוואָרן אונטערגעכאַפּט מיט א ים קולות פון דער גאנצער הילכנדיקער מאסע. דערנאָך האָט מען זיך צוריק אראָפּגע־לאָזט אין גאס אריין. און קיינער האָט נישט באמערקט, ווי אין גאָרטן, פארוקט הינטער דער אלטאנקע, שטייט דער בורמישטש מיט דעם אק־ציזניק, דער סטאַרשי און עטלעכע האַלץ־העקער אין די סוקמאַנעס, מיט די העק אויף די הענט, און אז זיי סודען זיך עפּעס און ווארפן בליקן אפער אויף די דעמאָנסטראַנטן... דער וואַרשעווער איז באגייסטערט, ער פירט... יעקל ווידער, ווייסט ביי זיך, אז ער פירט גאָר... און וואָס ווייטער אין דער גאַס, אַלץ העכער ווערט דאָס „אויסרופן", אַלץ רוישנדי־קער די קולות, אז עס דאכט זיך, די גאס וועט פּלאַצן. די פענער פלאַ־טערן, ווייען איבער די קעפּ און דער עולם ציט נאָך און ציט. מען זעט נאָר איין לאַנגע רירעוודיקע מחנה, קעפּ און קעפּ, וואָס באוועגן זיך אינעם גערויש פון א ים מיט קולות.

מען גייט און מען גייט.

— אין מאַרק אַריין, אין מאַרק אַריין!

און דער מארק איז לעער. די טישלעך פון געבעקס — לעער. עס וואָרפט זיך אַ דערשראָקן, בלאַס פּנים, דורך אַ שפּאַרע פון אַ געוועלב, וואָרפט אַ צעמישטן בליק אויף די פענער און אויף די צוזאַמענגעשטוי־סענע מחנה ארום, און די טיר גיט זיך צוריק א פאַרהאַק...

די פענער ווייען, ווייען, און דער וואַרשעווער איז שוין ארויף אויף א טישל מיט זיין פאָן אין דער האַנט, און יעקל סטאָליאַר, ווידער, מיט זיין פאָן אין דער האַנט איז ארויף אויף דעם אנדערן טישל קעגנאיבער. און דער עולם, ארום די טישלעך און ארום די פענער, איז געבליבן שטיל און האָט ארויפגעקוקט זיי אין די פנימער אריין. האָט אָבער יעקל נישט גע־האַט וואָס צו רעדן, האָט דער וואַרשעווער געגעבן א הייב־אָן א רעדע, אז דער קאָפּ זיינער מיטן קאַפּעליוש האָט זיך אזש א שאָקל געטאָן, ווי אויפגערודערט צום ארויסשיטן. און ער האָט גערעדט און גערעדט און געוואָרפן מיטן קאָפּ און געמאַכט מיט די הענט און מיט די פיס, ווי טייל־

מאָל דעם פּריצס פּערד פאַר ר׳ איזיקס געוועלב... און דער עולם איז געשטאַנען מיט אָפענע מיילער אונטער אַ האָגל פון ווערטער, און געקוקט אים אין פלאַמענדיקן געזיכט, וואָס האָט אַזש געציטערט פון באַוועגונ־גען; און אין די אויגן, וואָס האָבן געברענט, ווי צוויי שטורקאַצן.

האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצולויפן ווייבער מיט פאַרשאַרצטע אַרב־לען, מיט הענט פון טייג; און מיידלעך מיט צעשויבערטע האָר און מיט די קינדער אויף די אָרעמס; און די קינדער מיט בייגל אין די הענט, און אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום עולם, און צוגעשטופּט זיך אויך עפּעס צו הערן...

און אַט באַוויזן זיך פון עק פון מאַרק־געסל אַרויס די זעלבע האַלץ־העקער פון הינטער דער אַלטאַנקע. איצט טראָגט שוין יעדער פון זיי אין בוזעם צו איינציקע חלות פון וועלכע די אַרויסגעשטאַרצטע שפּיצן זייַנען שוין אָפּגעביסן. איינער פון זיי שלינגט איילנדיק אַראָפּ דעם ביס, מאַכט זיך גלייך די וואָנצעס, שאָקלט אָפּ די קרישקעס פון די לאַצן, נאָך דעם אויך די איבעריקע מאַכן זיך גלייך, ווי גרייטנדיק זיך צו עפּעס און אַלע רוקן זיך צו דער קופּע, שטעלן אויף אַן אויער, אויך עפּעס צו הערן פון דעם אַלעם גוטן.

און ווי דער וואַרשעווער האָט דאָס דערזען, גיט ער זיך געשווינד אַ וואָרף איבער אויף אַן אַנדערן טאָן, ווי אַ קאָמעדיאַנט אויפן שטריק, און גיט אַ הייב אָן נאָך העכער און נאָך שאַרפער:

— „בראַטושאַ, טאָוואַזשישע!“... — גיט ער ערשט אויפסניי אַ פּאַר אַרויס און דאָס ציגל האַקט, קנאַקט, ווי אין קרויט אַריין, ווי אַ לייגנדיק מילעכל מיט די האַמערס, און ווי אַ מילשטיין אונטער די וואַלצן.

און די גוים מיט די ברוינע מגושמדיקע פּנימער, מיט די דיקע ליפּן און בלאָנדע וואָנצעס, קרומען שמייכלעלעך איינער צום אַנדערן. און עט האָט זיך איינער גאָר הינטער די ווייבערס און די מיידנס פּלייצעס גע־שטעלט, בייגט זיך איבער מיטן קאָפּ אין רעדל אַריין, מאַכט אַ תמעוואַטע פּנים, און בליקנדיק מיט דערשראָקענע אויגן אין ווינקל מאַרק אַריין, שטאַמלט ער: „זאַלמערזשי ידאָן, זאַלמערזשי“...

עטלעכע ווייבער, די נאָענטסטע, האָט עס אַ בליץ געטאָן אין די אויגן, און ציטערנדיק האָבן זיי זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אויסגעשטרעק־טע קעפּ און פינקלענדיקע אויגן איבער אַלע קעפּ אַריבער.... און אין דער רגע איז עפּעס ווי אַ שטומע איינגעהאַלטנקייט געוואָרן צווישן עולם, און אַלעמענס בליקן האָבן זיך אין זייערע אָנגעצונדן... צעמישטע פּנימער האָבן זיך אַ רגע איבערגעפינקלט מיט די אויגן — — און אין עלעקטרי־

שער פונק האָט זיי אַלע אַ כאַפּ געטאָן און — אַ שליידער! און די גאַנצע קופּע האָט זיך אַ הייב געטאָן.

— שטייט, שטייט!! — האָט יעקל סטאָליאַר פון טיש אַראָפּגעשריגן מיט אַלע כוחות, און איטשעלע איז אויך אַרויף אויפן טיש און נאָך העכער געשריגן און געמאַכט מיט די הענט, און דער עולם איז נאָך מער פאַרטומלט געוואָרן, און נאָך שאַרפער האָבן די אויגן געגלאָצט. דאָך איז מען שטיין געבליבן — עפּעס האָט זיי אַ ריר געטאָן, און עפּעס האָט זיי צוריק פאַרכאַפּט, און זיי האָבן די וואָג פאַרלוירן, נאָר ביי די זייטן, אַרום, איז מען שוין געלאָפן און אויף דער ערד זיך אומגעוואָרפן. ווייבער און מיידן איז נישט מעגלעך געווען איינצוהאַלטן. אויסגעשטרעקטע הענט האָבן זיך אין קליידער און פּיס איינגעדרייט, און מען איז געפאַלן און געטרעטן, געטרעטן און געפאַלן, איינער איבערן אַנדערן, איינער איבערן אַנדערן, און ס'האָט שוין נישט געהאָלפן, כאָטש דער מיטלסטער עולם האָט געשטורעמט; שטייט! שטייט!! אַ צעמישונג איז געוואָרן — קופּעס אויף קופּעס, הענט מיט פּיס מיט פנימער מיט צעשויבערטע האָר. אַלץ איבער־נעם אויסגעמישט געוואָרן און געוואַלגערט זיך איבער דער ערד, און אַלע צוזאַמען האָבן זיך געריסן איינער פאַרן אַנדערן, איינער פאַרן אַנ־דערן, און אַלע צוזאַמען האָבן זיך פעסט צוגעהאַלטן מיט איינגעקלאַמער־טע הענט און פינגער איינער אין אַנדערן; און עס איז געוואָרן ווי איין צונויפגעגאָסענע קופּע, וואָס וואַרפט זיך און ראַנגלט זיך מיט הונדער־טער הענט און פּיס. און דאָך האָבן זיי זיך אַ וועג באַפרייט, און זייט איין מינוט זיינען זיך צעפלויגן אַלע ווייבער און מיידן און אַ שפּאַר ביסל יונגען אויך, געבליבן שטיין אויפן אָרט זיינען נאָר די רעכטע, אמת׳ע מאַנספאַרשוינען — בלויז געקליבענע... און דער וואַרשעווער האָט זיך צוריק געווענדעט צו זיי מיט אויפגעהויבענע אויגן און געוואַרט ביז דער עולם וועט זיך דערוויל באַרויקן...

אַציגד האָבן שוין די האַלץ־העקער נישט געהאַט וואָס צו מאַכן, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צוריקצורוקן אין מאַרק־געסל אַריין און געלאָזט זיך גיין צו דער קאַנצעלאַריע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

פאַרנאַכט האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געוווּסט, אַז דער טעלע־גראַף איז איבערגעהאַקט. צומאָרגנס אינדערפרי זיינען שוין זעלנער געווען.

גענומען האָט מען אויך יעקל סטאָליאַר און אוועקגעפירט אים אין אויעזד צום נאַטשאַלניק.

אז מען האָט אים פון שטוב אַרויסגעפירט מיט זעלנער ביי די זייטן, האָט אים קיינער נישט געקאָנט קוקן אין בלאַסן פּנים אַריין, נאָר דער קרעמער, דער שכן, האָט לאַנג געקוקט און געקנייטשט דעם שטערן; צוויי גילדן קומט אים פאַר פּאַפּיראָסן...

— דער וואַרשעווער — האָט אַ פורמאַן דערציילט — האָט נאָך ביי־נאַכט עוקר געווען צו דער באַן...

---

און די זון האָט זיך איר וועגס געשיינט. אַלץ האָט זיך אין אַ ים ליכטיקייט געבאָדן, די אייבערשטע פענצטער איבער די מאַרק־געוועלבער האָבן אויפן מאַרק אַרויסגעקוקט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַוויזן אייזיק־פּייגע־ליבעס מיט זיין אײדעם הערשעלע און דודל ראָזענצווייג, מיט אַ פּאַרוקט היטל איבערן שטערן, די הענט הינטערן רוקן און דאָס בייכל אביסל אויסגעשפּיצט. און באַלד האָבן זיך רעדלעך געמאַכט, באַ־לעבאַטישע רעדלעך פון יידן מיט בערד, דער עיקר פאַר דעם מאַרק־ברונעם — דודל ראָזענצווייג שטייט צווישן אַ גאַנץ רעדל, היצט זיך עפּעס זייער און שאָקלט שטאַרק צו מיט די הענט. אוודאי וועגן די אחד־דות־לייט, קיינעם פון די חברה זעט מען נישט. אַלע האָבן זיך, ווייזט אויס, באַהאַלטן.

דאָך, אין יענער זייט מאַרק, באַוויזט זיך איטשעלע. דאָס געזיכט בלאַסלעך, די אויגן אַראָפּגעהאָנגען, ווי ער וואָלט עפּעס אַ פּרעטענסיע געהאַט צו דער וועלט. און וויל בעסער קוקן אויף די שפּיצן פון זיינע לאַ־קירענע שטיוול. די הענט האַלט ער פאַרלייגט אַרונטער, אַזוי, אַז די בריי־טע פּלייצעס צוזאַמען מיט דעם קאַרק קומען אויס עטוואָס געזונקען, און אין די אויגן שפּיגלט זיך אָפּ אַ בלישטשענדיקע פייכקייט. און אַז ער וואַרפט אַ בליק פון אונטערן שטערן אָפּער צו די ווייטע רעדלעך מענטשן, זעט מען, ווי די קינבאַקן רודערן, ווי זיי ווערן אָנגעשטרענגט ווי די קראַטן...

ער קוקט וואָס אַמאָל בענטער; חיים־יאָסעלע, אַ שוסטער־געזעלן, זעט ער, שטייט אויך אין מיטן רעדל, אויך אַ באַלעבאַטישער יחוס געוואָרן... איטשעלע איז פאַרבייגעגאַנגען און האָט זיך געוואָלט נישט וויסן מאַכן, פּילנדיק, ווי אַלע קוקן אים נאָך הינטער די פּלייצעס. דעריאָגט אים אָבער אַ קול; נישטאָ קיין קייזער, זאָגן זיי... קיין גאָט איז נישטאָ...

— נאָר קעמפּער זיינען דאָ!.. — כאַפּט חיים־יאָסעלע אונטער מיט אַ געלעכטערל. איטשעלע האָט זיך באַלד אַ דריי געטאָן און שטיין געבליבן, צעמעסטנדיק חיים־יאָסלען מיט אַ שאַרפן בליק; מיט צוויי טעג צוריק איז ער נאָך אַליין אַ קעמפּער געווען... דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין און די אויגן זיינען פאַרגאָסן געוואָרן פון צאָרן.

דאָס רעדל איז פאַרשטיינערט געוואָרן. דוד ראָזענצווייג האָט זיך געשווינד אַ רוק־אַרויס געטאָן און אָנגעכאַפּט איטשעלען מיט די הענט:

— זע נאַר, זע נאַר, וואָס דו ביסט... קוקסט שוין ביין... ווייסט נישט, וואָס און ווען און — שוין... ביסט שוין גריים... דאָס מיינט ער דאָך דעם וואַרשעווער... נו, אדרבה, ביסט דאָך עפּעס אַ מענטש מיט שכל, ביסט דאָך נישט פון די קליינע לאָבוסלעך... האָט דאָס געהאַט עפּעס אַ פּנים?... און אַנדערער, ביסט אַ שלימזאַלניק — פאַרדעק... טו נישט אַזויגס, מען זאָל דאַרפן דערקענען ווער דו ביסט... פאַרשטייסט? טשעפּע נישט מיטן קייסער און באַהאַלט דיך נישט. פע... ס'איז דאָך מיאוס צו קוקן. וואָס זאָגט מען היינט? — די מייז זיינען זיך צעלאָפן... און אַלץ ווער? דער וואַרשעווער. ער איז שוין אַנטלאָפן, אָבער אייך האָט ער איבערגעלאָזן דאָס פּעקל... דאָס האָט ער, הייסט עס, אונטערגעדרייט?...

איטשעלען האָבן די רייד געטראָפן. ער האָט מיט די ליפּן פאַרביסן און דעם בליק אַראָפּגעהאָנגען. און נישט ענטפערנדיק האָט ער אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען און געגומען אוועקגיין — „כאַפּט זיי איין כאָלערע מיטן וואַרשעווער צוגויף!..” — האָבן זיך די פויסטן זיינע פאַרקוועטשט — „ס'אַנדערע — האָט ער זיך געטראַכט — זייט די מעשה מיט לאָזערן, דעם געוועלבניק, איז ער שוין סיי ווי סיי אויס!”

אַזוי איז ער זיך געגאַנגען און געטראַכט. און דודל ראָזענצווייג האָט זיך שוין צוריק אין רעדל אַריינגעכאַפּט און האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו צעשפּרייטן מיט די הענט:

— וואָס קלערט איר, צי איך האָב אים גוט געגעבן?... איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין און געוויזן אים, ווי זוייט נאַריש זייערע אַלע זאַכן דינען, און ווי ווייט זיי ליגן באַגראָבן...

— אַבי איך האָב געמיינט, הע, הע — לאַכט חיים־יאָסעלע — אַז ער לויפט שוין צו מיר צו...

— נאָך אַזאַ נאַר זאָל ער זיין?... — קוקט אים דודל ראָזענצווייג אָן— ער וואָלט דען נישט צעריבן געוואָרן פון אונדזז אַלע?... און אַז מען האָט אַ שווער אַ שטאַרקן יונג, ווי דו אַ שטייגער האָסט... און נאָך דערצו צוויי־

ברידער דעם שווערס — איזערנע יונגען טאַקע, פרעגסטו נאָך אים?... שוין! ס'איז נישט פריער, אויס יידישע קאַזאַקן!...

— קומט, לאָמיר גיין ערגעץ — האָט אייזיק פייגע־ליבעס זיך א ריר געטון און נאָך אים דער איידעם.

— קומט... איז דודל ראָזענצווייג באַשטאַנען און חיים־יאָסעלע אויך מיטגעשלעפט.

לאַנגזאַם, שפּאַצירנדיק, זיינען זיי אַלע געגאַנגען אין איין . ורה. די קעפּ אויפגעהויבן, די הענט הינטער די רוקנס. און חיים־יאָסעלע אויך דאָס אייגענע, א נאַריש אויפגעשטעלט בלאָנדין פּאהלע, א פאַרקעמטס אונטערן אויער, דאָס היטעלע אויף דער זייט, דער סאַק צעלאָזט, ווי עפּעס רעכטס, און דער גאַנג איז וואַקלענדיק אין דער ברייט, ווי — „מאַכט א וואַרע"... און קוקן קוקט ער אַצינד אויף אַלע זייטן, צי זעט מען אים כאָטש... ער גייט מיט אייזיק־פייגע־ליבעס, דעם גרעסטן פאַבריקאַנט פון שטיוול, מיט זיין איידעם הערשעלע א קאָפּשטיק, און האָט נאָך צו דרייצן יאָר פאַרקלונגען דאָס שניידעריש שולעכל מיט זיין לייענען אין ספר... ווייבער האָבן דורך שפּאַרעס אריינגעקוקט.. און מיט די אַלע און מיט דודל ראָזענצווייג אויך — איז ער, חיים־יאָסעלע, חבר... און גיין גייט מען טאַקע צו דודל ראָזענצווייגן אין שטוב אריין...

אין באַזונדערן קאַבינעטל, ווו דער „אויסטאַוור" רוט, זיינען זיי אַלע אריין און געזעצט זיך ארום טיש, פּנים צו פּנים. אייזיק־פייגע־ליבעס האָט ארויס־געוואָרפן א רובל פון זיין פּאָרטמענע אויפן טיש ארויף און א ווונק געטון, זאָל מען ברענגען א שנאַפּס, אָדער וואָס...

חיים־יאָסעלע האָט שוין געוואָלט כאַפּן און לויפן, נאָר דודל ראָזענ־צווייג האָט אים ביים אָרבל אָנגעכאַפּט: חלילה־וחס... און ער האָט געמאַכט א קרום פּנים, זאָל גאָט שומר ומציל זיין. און א קלונג אָן ביי דעם מויער־קעפּל אויף דעם טיש האָט ער געטון, האָט זיך די טיר א פּראַל אויף געטון און דאָס זינדל איז אריינגעפלויגן:

— וואָס פאַרלאַנגט דער פאָטער?...

— עס זאָל געברענגט ווערן שנאַפּס און ביר... — האָט ער אים דעם רובל דערלאַנגט.

אין א פּאָר מינוט ארום זיינען שוין פלאַשן מיט גלעזער געשטאַנען אויפן טיש.

דודל ראָזענצווייג איז ארויף אין דער הויך, דעם ראַליעט אראָפּגעלאָזן איבערן פענצטער:

— מען וועט זיי ווייזן, די לאָבוסעס... — האָט ער, נאָכלאָזנדיק די שטריקלעך, מיט אָנגעשטעלטע בליקן אויף איזיק־פיגע־ליבעס, געטענהט.

— מען וועט זיי דושען!... האָט ער געענטפערט און א צי געטון זיך ביי די צווי שפּיצן פון דער באָרד.

— מיר וועלן אויך מאכן א חברה, א חברה כנגד... — האָט הערשעלע אונטערגעכאַפּט.

— א צעטל וועט מען אויפשטעלן און אלע באלעבאטים וועלן זיך איינשרייבן... — טאנצט דודל ראָזענצווייג אונטער, ארויסווייזנדיק זיין חריפות וועגן א פּלאַן מיט אַן אָרדענונג...

— און דו, פיינער בחור, — ווענדט זיך איזיק צו חיים־יאָסעלען, וואָס קאָן זיינע אייגענע אויגן נישט גלייבן, מיט וועמען ער זיצט אַלץ—דו האָסט גאָר מורא ארייַנצוקומען צו מיר אמאָל, גלייך איך וואָלט גאָר קיין פאבריק נישט געפירט?... מענטשן האָבן מזל... און אז איך דארף אמאָל א בעל־מלאכה... מוז איך מיך בעטן...

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, ר׳ איזיק, — האָט יאָסעלע א פּאָר גראָבע ליפּן אויפגעשטעלט, ווי אין הייסער קאַשע ארייַנצובלאָזן — איך האָב אליין אויך געטראכט, אז איך וואָלט געוואָלט ארבעטן ביי אייך — —

— אוודאי, אוודאי... — איז דודל ראָזענצווייג אונטערגעשפּרונגען — ביסט דאָך עפּעס אַ היימישער יונג, און דער שווער דיינער — וואַרפט ער פינקלענדיק איבער די בליקן אויף איזיקן — איז דאָך אוודאי פון אונדזערע מענטשן...

פון דעמלט אָן האָט שוין חיים־יאָסעלע געאַרבעט ביי ר׳ איזיקן — —

ר׳ איזיק פלעגט אים גוטברודערשאַפט א פּעטשל טאָן אין די פּלייצעס:

— חיים־יאָסעלע, זאָלסט שטריקן גלייך מיט זיי... — האָט ער מיט א גיפטיק שמייכעלע אָנגעוויזן אויף די איבעריקע געזעלן, — זאָלסט זיין א גלייכער קעמפער, הערסט?....

— חיים־יאָסעלע, — האָט ווייטער דאָס איידעמל, א קלוגער יונג און נאָך א בעל־קורא דערצו, זיך אָנגערופן — חיים־יאָסעלע, דער נאטשאלניק איז גאָר אַ נאַר... וואָס מאַכן זיי, די היגע זעלנער, מיט אַזאַ קאָפּ זעלנער, וואָס ער האָט אַראָפּגעשיקט צו זיי? — אויף איין צאָן אויך נישט...

— מען וועט זיי געבן, די קעמפער... — האָט חיים־יאָסעלע מיט אָנגעבלאָזענע בעק א זאָג געטאָן.

א טייל געזעלן האָבן די אויגן אראָפּגעלאָזט, א טייל האָבן נארישלעך געשמייכלט, קוקנדיק זייערע דריי בעלי־דינים אין די אויגן אריין.

זיי וויסן גוט, אז היינט א ליאדע שארך צום נאטשאלניק איז שוין גע־נוג... און חיים־יאָסעלע סודעט זיך מאַקע אַלע מאָל מיט הערשעלען...

עס קומט למשל, פארנאכט, טוט אים הערשעלע א זאָג:

— זע דיך נאר דאָרט מיטן הויכן יאָלאג מיטן רויטן שאלעכל אויפן האלדז...

טרעפט זיך שוין חיים־יאָסעלע מיט יענעם אויפן שול־הויף, צווישן מנחה און מעריב, און גייט אים דאָס רויטע שאלעכל פון האלדז אראָפּרייסן, און עס מאַכט זיך א געשלעג.

בייזערט זיך דער שווער אויף חיים־יאָסעלען, פארוואָס ער הרגעט זיך ארום טאָג מיט נאכט, בלאָזט ער אָן די בעק און קוקט אים אָן: אווי — זאָגט ער — זיי לאָזן נישט פארדינען. שטרייקערס!...

און אז דער זשאנדארמסקער קאפיטאן האָט אָנגעהויבן אָן אָפטער גאסט צו ווערן אין שטעטל, פלעגט מען שוין אין אזא טאָג באגעגענען דודל אדוואָקאט מיטן זינדל לויפן פארפאָרעט אין די שבתדיקע קאפּאָטעס!...

— וואָס לויפט דיין טאטע אלץ איינאיינעם צום קאפיטאן? — האָט עמע־צער דעם זינדל געפרעגט.

— וואָס דען?... — האָט דאָס זינדל ברייטלעך געענטפערט, — נאָך וועמען דען זאָל ער שיקן, דער קאפיטאן? — ס'איז דאָך א שטאָט מיט ביד־ליס (בהמות)... ער האָט דען מיט וועמען א וואָרט צו רעדן, אז ער קומט?...

די ארבעטאָרער אין די ווארשטאטן פלעגן שוין זיצן שטיל, ווי די לעמעלעך. און וואָס שטילער זיי זיינען געוואָרן, אלץ גרעסער איז חיים־יאָסעלע געוואקסן — שלאָגט זיך אלע פארנאכט מיטן הויכן יאָלאג און באגעגנט אלע אינדערפרי א „גוטמאָרגן" פון דודל אדוואָקאט, טיילמאָל — נאָך מיט א שמייכל...

און איינמאָל אינדערפרי, די זון האָט שוין געשיינט, די ערד איז נאָך געווען מיט דעם פייכטן טוי באדעקט, און אָפּגעווייסט זיינען געווען די שפּענדלעך און שטריען, וואָס האָבן זיך אין מארק ארומגעוואלגערט, איז חיים־יאָסעלעס שווער געשטאנען ביי א פור אויבס, פארטון מיטן גוי און מיט נאָך א פּאָר יידן, — פאלט צו אים צו א יידענע מיט א קלאָג — און באלד נאָך איר נאָך א פּאָר מענטשן: ס'טייטש, געוואלד געשריגן, מען האָט דאָך דיין איידעם צעבלוטיקט!...

— אוי, ווי, באלד אינדערפרי?... האָט ער אויסגעשריגן, צעטומלט ווערנדיק און געלאָזט זיך לויפן, אין כאלאט, מיט די צעפלויגענע פּאָלעס, גלייך צום הויכן יונגס הײם... דאָ איז אַ קופּע מענטשן געשטאנען קעגנ־איבער די פענצטער פון א גאָרן און ארויפגעקוקט מיט אויפגעשטעלטע

פנימער. דודל אדוואקאט איז פון ווייטנס געשטאנען, פאר זיין טיר, און דאס צוגעזען. אין סאמע מיטן רעדל שטייט חיים־יאסעלע מיט א פארבלוטיקטן קאפ און א רויט פארגאסן געזיכט און אט קומט אן צו לויפן זיין שווער מיט אן אימפעט... דודל האט א שמייכעלע געטון און איז צוריק אריין אין שטוב.

און אז חיים־יאסעלע האט דעם שווער דערזען, האט ער זיך א ווארף געטון צום טירל פון הויף, און דער שווער, מיט נאך מער צעטראגנקייט, צו די טרעפ צו... נאר פון דארט אראפ זייענען העלצער געפלויגן מיט אן אימפעט און נישט צוגעלאזט. דער הויכער יונג און די מוטער, ביידע שרעקלעך צעמישט, שטייען איבער א ווארשטע האלץ און שליידערן אראפ איינס נאך דעם אנדערן. און פון דער אפענער טיר הערט זיך א געוואלד און א געטומל פון קלייגע קינדער און א בלאסן טאטן, וואס לויפט צו צום פענצטער מיט ווילד אויסגעגלאצטע אויגן און כאפט זיך באלד צוריק צע־טומלטערהייט, קומענדיק צו הילף דעם ווייב מיטן זון. די העלצער פליען נאך מיט מער צעמישטקייט, מיט מער טומל, און חיים־יאסעלעס שווער קוקט נישט, מיט די הענט פארשטעלט איבערן קאפ, הייבט ער אן ארויף אויף די טרעפ. אין דער רגע איז דער הויכער יונג אריין אין שטוב, געכאפט עפעס פון איבערן קוימען, נישט וויסנדיק אליין וואס, און צוריק ארויס אנטקעגן...

אין צוויק אונטערן הארץ האט נאר חיים־יאסעלעס שווער דערפילט — און אן אפגעקאכטער איז ער געבליבן שטיין מיט אויסגעגלאצטע, שטארע אויגן, און ביידע צדדים האבן זיך א רגע אנגעקוקט מיט צעמישטקייט אויף די פנימער...

אין דער רגע האט יענער אנגעהויבן צו שטאמלען אויף די פיס און, אנכאפנדיק זיך אויף דעם טרעפן־אנלען, אנגעהויבן זיך אראפצולאזן אויף די שטיגן, וואקלענדיק און מיט א מידן קאפ.

אראפקומענדיק, האט ער צעמישט א קוק געטון אין הימל אריין, און מיט אן אפן מויל, הויל, ווי אן א גומען, האט ער דעם אטעם א צי געטין... א שרעקלעכן בליק האט ער געווארפן ארום זיך און פארצווייפלט האבן די אויגן געטומלט... און עפעס ווי א באהאלטענע קראפט האט אים געטריבן פון דאנען און צום טירל געפירט... ער האט זיך פארשפארט מיט ביידע הענט אין דער פורטקע און, שאקלענדיק זיך מיטן גאנצן קערפער און גלאצנדיק מיט די אויגן, האט זיך אנגעהויבן א פוס אריבערצוהייבן איבערן אונטערשטן ברעטל, און א שטראם בלוט האט זיך פון אונטערן שטיוול א גאס געגעבן...

דער צולם פון דרויסן האט אים דערזען און איז פארגליווערט גע־ווארן....

— גערוואַלד — — ווי ג־ע־ל!!. — האָט איינער, אפרים אויסגעשריגן און א טריט געמאכט אנטקייגן, בלייבנדיק שטיין מיט אָנגעצויגענע עלנ־בויגנס, אויפגעשטעלטע פויסטן און אן אָנגעשטרענגטן קאָפּ צווישן די אקסלען, מיט פאַרהאַקטע ציין, ווי ער וואָלט עפּעס איינהאלטן... און געקוקט מיט שרעקלעך ארויסגעזעצטע אויגן...

— גערוואַלד, גערוואַלד!! — איז געוואָרן א געטומל.

נאָר יענער האָט זיך שוין אין א פאַרמישט ראָד געדרייט, גלאָצנדיק ארום זיך, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזען, און צוגעצויגן מיט איין זייט צו דער ערד, האָט ער זיך זייטיק געדרייט, און — א פאַל אום געטון!

— געשטאָרבן!... — האָט מען אויסגעשריגן.

— דער שטיוול!... — האָט נאָך עמעצער א געשריי געטון: און דער גאַנצער עולם האָט זיך א וואָרף געטון צו דעם דאָזיקן שטיוול און — א שלעפּ געטון... ווי פון א קובל ארויס האָט זיך א גאָס געטון אויף איינמאָל א גאַנצע קאַליוזשע שווארץ בלוט.

דער געשטאָרבענער האָט נאָך איין מאָל א גלאָץ געטון מיט אויפגע־ריסענע אויגן און צוריק אראָפּגעציטערט די ברעמען... אין סאַמע האַרץ־גריבל איז א לאָך געווען ווי אן איי גרויס. דאָס וואַרעמע בלוט בלעזלט זיך נאָך אין דער טיפער שווארצער ווונד און דאָס לייב מיטן אָנטון ווייקן זיך אין בלוט.

— — — — — — — — — — — — — — —

מען האָט אים געכאַפּט אויף די הענט. אפרים האָט אונטערגעהאַלטן ביים קאָפּ, וואָס האָט זיך נאָכגעשאָקלט, ווי ביי א געשאָכטענע גאַנז. דאָס פּנים איז געל ווי וואַקס, דאָס מויל — עטוואָס פאַרקרימט און פאַרהאַקט אין העפטיקן שמערץ. און די אויגן — האַלב אָפן, שטאַר און פאַרגלייזט.

די, וואָס האָבן אים געטראָגן, האָבן מיט די הענט און פיס געטאַמלט, און מיט א דערשלאָגנקייט אויף די פּנימער, גערוקט זיך ווי איין צו־זויפגעוואַקסן קופּקעלע מיט דעם טויטן אויף די הענט, און סיים־יאָסעלע האָט אָנגעהויבן נאָכצולויפן מיט האַקן זיך אין קאָפּ און מיט אַ ריטש: מיין טייערער ש־ו־ע־ע־ר!!

נאָר דאָ איז דער עולם נישט אָפּגעטרעטן פון קייגנאיבער די פענצטער און ארויפגעשריגן מיט אויפגעהויבענע קעפּ: אראָפּ! אראָפּ! נעמט זיי אראָפּ!!

און מען האָט אָנגעהויבן לייטערס צוצושטעלן.

און באַלד איז אפרים געקומען צוריקצולויפן צעהיצט:

— וואָס טויג מיר שוין צו לעבן! — האָט ער זיך געריסן — די אָרגאַניזאַציע האָט געשאָכטן!... באַט איך — מענטשן, שעכט! — האָט ער זיך א כאַפּ־אָן געטון ביים גאָרגל.

— די אָרגאַניזאַציע... די אָרגאַניזאַציע... — האָבן אַלע ווייבער מיט א געשטיקט איינגעהאַלטן קול געקלאָגט און געגאָסן מיט טרערן — א טאַטע פון אַכט קליינע קינדער...

פּלוצלינג האָט זיך דער סטאַרשי באַוויזן, די געלע וואָנסן האָבן געציטערט, די אויגן — שאַרף פאַרויס געבליקט איבערן עולמס קעפּ און איבער די פענצטער אין דער הויף, דאָס היטל מיט דער קאָקאַרדע — פעסט איינגעזעסן איבערן קאָפּ, און די שווערד אין דער שייד, האָט ער מיט דער האַנט אונטערגעהאַלטן, נאָר א שפּרונג ארויף צו טאָן.

דאָס געטומל איז נאָך גרעסער געוואָרן. דער עולם האָט נאָך מיט מער פלאַם צו די פענצטער ארויפגעקוקט און אפרים, דער ערשטער, און אונטער אים נאָך עטלעכע האָבן זיך א וואָרף געטון אויף די לייטערס ארויף, ארויפשרייענדיק מיט בלוט־אָנגעגאָסענע געזיכטער.

דאָס געוואָלד פון שטוב איז געגאַנגען ביז אונטערן הימל. און אָט האָבן שוין עטלעכע הענט און איין שטיי א ריס געטון א פענצטער: א בראַך פון שויבן האָט זיך דערהערט און א צעשיטער קלאַנג האָט זיך אין א ים מיט קולות אויסגעמישט, און שטיקער גלאָז האָבן א בליץ געטון איבער א ים צעפלאַמטע פנימער, מיט ברענענדיקע אויגן און שוים־שפּריצנדיקע מיילער.

אין די אָפענע פענצטער זעט מען נישט מער, ווי שוואַרצע פיגורן מיט האַסטיקע באַוועגונגען. מען איז שוין אריין אינעווייניק, א טייל זיצן נאָך רייטנדיק איבער די פענצטער, און אונטער זיי זייען די לייטערס מיט מענטשן באַקלעבט... קעפּ איבער קעפּ און פּלייצעס איבער פּלייצעס. און א גאַנצע מחנה האָט זיך שוין דורך דעם טירל פונעם הויף א לאָז געטון און געפּאַקט זיך איינער איבערן אַנדערן.

— אראָפּ!! אראָפּ!! — האָט עס איבערן פּלאַנקן פון הויף געהילכט, און אַ געקלאַפּערײַ פון העלצער אין העלצער, אויסגעמישט מיט משונה־ווילדע קולות, האָט די לופט מיט משוגעת און בהלה אָנגעפּילט און באַלד — א שטאַרקער קראַך האָט זיך פון אינעווייניק מיט די טויערן אָנגעשלאָגן. דאָס טירל איז שוין ווייטער פול אָנגעשטאָפּט, מען פּאַקט זיך שוין צו־ריק ארויס. און אָט — דער פּאַטער. דאָס פּנים בלאַס און — צעמוטשט. פּופּציק הענט שטופּן זיך מיט אים פון טירל ארויס. דעם זון אויך. מען דערקענט אים שוין קיין פּנים נישט, רויט, פאַרגאָסן; אין גאַלן קאָפּ.

און די האָר טונקען זיך אין בלוט. ביי דער זייט טויער פּרעסט מען אים צו דער וואַנט, מיט דעם קאָפּ אַרונטערגעריסן. העלצער הייבן זיך אויף און אָפּ איבער זיין קאָפּ; דער עולם, ווי איין צונויפגעגאָסענע קופּע מיט טויזנטער, טויזנטער רירעוודיקע אבֿרים; געוואַלדן, טומלען און אַ געשלע־ געריי פון העלצער אין העלצער האָט אַלץ אַרום און אַרום פאַרכאַפּט — ביז דער יונג איז אונטער די קלעפּ איינגעשלונגען געוואָרן. מען זעט אים שוין נישט, נאָר דער עולם קוקט אַראָפּ מיט איינגעבויגענע קעפּ אין סאַמע מיטן רעדל אַריין און קנאַקט צו מיט די פיס. און דער סטאַרשי אינדערמיט ריקסט זיך, די אָדערן אויפן האַלדז שטעלן זיך אויף, און די אויגן ווערן אים פאַרגאָסן מיט אַן אָנגעצונדנקייט, און ער שטופּט און אַמפּערט זיך, אַרבעטנדיק מיט די הענט און מיט די אַקסלען אויף אַלע זייטן. נאָר די קופּע איז ווי צונויפגעגאָסן, איינער אין אַנדערן קלעפּט און אַלע אינאיינעם זיינען פאַרכאַפּט אין איין ברען, אין איין ווילדע תאווה, וואָס פלאַמט דורשטיק אין אַלע פּנימער און שטורעמט אין דער גאַנצער קופּע. אַ גאַלע שווערד האָט פּלוצלינג אַ בלאַנק געטון אין דעם סטאַרשיס האַנט, גלייך אויפגעהויבן איבער די קעפּ. דער עולם האָט זיך אַ רוק געטון הינטער זיך, ווי פון אַ קאַלטן שפּריץ וואַסער אויף דעם נאַקעטיקן לייב... און גע־ קוקט דערשראָקן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם...

— „אָטסטופּאַטי!” — האָט דער סטאַרשי אויסגעשריגן. און אַז דער עולם האָט שוין די בליקן אָפּגעלאָזט פון דער שווערד מיט אָפּגעקילטע געזיכטער, האָט ערשט דער סטאַרשי אויפגעשטעלט דעם יונג, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד און געקרעכצט באַשיצנדיק מיט ביידע הענט דעם צעבלוטיקטן קאָפּ. אונטערהאַלטנדיק דעם יונג אונטערן אָרעם, האָט ער דעם פאָטער, וואָס איז אויך געלעגן אויף דער ערד און געריסן זיך די האָר מיט אַ יאָמערלעך געשריי — געהייסן נאָכפירן נאָך זיך, און ער מיט דעם יונג זיינען געגאַנגען פאָרויס. אַ פּאָר פאַרשוין האָבן דעם פאָטער געפירט און דער עולם האָט זיך ווייטער דערוועקט און אַ לאָז געטון זיך נאָך דעם סטאַרשי מיט דעם יונג. דער יונג האָט זיך צום סטאַרשי צוגעטוליעט, דעם קאָפּ אונטער זיין אָרעם איינגעגראָבן, און דער עולם איז נאָך פון הינטן און פון פאָרנט מיט העלצער אין די הענט. און אַלעמאָל האָט זיך אַן אַנ־ דערער פאַרגנבעט מיט אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ אָדער איבער דער זייט. און שרעקלעך ברענענדיק האָט אפרים געטשאַטעוועט מיט אַ דראָנג אין דער האַנט... דער גאַנצער עולם איז נאָכגעלאָפן ווי אַ צעלאָזטע סטאַדע, און אפרים האָט זיך אַלץ ביי די זייטן געשאַרט און געלאָקערט מיט דעם דראָנג איבערן מוח... און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אים געגעבן אַ הויב־

אויף איבערן יונגס קאָפּ, האָט דער פּאָטער זיך א ריס געטון און מיט אַן אויסגעשטרעקט פּנים און אויסגעזעצטע אויגן דעם הייב אונטערגעכאַפּט, ביז עס האָט א הילעך געטון, און דער דראָנג איז צוריק אָפּגעשפּרונגען מיט אימפּעט פּונעם קאָפּ. צוויי געשרייען האָבן זיך אויף איינמאָל ארויסגע־ריסן, צוויי אָפּגעריסענע געשרייען און דערווייטערטע איינס פון אנדערן. און ביי יעדן פּאַרנעם האָט אפרים געזוכט און געפינקלט מיט די אויגן... און אָט האָט ער א כאַפּ געטון מיטן שפּיץ האָלץ קייגן אַן אויג, געצילעוועט און — א קנאַק געטון!... דער יונג האָט זיך שרעקלעך א וואָרף געטון מיט א געשריי פון א האַרץ־פּלאַץ. און דער פּאָטער איז שוין געלעגן איבער אים, מיט בײדע הענט אין זיין קאָפּ איינגעקלעפּט, און ציטערנדיק מיטן גאַנצן גוף, צוגעדריקט זיך צו׳ן אים, און נאָך יאָמערלעכער, נאָך ביטערער געשריגן. דער עולם האָט דערפילט, אז ס׳איז שוין גענוג. דער סטאַרשי האָט נאָך אַמאָל געפּרווט ארויסכאַפּן די שווערד, און דער יונג האָט שוין געטאַמלט, געוואַקלט זיך אויף די פיס, געגאַנגען און געפאַלן, געפאַלן און געגאַנגען. דאָס אויג איז שוין אַנגעלאָפן אונטערן שטערן, ווי די גרעסטע קאַרטאָפלע גרויס — שוואַרץ און פאַרצויגן. דער קאָפּ איז צעשוואָלן. שטי־קער פעל מיט שטיקער האָר הענגען נאָך. דאָס בלוט האָט דעם קאַרק געוואַשן און איבער די פּלייצעס גערונען — קוים מען האָט אים דערפירט אים מיטן פאָטער, צו דער קאַנצעלאַריע.

אציינד האָט זיך דער עולם א לאָז געטון איבער דער גאַס זוכן „שטרייקערס". צוזאַמען זיינען אויך געלאָפן פאַרברודיקטע פּנימער מיט אויסגעשמירטע בערד, די אַרבלען פון די העמדער פאַרשאַרצט און מיט „פּראַווידלעס" 1) אין די הענט... און געזוכט האָט מען אין אַזוינע שטובן, ווו עס איז קיין שטאַרקער טאַטע נישטאָ, קיין צו־גרויסע משפחה, און איינעם האָט מען געכאַפּט אונטער דער בריק, און ער האָט זיך באַהאַלטן אין דער זייט, ווו דאָס וואַסער איז אויסגעטריקנט אין די היצן, האָט מען אים שוין געלאָזט ליגן אויף דער שוואַרצער, ווייכער ערד דאָרט, און ווייסט גאָט, צי האָט ער נאָך געקאָנט מיט אַן אבר רירן. דאָס פּנים צעהאַקט, ברוין און בלאָ, געשוואָלן, אז מען האָט קיין אויג נישט ארויסגעזען, די ליפּן פאַרבריענט, און מען האָט אים איבערגעלאָזט, ווי אַן אָפּגעריסענעם זאַק שעטשקע נאָך א יאַריד. און ווידער ווערט א געקאָך: די ברידער דעם גע־הרגעטנס פאָרן שוין, זיי פאָרן!... מען האָט געגעבן א דעפּעשע נאָך זיי אויף דער וואַרשעווער ליניע, ווו זיי פאָרן אַרום מיט א גאַנצע חברה שותּפים.

---

1) שפּאַר-העלצער צו שמייזל

שפּילן אין „טשערוואָני־ראַז, טשערוואָני־דוואַ". און דער עולם האָט זיי שוין ווי מיט ליכט אויסגעקוקט. דאָ וועט זיך ערשט אויפדאָסניי מאַכן... און אין האַלבן טאָג האָבן א פּאָר פערד מיט א וועגעלע, פול אָנגעפּאַקט מיט פאַרשוינען, געזעצט איבערן שאָסיי, גלייך אין שטאָט אַריין. מען האָט די פערד נישט געקאָנט איינהאַלטן און אינמיטן לויפן זיינען די פאַרשוינען אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פור. קאַפּעליושן, און אַזוי יונגען אין מאַריבאַרקעס, מיט לאַקירענע שטיוול און גלאַנצנדיקע דאַשקעס — די ברידער מיט די שותפים און נאָך צו עטלעכע פּרעמדע, מינסקער פּאַביטניקעס.

אין די הענט האָבן א בלישטש געטון בלאַנקע מעסערס מיט רעוואָלווערן און מען האָט זיך געלאָזט לויפן אין מאַרק אַריין מיט געשרייען איבער דער גאַס: „אונדזער ברודער, אונדזער בלוט!"...

זיינען זיי דאָס ערשטע אַריין צום ברודער אין שטוב. אויף דער ערד איז ער געלעגן, מיט א ווייס ליילעך איבערגעדעקט, און מיט ברענענדיקע ליכט צוקאָפּנס, און אַרום אים איז געלעגן דאָס ווייב מיט א פולע פּאָדלאָגע קינדערלעך, איינגעטיפּט די קעפּלעך ביי די זייטן פון פּאָטער. און ווי די ברידער האָבן דאָס דערזען, און א דעק־אָפּ געטון דאָס פּנים, האָבן זיי זיך א וואָרף געטון אויף דער ערד צווישן די קינדער און גענומען זיך שלאָגן אין די קעפּ אַריין — „געוואַלד, אונדזער ברודער!"... און די שטוב איז געוואָרן פול מיט געוויין און האַרץ־רייסנדיקע קולות. האָבן די שותפים זיך צוגערוקט צו דער טיר און געוואָלט אַרויס מיט די מעסערס אין די הענט, איז דאָס ווייב צוגעלאָפן און מיט ביידע הענט פאַרשטעלט די טיר און יאָמערלעך געוויינט: אַז איר וועט שוין אפילו די גאַנצע שטאָט אויסשעכטן וועט מיין מאַן אויך נישט לעבעדיק ווערן...

זיי האָבן זיך אָוועקגעדרייט פאַר רחמנות און די מעסערס אין די קעשענעס אַריינגעלייגט.

נאָר אויפן הויף האָבן זיי שטעקנס און העלצער געכאַפּט און זיינען אַרויס אויף דער גאַס.

פון די וואַרשטאַטן האָט מען אַרבעטער אַרויסגענומען, פון די ביידעמער אַראָפּגעשלעפּט און געפירט זיי אונטערן געהילעך פון די שטעקנס. דער גאַנצער מאַרק האָט ווי אין א קעסל געקאָכט! מען לויפט אַרום צעהיצט מיט אָנגעצונדענע געזיכטער, מיט א בלוט־דורשטיקייט אין די ברענענדיקע אויגן, פנימער פלאַקערן, און בלוט האָט אין דער לופט געשפּריצט, איבער קעפּ און בלוט איינגעטונקען, די שטיינער האָבן זיך אין בלוט געוואַשן. דער הימל גרוילט, די זון איז רויט. א שעכט־הויז אַרום און אַרום, און דער גאַנצער מאַרק איז פאַרהאַמערט און פאַרהאַקט.

אין דער אייגענער צייט האָט זיך איטשעלע איבערן מארק באַוויזן מיט אַן אייזערנעם פּרענט, וואָס ער האָט ערגעץ פון א לאָדן אָפּגעדרייט, אין דער האַנט. מיט אייזן־שטאָלענע טריט האָט ער זיך איבערן מארק אדורכ־געשניטן. מענטשן קוקן אים נאָך מיט שרעקלעכע אויגן און ער האָט זיך שוין אין מאַרק־געסל אריין אראָפּגעלאָזט, פון דאָרט ווייטער אין א גאַס אריין און ער איז צו צו אַן אָפן פענצטער פון אייזיק־פייגע־ליבעס הויז.

— ווו זיינען זיי, די גזלנים? — האָט ער א פרעג געטון הערשעלען, ארומקוקנדיק זיך איבער די ליידיקע ווארשטאַטן...

— וואָס פאַרא גזלנים? — איז יענער בלאַס געוואָרן ווי די וואַנט.

— צעלאָפּן?...

צעלאָפּן... אָ... אָט ליגן די שוסטער־מעסערס... אָט איז הערשעלע ערשט צו זיך געקומען, אויסשפּרייטנדיק ביידע הענט, ווי אַן אומגליק וואָלט אים געשען...

איטשעלען האָט זיך דאָס פּנים פאַרקרימט און אָפּטרעטנדיק פון פענצטער האָט ער אַ שמעטער געטון דאָס אייזן אין דער ערד.

ער האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפן, ווי משוגע, און פון מיטן וועג האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט — א כאַפּ געטון דאָס אייזן — און איז ווייטער אַנטלאָפן, ווי עמעצער וואָלט אים ביי די האָר געריסן — אזוי ווילד, אזוי צעטראָגן.

אויף דער אייגענער גאַס האָט ער נאָך אין איין פענצטער אריינגעקוקט און ווייטער בישט געפונען קיינעם.

אציגד איז ער שוין רויק געוואָרן. און מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער ווייטער געשפּאַנט, טריט ביי טריט, און די הענט מיטן אייזן פאַר־לייגט הינטערן רוקן.

אָנקומענדיק אויף א גאַס איז ער פאַרבייגעגאַנגען פאַר א הויז, ווו ער האָט דערהערט א געשריי און א שרעקלעך גערודער פון הינטער דער הויז־טיר. ער איז ארויף אויף דער שוועל און שטייך געבליבן פאַרגלי־ווערט. די גאַנצע באַנדע מיט די שטעקנס און רעוואָלווערן אין די הענט, זיינען דאָ געשטאַנען אויף דעם הויף און האָבן געסטראַשעט אין אָפענעם פענצטער אריין... און אָט האָט מען א פיר-ארויס געטון איינעם, טעוועלען, א יינגל פון א יאָר 18, וואָס האָט דאָ געאַרבעט ביי׳גערייי; פון טיש אפּער האָט מען אים ארויסגענומען, נאָך מיט די פאַרשאַרצטע אַרבל. א פאַר־סמטן בליק האָט יענער אין דער אָפענער הויז־טיר געוואָרפן... איטשעלע האָט דאָס דערזען און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געקנאַקערייי איבערן קאָפּ — האָט ער, איטשעלע, מיט א ווילדן קרעכץ זיך אָנגעכאַפּט אין דער

טיר, ווי איינער, וואָס האָט די וואָג פאַרלוירן, פון א שרעקלעכן שטויס, און געמרוטשעט האָט ער ווי אן אָקס. שרעקלעך האָט זיך זיין געזיכט פאַרקרימט, און די אויגן, ווי צוויי שפּיזן, האָבן אין געשלעג אַריינגעקוקט... ער האַלט זיך אין דער טיר מיט פאַרהאַקטע ציין — א מרוטשען פון אומבאהאָלפנקייט. אן אָקס אונטער דעם שטריק האָט געמרוטשעט, ווען מען האָט אים מנצח געווען — — — און באַלד האָט ער זיך א כאַפּ געטון און איז אַרויס אויף דער גאַס. דערשלאָגן איז ער פאַרכמט ביז אין לעצטן טראָפּן בלוט!

ער איז אוועק אַהיים און א וואָרף זיך געטון אויף זיין בעטל מיטן פּנים אַראָפּ — דאָס גאַנצע בעטל האָט זיך געוואָרפן מיט אים צוזאַמען, געציטערט, געקרעכצט מיט אים צוזאַמען. פון יעדן קרעכץ, יעדן וואָרף — האָט די שטוב געציטערט, דער בעליק וועט איינפאַלן און די ווענט וועלן צעלייגט ווערן. די מאַמע און די שוועסטערלעך מיט די ברידערלעך האָבן נאָר פון דערווייטנס געקוקט אויף אים און אויף די שפּיץ נעגל זיינען זיי געקראָכן מיט אן איינגעהאַלטענעם אָטעם...

אזוי איז ער אָפּגעלעגן א גאַנצן מעת־לעת אויף איין אָרט, קיינער האָט אים נישט געטשעפּעט, נישט געפרעגט...

צומאָרגנס, אז ער איז נאָר פון בעט אַראָפּ, האָט ער מיט די ערשטע ווערטער געפרעגט, וואָס טעוועל מאַכט. און אז די מוטער האָט אים געענטפערט, אז מען ווייסט נישט צי ער וועט לעבן, האָט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעהאָנגען.

און אים האָט זיך פאַרגעשטעלט טעוועלס בליק, וואָס ער האָט געוואָרפן אין הויז אַריין: קאָן דען א לעבעדיקער אזוי קוקן?... — האָט ער געטראַכט. דאָס פּנים איז אים שטאַרק פאַרענדערט געוואָרן, בלאַס און אין די אויגן איז געלעגן דער געוויינלעכער, פייכטער גלאַנץ...

ער איז אַרויס פאַר דער טיר און האָט זיך דערוווּסט פון פעלדשער, אז טעוועלען וועט גאָרנישט זיין.

די זון האָט אים גלייך אין פּנים אַריין באַגעגנט.

א העלע ליכטיקייט איז איבערן מאַרק אויסגעגאָסן און איטשעלע האָט די ברעמען צוגעמרודשעט און נישט געקאָנט קוקן אין דער ליכטיקייט.

נאָר א שטילקייט עס איז... צו שטיל... — האָט זיך אים געדאַכט. די געוועלבלעך שטייען אָפן. די קרעמער אין די טירן. פונקט ווי אַמאָל... זיי קוקן אין מאַרק אַריין. נאָר שטיל, צו שטיל... א ריינער, בלאָער הימל און אויך שטיל... די זון פינקלט און ציטערט צו. א ים ליכטיקייט האָט זיך צעגאָסן. די אָפּגעווייסטע מויער פון די מאַרק־געוועלבער בלאַנקט. נאָר

א שטילקייט... ווי נאָך א לויה... ער האָט זיך פארטראכט, איטשעלע.:: א פּאָר שניידערלעך מיט מאשינען אויף די פּלייצעס — איינגעהויקערט די קעפּ־לעך מיט די שפּיץ בערדלעך אויסגעשטעקט אונטער דער משא, און די צקן פּאָלעס פון די צעלאָזטע כאלאטלעך האָבן זיך ווייטער און ווייטער נאָכגעווישט אין דער ערד. איטשעלע האָט דעם קאָפּ אויסגעדרייט — ער האָט זיך דערמאָנט אין מנשה אייזענקרעמערס טויט... ווען ער איז נאָך אויף דער ערד געלעגן, האָבן שוין די טעכטער געגנבעט, איינע הינטער דער אנדערערס ווייסן — דאָס יום־טובדיקע געפּעס פון בוידעם אראָפּ... נאָר אצינד איז ער שוין אויף אלץ באשטאנען, אבי טעוולען זאָל גאָרנישט שאַטן...

פארנאכט, ווען איטשעלע איז געזעסן אין שטוב, איבערגעביסן און א גלאָז טיי צוגעטרונקען, — ווייל נאָך א תענית וויל די מאמע, ער זאָל דווקא טרינקען א גלאָז טיי, — זיצט ער אזוי, קומט אריין א קליין יינגל מיט פארפלאמטע בעקעלעך און לויפט צו צו איטשעלען:

— איטשעלע — רוימט ער אים איין — ווארשעווער זיינען אראָפּ־געקומען. ארבעטער... מיט רעוואָלווערן... הינטער דער שטאָט שטייען זיי!

איטשעלע האָט א וואָרף אנידער געטון דאָס גלאָז אויפן טיש און איז אוועק מיטן יינגל.

באלד האָט זיך אין מארק אריין א שיט געטון אביסל חברה, א מאן אכצן און איטשעלע אינדערמיט, קאפּעליושלעך מיט מאָדנע בלאסע פּנימער און שטילע אויגן. ס'איז נישט היימלעך געוואָרן. דער מארק האָט אָנגעהויבן צו שוויגן און צו קוקן.. קרעמערס און קרעמערקעס שטייען שוין אין די טירן פון די געוועלבלעך, מיט א רעטעניש אין די אויגן. און האלטן שוין גרייט א פוס פון דער שוועל אראָפּ, נאָר די טירן צו פארקלאַפּן.

נאָר דאָסמאָל איז שטיל אריבער. די לויה איז נאָך ביינאכט געווען און די שלעגערס זיינען זיך שוין פונאנדערגעפאָרן. נאָר די ברידער — „זיינען זיי דאָך ברידער" — האָט איטשעלע געזאָגט...

האָט זיך דאָס שטעטל אומזיסט דערשראָקן און פרי די לאָדנס פאר־מאכט. צומאָרגנס איז שוין זייער געביין נישט געווען. מענטשן האָבן דער־ציילט, אז זיי האָבן נאָר אויסגעשאָסן און דער לופט, איידער זיי זיינען ארויף אויף דער פור...

אין שטעטל איז צוריק שטיל געוואָרן. און אלע האָבן שוין געוווסט, אז פון היינט אָן איז איטשעלע די אָרגאניזאציע...

דודל אדוואָקאַט האָט זיך ווייטער ווי אַ יתום אַרומגעדרייט, און טיילמאָל, פאַר בענקלעכקייט, פלעגט ער זיך צוריקן צו וועלכן עס איז פון די אחדות־לייט און דערציילן אים פון די צייטונגען און לזיבן די ביאַ־ליסטאָקער שטרייקערס מיט די באַקוועד שרפות — ביז אײן טאָג אַריין.

---

און דער זומער האָט זיך געצויגן און געצויגן, די טעג האָבן אָנגעהויבן שוין קלענער צו ווערן, און דער עולם — זיך צו פאַרטון. אַ שנת משא־ומתן. אפילו אַביסל צעדרהדערט, נאָר אַרבעט איז דאָ: „וואָיענע" אַרבעט — איבערן קאָפּ. האָט מען נישט געפילט ווי די טעג רוקן זיך, ווי די זון רוקט זיך, וואָס אַ טאָג ווינקלדיקער אוועק, ווי דאָס ווינטל בייט זיך, די לופט ווערט גרינגער, לויטערער און בלאָזט שוין קיל, גלעטנדיק איבער די פנימער, און רוימט עפּעס סודות איין... די שטראַלן ווערן רויטלעכער, צעגיסן זיך מיט אַן אָפּגעקילטער רויטלעכקייט און עפּעס פרעמד, דאַכט זיך, אויף דער קילער ערד. די זון ווערט וואָס אַ טאָג פאַרטראַכטער. עפּעס טוט איר באַנג און זי שווייגט... טרויעריק, זייטיק שאַרט זי זיך, און אַ האַלבער טאָג געדויערט, איידער זי באַווייזט אַ פריי געמיט... און ווערט שוין האַלבער טאָג, שפּרייטן ערשט קוים די פייגעלעך צו איינציקע פליגעלעך אויס, צופּן עפּעס מיט די פּיסקעלעך אונטער אַ פליגעלע אַרונטער, גריבלען זיך, מיט די בייכלעך, מיט צעלאָזטע פליגעלעך, איבערן שפּיץ בית־המדרש־דאַך, און קוים, קוים, וואָס זיי פּרוּוון איבערהיפּן פון איין שפּיץ שינדל אויפן אַנדערן, צופּישטשענדיק מיט רחמנותדיקע קולעכלעך. עפּעס בענקט און עפּעס קלאָגט זיך.

און די פאַרנאַכטן ווערן אַנדערש. וואָס אַמאָל פאַלט די נאַכט גע־עדווינדער צו. און איידער מען קוקט זיך אום, הויבט זיך שוין די זון אָן אַראָפּצולאָזן אין אַן אַנדערן ווינקל אונטער די רויטע וואָלקנדלעך, וואָס זוכן זיך אַ נאַכט־לעגער הינטערן וועלדל. אַ רויטע ליכטיקייט צעגיסט זיך דעמאָלט אויפן שפּיץ פון שול־דאַך. און קייגן איבערשטן פענצטערל, וואָס קוקט פאַרזונקען ערגעץ ווייט, ווייט, שטיל און בענקלעך, לאָזט זיך די זון אַראָפּ. שטיל ציען זיך די שאָטנס איבער די גאַסן אויס. מאַרק־געוועלבלעך זעען אויס, ווי פינצטערע, אויסגעלאָשענע בעקערישע אייוון. די מאַרק־ייִדענעס מיט די קיישלעך און די בענקלעך אונטער די אָרעמס, הייבן זיך שוין פּאַמעלעך אָן פונאַנדערצוגיין, און רוקן זיך טריט ביי טריט מיט

די געראָנצלטע, אויסגעצויגענע פּנימער און בלאָע ליפּן, שפּירנדיק אַ קיל־קייט אין די ביינער!

און נאָך קילער ווערן די נעכט.

שטילע פייערלעך בלישטשען אין די פענצטער און אין די קראָמען. אַ קרעמער שטעלט זיך אויף דער שוועל ארויס מיטן בלאסן פּנים, וואָס בלייכט זיך אין דער טונקעלער נאַכט אריין, און טוט אַ גענעץ אין שטילן, ליידיקן מארק ארויס און דאָס צעקאָלערט זיך, ווי אַ הויל ווידער־קול, און דער הימל ארום ליגט, ווי אַ קריסטאָלענע דעק, אויסגעפּלאסטערט מיט שאַרפע, שנייקדיקע, בליצנדיקע שטערן, וואָס גראָבן זיך און גראָבן אין דער טיפער, בלאָער נאכט אריין. קילע נעכט, די פייערלעך ווערן אייג־ציקוויז פארשוונדן. שווערע, לאנגווייליקע טריט קלאפּן אָפּ אין שטילן, אייגעשלאָפענעם מארק. דער סטרוזש דרייט זיך ארום די פאַרהאַמערטע געוועלבער. זיין בענקשאַפט נאָך אַ פּעלץ גיסט זיך שוין אין מאָדנע קלאנגען אויס, נאָך מער — אין רעדן צו זיך אליין... די פאַרטאָגן זייגען ווייסע, אַ ווייסער, דיקער טוי הילט דעם מארק מיט די דעכלעך אייך פון קאָפּ ביז צו די פיס. קאַלטע, רויטע זון־אויפגענג, רויטלעך־קילע טעג, און דאָס ווינטל שמעקט שוין מיט שופר־בלאָזן, יונגען און בית־מדרשניקעס הייבן זיך שוין אָן איבערן שופר ארומצוזאָגן הינטער דער בית־המדרש־וואנט... און אַלע אינדערפרי, ביים ערשטן דאַוונען, מאַכט דער שמש געוואַלד, ווו דער שופר איז אים אהינגעקומען.... אַלע אינדערפרי פייפט אַ הייסע מקוה. פארטאָג וועקט מען צו סליחות. הילעכט עס אין די לאָדנס — דער שמש פליט, ווי אַ שד, איינער אליין אין פינצטערן פארטאָג איבער גאסן און הינטער־געסלעך, און אומעטום — אַ פּלוצלינגן פאל אריין מיטן שול־קלאַפּער אין אַ לאָדן, און ווערט ווייטער פארשוונדן... יידן ווערן ערנסטער, טרויעריקער און מידער. יונגעלייטלעך — בלאסער און אויס־געצוויקטער. בייטאָג איז אויפן שול־הויף שטיל. דאָס בית-המדרש שלאָפט און די פארקראָכענע, גרינע שויבן בלינצלען קייגן דער זון מיט בלאָלעך־אויסשיינענדיקע בלישטשען און פארזונקען אין אַ רחמנותדיקער שטיל־קייט. — נאָר ביינאַכט ווערן זיי רויט־אויפגעפלאַמט. ליכט ברענען דאָרט, אַן עולם רוישט, בעט מיט הארציקע קולות, זיפצן און קרעכצן, וואָס מישן זיך צונויף מיטן זיס־הארציקן ניגון פון צעבראָכענע הערצער און צעגיסן זיך יאָמערלעך אין דער פארשוויגענער, דערשראָקענער פינצטערניש אריין... און אז עס ווערט טעגעניש, דער הימל הייבט אָן צו בלאָען, ווערן די ליכט אויסגעלאָשן. אין דער פינצטער זעען זיך אויסגעבלייכטע פּנימער, וואָס קוקן דורך שויבן צום בלאָען, פארטראַכטן מאָרגן ארויס, און קענג־

איבער רוישן די ביימער פון בעהנערס גאָרטן, און שאָקלען שטום צו מיט די שפּיצן צווייגן ווי נאָך א סוד, וואָס איז איבער נאכט געשען און איבער נאכט פארשוווּנדן געוואָרן... דער הימל בלייכט זיך שוין אין מזרח־זייט. א ליכטיקער וואָלקן־פּאַס האָט זיך ווייט אויסגעצויגן, אינדערמיטן הימל איז נאָך אַש־קאָליר, טונקל, און אין דער מאָרגנדיקער, קילער לופט פּילט זיך דער איינגעזאַפּטער זיפץ פון „זכור־ברית"... זכור־ברית האָט מען שוין אָפּגעזאָגט. און באַלד וועט ווייטער קומען א נאכט, א נאכט...

און געקומען איז זי, די נאכט פון „שלש־עשרה מדות".

דעמלט האָבן זיך די העגער אויפגעכאַפּט פארטאָג בישט צום קרייען, נאָר צו שרייען מיט ביטערע, יאָמערלעכע קולות, מיט קולות פון „לית דין ולית דיין" האָבן די הענער געשריגן, ווען מען האָט זיי פארטאָג פון באָנט אראָפּגעשלעפּט, פון די זיסטע חלומות אויפגעריסן. דער שוחט איז זיין זשופּיצע מיט די צווי ברייטע ארבל און מיטן חלף אין מויל האָט זיך געררוקט פון הויז צו הויז, אין יעדן הויז האָט אים א קופּקעלע מענער און ווייבער ארומגערינגלט. דעמלט זיינען פארבלוטיקטע פעדערלעך איבער די קעפּ ארומגעפלויגן. פליגלען האָבן זיך אין דער ערד געפּאַטשט... די לעצטע כוחות אין דער קאַלטער ערד צעשלאָגן, אָפּגעריסענע קולות זיינען אין בלוט אנטגאַנגען און א לעצטער הויך, א לעצטער בליק איז אונטער א שטיוול פון א פוס צעטרעטן און אויסגעלאָשן געוואָרן.

א רויטער מאָרגן האָט אין מזרח־זייט געציטערט. דער הימל האָט גע־בלוטיקט און געשראָקן. א שרעקלעכער מאָרגן. און דער פארנאכט האָט נאָך מער אימה געוואָרפן. די געוועלבער האָבן זיך פארהאקט און וואקסענע ליכט האָבן פון די פענצטער ארויסגעשיינט מיט גרויס אימהדיקייט. אן איינגעהאַלטן געוויין רייסט זיך פון די שטובן ארויס. קרעכצן און העשען פון מענער און ווייבער. און באַלד האָט מען די לאָדנס אויך פארהאקט און מענער און ווייבער אין ווייסן אָנגעטון און מיט רויטע פארוויינטע אויגן, האָבן זיך איבער די גאסן געצויגן.

אין שול אריין, אין שול אריין.

א שרעקלעכע אימה טראָגט זיך איבערלופטן און אויפן שול־הויף האָט זיך דער טאָג מיט דער נאכט איינאיינעם צונויפגעגאָסן. דער הימל בלייכט זיך נאָך, און אין די פענצטער פון בית־המדרש און אין אָפענעם טויער פון דער שול צעגיסט זיך א רויטע ליכטיקייט פון דער מאסע ברע־נענדיקע ליכט. א שטיל ציטערדיק געררויש האָט די לופט אָנגעפילט און האָט זיך מיט דער שטילקייט פון די לערע געסלעך צונויפגעמישט. א שטילע פּאָרכט האָט זיך איבער זיי אויסגעגאָסן. א טיפער צער האָט די

דעכלעך ארומגעהילט און געבענקט האָבן זיי צו דער שול. געבענקט און געשראָקן. דער בלייכער הימל איז אַלץ טונקעלער און טונקעלער גע־וואָרן, די ליכטיקייט אין בית־המדרש — רויטער, פייערדיקער און דאָס געראויש און יאָמערלעכקייט פלייצט אויף דער גאס ארויס. די שול און דאָס בית־המדרש האָבן זיך פלוצלינג אויפגעכאַפּט, ווי א וואַלד אין שטורעם און די הימלען האָבן געשווינדערט:

יום־כפור, יום־כפור!...

און באַלד נאָך יום־כפור האָט זיך דער הימל צעשפּילט: א ווינטל האָט אָנגעהויבן פייפן און וואָלקנדלעך, ווי צערונענער גראָער שימל, האָבן זיך איבערן הימל געיאָגט, און דער גאַנצער הימל איז פאַרקראָכן געוואָרן. האָבן זיך פייגל אויפגעכאַפּט, שטום, דערשראָקן און האָבן זיך צונויפגע־בונדן און געפלויגן אונטערן הימעל, ווי צוויי בענדער, וואָס האָבן זיך נאָכ־געצויגן נאָך איין קעפל אין דער לענג און איין דער ברייט, און די פייגל זיינען פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די ווייטע וואָלקן און דער הימל איז פאַר־שטומט געוואָרן.

און ווידער האָט א ווינטל א בלאָז געטון און די ביימער האָבן זיך דערשראָקן און זיינען געל געוואָרן. א געראויש צווישן די ביימער — און די בלעטער פאַלן מיט אנגסט צו דער ערד, און דאָס פעלד הילט זיך אין זיי איין, ווי אין א געל טויטן־קלייד. די צווייגן ווערן נאַקעט, דער ווינט פייפט און זיי קרעכצן, שלאָגן זיך און קרעכצן, אונטערן הוילן גראָען הימל, וואָס איז פאַרשטומט געוואָרן פון קרעכצן.

פאַרשטומט איז אַלץ געוואָרן, נאָר די לופט ציטערט.

מען קלאַפּט שוין ברעטער צונויף ארום די אויפגעשטעלטע דרענגער הינטער די פענצטער.

סוכות גייט. און אויף דער בריק האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט די בויד. און די וואַרשעווער פאַצעטלעך מיט אויפגעשטעלטע קעלנערלעך זיינען פון דער פור אַראָפּגעקראָכן מיט איינגעקאַרטשעטע קעפּלעך צווישן די אַקסלען, געכאַפּט די פעקלעך אונטער די אָרעמס און אַנטלאָפן מיט שטו־מע פּנימער, קוקנדיק אין דער פייכטער לופט אריין איבער די דעכער פון מאַרק.

---

גאַנץ יום־טוב האָט זיך דער הימל נישט אויסגעלייטערט. עס האָט גע־קאַפּעט און געקאַפּעט, נאָר שמחת־תורה איז געוואָרן א ביסל פריילעכער. דאָס יונגוואַרג האָט זיך אויף דער גאַס ארויסגערוקט און געמאַכט א קלאַפּ

אין בית־המדרש ביי די הקפות—וואָס א קלאַפּ הייסט... אָדער ווי איטשעלע זאָגט — א „זבענק"!

דאָס איז געווען דער אָנהייב אויף א גאַנצן ווינטער. אין א צייט פון אַלגעמיינע שטרייקן, אָדער ווי ביי אונדז הייסט דאָס „אַלטע געמיינע שטרייקן", פּאַרט מען צוריק נישט אַרויס. די פּאַציעטלעך זיינען געבליבן אינדערהיים און דאָס שטעטל האָט געמאַכט פאַר זיך שבת: א שטרייקל, לויט יכולת...

דערנאָך האָט מען זיך דערוווּסט פון די בייעס־צייטונגען און פון די פּראָקלאַמאַציעס, אַז דאָס הייסט א „גענעראַל־שטרייק"...

האָבן זיך אַלע טאָג געזאַמלט אויף דער גאַס גאַנצע קופּעס יונגען, ווי הונגעריקע וועלף, א גאַנצן טאָג אַריין און אַרויס פון טשיינע, די טיר רוט נישט. יונגען פון אינעווייניק, יונגען פון אויסנווייניק, מען דרייט זיך און מען קוקט זיך איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין, אפשר וועט מען קאָנען דערווייל כאַפּן „גוט־ברודערשאַפט", אָדער לייען אויף דערווייל, אבי נישט אַרומצוגייין אַזוי טויט־הונגעריק... שפּעטער, אַז עס וועט זיך מאַכן אַרבעט, לאַכט זיך אַזאַ שטייגער אויס... דערווייל אָבער איז נישט גוט. מען מוז געפינען אַן עצה, אַנישט איז א סוף פון דער וועלט... גיט מען זיך א לאָז איבער דער גאַס, א שטיק דרייסיק יונגען, גליין צו אהרן שוחט.

דערזעט ער די בראָך, רוקט ער זיך אָפּ אין ווינקל אַריין, און קוקט מיט א בלאַס פּנים און דערשראָקענע אויגן... דאָס ווייב ווידער, א דיקלעך מענטש, קריגט באַלד דעם שלוקעכץ, הייבט זי אָן צו קרייען און חברה — נאָך, איז עס געווען ווי א האָן, אַשטייגער, מיט משוררים, און עס איז געוואָרן א געקרייעריי אין שטוב, איז מען געקומען פון דער צענטער גאַס צוצולויפן, און קעפּלעך האָבן זיך אין די פענצטער באַוויזן... דערווייל געפינט א יונג א גרויס ברויט אין א שענקל, ווערט עס צעפּליקט ווי א שוואַרצער האָן, און שטייענדיקערהייט; פאַרפלאַמט איז עס געוואָרן... עס איז נאָך גוט, וואָס זיי טוען די היטלען נישט אויס צום עסן... — האָט זיך דער שוחט אין זיין ווינקעלע געטראַכט... און איז קוים א ביסל צו זיך געקומען. ער האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט און געפרעגט: קינדערלעך, וואָס איז אייער באַגער?...

— אונדזער באַגער, אונדזער באַגער... — האָבן זיך עטלעכע א כאַפּ געטון — איר עסט קהילשע פּיפּקעס, דרויבעס, פיסלעך מיט פליגעלעך, און אונדז ווילן מיר ברויט!...

— אבי נאָר ברויט, איז דאָך נאָך נישט אַזאַ אחריות... — האָט דער שוחט געזאָגט און צוגעשאָקלט מיט די הענט — הערט־זשע, קינדערלעך...

— האָט ער זיך גענטער צוגערוקט — זאָגט מיר וויפל לפי־ערך, זאָל איך אייך געבן געלט אויף ברויט?...

— צען רובל!... — האָט זיך איינער א כאפ ארויס געטון.

— צען, צען!! — האָבן אַלע צוגעבאַסעוועט.

— איך קאָן נישט... איר ווילט מיר ווי טון. — האָט ער געענטפערט.

— וואָס פאר א ווײ־טון, וואָס פאר א ווײ־טון? נישט מער ווי אויף ברויט מיט א שטיקל הערינג פאר אונדז אַלע!!...

און דאָס ווייב איז דערווייל געשטאַנען אין א ווינקל ביים קוימען. דאָס געזיכט אירס האָט זיך מאָדנע צעקרימט, די ליפּן האָבן העפטיק גערודערט, און די ברעמען האָבן געציטערט.

— יוכבד — האָט זיך דער שוחט אָנגערופן — מילא, אז יידן ווילן ברויט, מוז מען זיי געבן... ברענג מיר אריין פון שכן צען רובל.

זי איז געגאַנגען און שטיין בלייבנדיק א ווײלע אין דער טיר האָט זי זיך אומגעדרייט און א צייט לאַנג נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון מאַן, דערנאָך האָט זי א בליק געוואָרפן אויף דער חברה: צווישן וועמען זי לאָזט אים איבער!...

ער וואָלט שוין אפילו געפונען ביי זיך אין שטוב א צען רובל, נאָר גיי, ווייז זיי א וועג...

חברה האָט געקריגן די צען רובל אויף דער האַנט, און איז ארויס אויף דער גאס מיט אַן „אורא”!, אז יידן און ווייבער זייבען פון וועג אראָפּ־געלאָפן און געשעדיקט זיך לויפנדיק.

דערנאָך האָט זיך ערשט געמאכט א לעבן אין דער טשיינע, דאָרט איז איטשעלע אויך געווען. איז מען געשפּרונגען איבער טיש און איבער בענק. און איטשעלע האָט געשריגן: לעבט, ברידער!! און געטיילט פּעטשלעך איך די פּליצעס אריין: אז איר קאָנט זיך קערעווען, זענט איר יונגען!...

אזוי האָט עס זיך שוין געפירט טאָג אויף טאָג.

און דאָס שטעטל האָט זיך טאָג אויף טאָג נאָך מער דערוווסט, וואָס די נייעס־צייטונגען שרייבן און געהערט אַלץ מער מעשיות און חדושים פון די שטרייקער אין די גרויסע שטעט. פון וויטעס פּאָליטיק האָט מען שוין גאָר־נישט געוואָלט הערן — קיין רעטעכל וואָלט קיינער נישט געגעבן פאר איר — מען זעט דאָך, אז די באַנען אפילו שטרייקן!...

און פּלוצלינג קומט אָן א ידיעה פון פּאָגראָמען... גאַנצע צעטלעך פון שטעט און שטעטלעך... שרעקלעכע מעשיות פון „כוליגאַנעס” און „שווארצע מאות”, וואָס האָבן בייכער אויפגעשניטן... זייגנדיקע קינדער די קעפּלעך צוגעדריקט... א שויחער האָט אָנגעכאפּט. די פּנימער ווערן גרין און געל,

די הויט — געצונדן. אן אימה באפאלט דאָס גאנצע שטעטל פון גרויס ביז קליין. מען שמועסט, אז די כוליגאנעס רוקן זיך... זיי זיינען שוין איך ווארשע. פיר טויזנט שטיק זיינען אָנגעקומען מיט דער טערעספּאָלער באַן. ר׳ אברהם פיינבערג האָט שוין געלאָזט צומאכן גראָבע פרעטן צו די טירן, און דער פראָסטער עולם, וואָס האָט נישט קיין אייגענע טירן, און נישט מער, ווי ווייב און קינד און א צעבראָכן טישל, קלערט א תענית צו מאכן, גייט ארום מיט פינצטערע פנימער, שווארץ ווי די ערד. אפילו איטשעלע האָט שוין דעם קאָפּ אראָפּגעהאָנגען...

פארנאכט, אויפן בלייערנעם הימל האָבן זיך וואָלקנדלעך, ווי גראָע, ערדענע טעפּ אין טריבן וואסער, געטיקט. די פענצטער האָבן געקוקט מיט א שטילקייט אין גאס אריין, און אומעטיקע יידן, מיט בלאסע, אראָפּגעלאָזטע פנימער, האָבן זיך גערוקט אין בית־המדרש אריין צו מנחה־מעריב.

דער עולם איז פארטיפט געווען אין שמועסן פון היינטיקע צייטן. דער רויך פון די פאפיראָסן האָט זיך אונטערן בעליק צעלייגט, די ליכט־פלעמלעך האָבן זיך ווי אין נעפּל געטיקט און דער בעל־תפילה איז געשטאנען מיט די פלייצעס צום ברעטל און אויפן עולם געקוקט. דעמלט האָט זיך אין בית־המדרש אריין באוויזן דער באָד־גוי מיט דער פוטערנער קוטשמע אויפן קאָפּ, צעקנעפּלט דאָס גראָבע, וואטענע לייבל, פון הינטער וועלכן עס האָט ארויסגעקוקט א שטיקל „קארטשיק" פון ברודיקן העמד. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר מיט בלישטשענדיקע אויגן, ווי א קאָטער קוקט פון א פיעקעליק אראָפּ, און האָט עפּעס געשמאָטשקעט מיט די ליפּן, וואָס האָבן אזוי אָפּט נאריש געשמייכלט הינטער די בלאָנדע, אָפּגעלאָזטע וואָנצעס. א פּאָר יידן, וואָס זיינען הינטערן באלעמער געשטאנען, האָבן אים אָנגעקוקט: צי מיינט ער נישט אמאָל, אז היינט איז פרייטיק־צונאכטס... און באלד האָט ער געהאַט א גאנץ רעדל ארום זיך. סטאַך, אָבער, האָט ביי־ער צו דערציילן... און ער דערציילט, אז די „כוליגאנעס" זיינען שוין אויפן וועג, מען האָט זיי געטראָפן אויפן ווארשעווער שאָסיי, נאָר א גליק, וואָס זיי טרעטן דערווייל אָפּ אין אנדערע, קליינע שטעטלעך... יידן האָבן מויל און אויערן אויפגעשטעלט, געצאפּלט, געוואָלט אים אין די אויגן ארייַנ־קריכן, אויף די אקסלען זיך אָנהענגען, געוואָר צו ווערן פון אים דעם גאנצן תוך... און סטאַך פילט זיך נישט, מיט יידן לעבט ער זייער גוט, און דער־ציילט נאָכאמאָל און נאָכאמאָל, ביז יידן זיינען אין עצבות אריינגעפאלן, גע־שאָקלט מיט די קעפּ און געזיפצט.

און שפּעטער איז חנהלע בערטשעס, די טיקערין, געקומען צופאָרן פון א דאָרף ביי דער סטאַציע, וווּהין זי האָט אָפּגעפירט פון מקוה, אייך אין

מאַנס פּעלץ אײַנגעוויקלטע ייִדענע... איז זי געקומען און דערציילט פּאַר די שכנטעס, אַז די ייִדענע אַליין האָט טאַקע געזען אינדערפֿרי אַ פּאָר קאַצאַפּן, אין רויטע העמדלעך און אין לײַביקעס מיט פּאַלבן ביז צו די קני, האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף דער סטאַציע... דאָס זײַנען געווען די „בולי-גאַנעס" טאַקע. און מי יודע, צי זײַנען שוין נישטאָ גאַנצע הונדערט אַזעלכע...

די שכנטעס האָבן אויסגעהערט מיט זיפֿצן: „גאָט הערבאַרעמדיקער", און ווישנדיק די הענט אײַנע אין די אַנדערע, האָבן זיי זיך אײַנציקווײַז פֿון שטוב אַרויסגעשאַרט. זיי זײַנען שוין נישט גלײַך אַהיים, נאָר אָפּגעטראָטן צו אַנדערע שכנטעס. די צווייטע צו די דריטע און אַזוי אײַנע צו דער אַנדערער, ביז מען האָט עס שוין אין בלײַענדהעווער שטיבל דערציילט. און דערציילט האָט מען עס, אַז האַר און נעגל האָבן זיך קאַפּויר געשטעלט: הונדערט „בוליגאַנעס" מיט שפּיזן און מעסער זײַנען שוין אויף דער סטאַציע — אַ ליאַדע מינוט קומען זיי אָן...

מען האָט אָנגעהויבן די לאָדן צו פֿאַרמאַכן, אין גאַס איז חושך, שטיל... מען האָט נאָר פֿישטשען הינטער די פֿאַרמאַכטע לאָדן געהערט... און צײַטנווײַז, האָט מען געקאָנט טרעפֿן לויפֿן אַ צעטומלטן ייִד, וואָס האָט זיך מיט שרעק אומגעקוקט בײַ יעדן געסל, בײַ יעדן ווינקל און איז ווײַטער געפֿלויגן מיט פּאָלעס, צעלאָזטע אינדערלופֿט, ווי די פֿליגל פֿון אַ וויעטראַק*)... וווהין לויפֿט אַזאַ שטיגער ייִד, קאָן מען נישט וויסן, אַ כּיבע אין באָד אויפֿן בוידעם אַרויף אונטער די בעזעמלעך אַרונטער...

אין דער טשיינע זײַנען געזעסן יונגען אויפֿן טיש און אויף די בעטן, נאָר אַלע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ: שטיל, קיינער רעדט נישט אַ וואָרט...

פֿלוצלינג האָט איטשעלע אין שטוב זיך אַרײַנגעבראָכן, ווי אַ דונער:

— וואָס זיצט איר? — האָט ער אַ געשריי געטאָן — איר ווייסט בײַ וואָס עס האַלט?

דער עולם האָט אים אָנגעקוקט.

— און אַז מען ווייסט?...

— איר גייט מיט מיר?... ווער גייט נאָך קאָסעס צו עטלעכן אין אײַזן-געוועלב?...

דער עולם האָט זיך אַ הייב געטאָן און געקוקט אויף איטשעלען איבערגעגעבן.

ער האָט אויסגעקליבן נאָר עטלעכע און איז מיט זיי אַוועק.

---

*) אַ ווינטמיל.

אין א ווײַלע אַרום איז איטשעלע מיט די אונטערהעלפער געקומען צוריק צולויפן מיט ביכטלעך קאָסעס אויף די הענט. מען האָט זיי פונאַנדערגעבונדן און עס איז געוואָרן א געטאַפּעריי, די פּנימער האָבן זיך אויסגעלייטערט, געשטראַלט פאַר פרייד און די קאָסעס אין די הענט האָבן געבלאַנקט מיט די אויסגעבויגענע שפּיצן אַרויף.

— צו ווייניק מענטשן, צו ווייניק... — האָט זיך ערשט דער עולם אומגעקוקט און מען האָט געשיקט רופן דעם גאַרבער־פּאַך.

עס גייט נישט אַוועק קיין רגע, קומען די שלוחים צוריקצולויפן און נאָך זיי א מיידל מיט א דערעלע אויפן קאָפּ און בלישטשענדיקע אויגן פון פרייד.

דאָס איז געווען יעקלס שוועסטער, וואָס האָט די בשורה געבראַכט, אז יעקל איז געקומען.

— יעקל איז געקומען, יעקל! — ווערט א גדולה.

און דער עולם האָט זיך א לאָז געטון אין גאַס אַרײַן מיט די קאָסעס אין די הענט, גלייך אַרײַן צו יעקל סטאָליאַר אין שטוב. האָבן זיי אים דערזען, זיינען זיי אים באַפאַלן ווי די בינען, מיט א פרייד און געפּאַטשעריי אין די הענט און קולות, אז ער, יעקל, האָט נישט געוווּסט, אויף וועלכער וועלט ער איז און איז געשטאַנען אינדערמיט ווי צעמישט. זיי האָבן אים שיער אויף שטיקער צעריסן. אז ער האָט ערשט אָנגעהויבן מיט די הענט צו מאַכן, איינגעשטילט זיי אביסל, האָט ער זיך ערשט אומגעקוקט צו די קאָסעס זייערע: וואָס איז דאָס? האַ?... — האָט ער געפרעגט. דער עולם איז עפּעס געבליבן ווי צעטומלט. זיי האָבן זיך ערשט דערמאָנט, אז זיי האָבן קאָסעס און דערציילט אים פון די „כוליגאַנעס".

— טפו... — האָט ער אויסגעשפּיגן — פּראָוואָקאַציע. ס'איז ליגנט: איך פאָר דאָך ערשט פון דער סטאַציע!...

חברה האָט די קאָסעס געלאָזט און יעקלען אַרויסגענומען אין מאַרק אַרײַן מיט געזאַנג. א פּאָר יונגען האָבן זיך א לאָז געטאָן צו דער חברה הכנסת־כלה נאָך גרויסע לאָמטערן מיט די רויטע שויבן. מען האָט זיי געגעבן א ציינד־אָן. און אויף הויכע דרענגער זיינען זיי געווען פאַרזעצט, האָט עס דעם גאַנצן מאַרק פאַרלויכטן. מיט א געזאַנג און מיט רויטע, באַליכטענע פּנימער, האָט די גאַנצע קופּע יונגען יעקלען אַרום די מאַרק־געוועלבער געפירט. אויף די ווענט פון די מויערן האָט זיך א רויטע ליכטיקייט צעגאָסן. די שויבן פון די איבערשטע פענצטער האָבן געבליצט. און אין דער פינצטערער נאַכט האָט עס אָפּגעשלאָגן, ווי א פייער פון א

שׂרפה. קולות און געזאנג האָבן זיך אינאיינעם צונויפגעמישט אין איבערן גאנצן שטעטל פונאנדערגעטראָגן.

און איידער מען האָט זיך דערוווּסט, וואָס דאָ טוט זיך, איז דאָס שטעטל שיִער פון דער הויט אַרויסגעשפּרונגען. ערשט שפּעטער האָבן זיך אַ פּאָר מענער צוגערוקט צום עולם יונגען, יעקלען שלום־עליכם אָפּ־צוגעבן, און אין איינוועגס זיינען זיי געוואָר געוואָרן, אַז מיט די כוליגאַנעס איז ליגנט די גאנצע מעשׂה. מען האָט גאָט געדאַנקט פאַר דעם חסד און שלאָפן געגאַנגען.

באַר סיי־ווי־סיי איז שוין דאָס שטעטל נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט.

און באַלד אינדערפרי איז שוין יעקל סטאָליאַר מיט דעם סטאַרשי־סטראַזשניק געשטאַנען ביים סלופּ פון דעם מאַרק־ברונעם און האָבן צווישן זיך אַ קאַטאָוועסל געפירט... יעקל סטאָליאַר האָט געקלעפּט פּראָקלאַ־מאַציעס און דער סטאַרשי האָט זיי אַראָפּגעריסן: ווידער אַ בעט אַרין מיט דער צונג און — אַ לייג צו צום סלופּ, און ווידער — אַ נעם אַראָפּ. און ווידער אַ קלעפּ אָן און ווידער —אַ נעם אַראָפּ; זיינען זיי זיך ביידע גע־שטאַנען, אַזוי האַנט ביי האַנט, און געקוקט זיך אין די אויגן אַריין, עפּעס ווי אָפּגעשמועסט זיך; ביז וואַנען דאָס גאַנצע פּעקל פּראָקלאַמאַציעס איז איבערגעגאַנגען פון יעקלס אין סטראַזשניקס האַנט אַריין. און ערשט האָבן זיי זיך אויפדאָסניי אָנגעהויבן צו קוקן אין די אויגן אַריין, ווי איינער רעדט: נו... נו...

און יידן און ווייבער זיינען געשטאַנען פונוויטנס און האָבן געשמיי־כלט: „וואָס אַ יונג קאָן"... — אפּנים, אַז ס'איז טאַקע קאָנסטיטוציע...

דערווייל איז דער רב אין קאָלפּיק, מיט די לאַנגע פּאות און אין דער וואַטענער, אַטלאַסענער זשופּיצע, געגאַנגען איבער דער גאַס מיט זיינס אַן עולם אין בית־המדרש אַריין, תהילים־זאָגן. און ווי יעקל סטאָליאַר האָט דאָס דערזען, האָט ער ווידער אויך צונויפגעקלאַפּט זיינס אַן עולם אין בית־המדרש אַריין.

אין דער הייך איז שוין געווען אַ געזאָגעריי... „מזמור לדוד" הערט מען דעם בעל־תפלהס קול, וואָס ער שאָקלט זיך פאַרן עמוד, מיט אַ רויטע פאַטשיילע אַרומגעגאַרטלט. דער גאַנצער עולם אַרום שאָקלט זיך מיט און זאָגט מיט, דעם רבס קאָלפּיק שאָקלט זיך אין דער וואַנט אַריין... און דער עולם אַרום די טישן, נאָך אין די טליתים, זיצט אויך איבער די אָפענע תהילימלעך און זינגען זיך ווייטענדיק צו, שיִער ווי די מתנגדים...

איז יעקל ארויף מיט דער גאנצער חבֿרה זײַנער אויפֿן באַלעמער. אַ גאַנצע מחנה — שוואַרץ איז אױש געוואָרן. און דער רבֿ מיטן עולם האָבן זיך אומ־געקוקט צערודערט.

— וואָס פֿאַר אַ תּהילים?... — האָט יעקל סטאָליאַר אַ געשריי געטאָן און אַ פּאַטש אין שלחן אַרײַן — הײַנט איז נישט קיין צײַט פֿון תּהילים!...

דער עולם איז פֿאַרשטיינערט געבליבן און אױסגעגלאָצט די אויגן.

— הײַנט איז אַ צײַט, נישט פֿון קיין תּהילים, נאָר פֿון קעמפֿן מיט „בראָן"!...

— געוואַלד, בראָן!! — האָט זיך דער רבֿ איך וואָרט אָנגעכאַפּט, גע־ריבן זיך ביי די שלײפֿן און געשריגן, און דער גאַנצער עולם האָט געפּינקלט מיט די אויגן — געוואַלד, בראָן... בראָן!... נישטאָ קיין בראָן... תּהילים איז דאָ! תּהילים!

— נישט קיין תּהילים — שרייט יעקל סטאָליאַר נאָך העכער — נאָר בראָן, און טאַקע בראָן! רעוואָלווערן. פּיסטאָלעטן!...

— געוואַלד — פּיסטױלן!... — האָט נאָך אַ הייסער ייִד, מיט טיפֿע ברעמען און שכינה־ברענענדיקע אויגן אויסגעשריגן, אַרויפֿשפּרינגענדיק אויפֿן רבֿס טיש, און דאָס פּנים האָט געפֿלאַמט און די לאַנגע באָרד האָט געציטערט פֿון מסירת־נפֿש, שטייענדיק קעגנאיבער יעקל סטאָליאַר.

— איר זענט אַ גנבֿ!...— האָט יעקל אויסגעשריגן און געשפּילעוועט אים מיטן פֿינגער אין די אויגן אַרײַן — איר... אַ פֿאַלשע וואָג... טראָגט אַן מיטן פּוס אויף די ענגלישע וואָג, איר וועגט „חשעפּיק" די פּויערן!...

— ייִדן, שעכטע!... ייִדן, קדוש־השם! — האָט חער ייִד מיט אַ וויינענ־דיק, ציטערדיק קול אויסגעשריגן און אויפֿגעריסן די מלבושים אויפֿן האַרץ און געקוקט מיט פֿיערדיקע בליקן.

— אַראָפּ, אַראָפּ!... — איז געוואָרן אַ געשריי פֿון איבערן באַלעמער. די פּנימער האָבן זיך אָנגעצונדן. פּויסטן האָבן זיך איבער די קעפּ געהויבן.

— תּהילים, תּהילים! — איז געוואָרן אַ געליאַרעם און אַ צערודערט־קייט צווישן עולם פֿאַרן עמוד. און דער ייִד מיט די טיפֿע ברעמען האָט, אַזוי ווי ער שטייט און גייט, געגעבן אַ געשריי אַרויס — „מזמור לדוד בב־ר־ר"...

— שאַ, שאַ, שאַ!!... — איז געוואָרן אַ געפּאַטשערײַ מיט די הענט אויפֿן שלחן און איינער האָט אַ ווייז געטאָן אַ רעוואָלווער.

— געוואַלד! — איז אַ געטומל געוואָרן און אַ געשטריקערײַ פֿון הענט צום ייִד אויפֿן טיש און מען האָט אים אַראָפּגעכאַפּט, מיט צעמישטע פּנימער און אויסגעגלאָצטע בולטע אויגן, קוקנדיק אויפֿן באַלעמער אַרויף...

די חברה איפן באלעמער האט זיך א ריר געטון צו די טרעפלעך און דער עולם פארן עמוד האט די פענצטער אויפגעריסן און ארויסגעשפרונגען — ארויס, ארויס!...

זייט איין מינוט איז דאס בית־המדרש אויסגערוימט געווארן. עס זיינען מער בישט געבליבן, ווי עטלעכע אלטע יידן און דער רב, וואס איז געזעסן איין זיין ווינקעלע מיטן פנים צו דער וואנט און געוויינט, ווי א קליין קינד, אפוואשנדיק זיך מיט טרערן. און עטלעכע יידן, אין די טליתים, וואס זיינען געזעסן ביי די הינטערשטע טישן, זיינען געבליבן זיצן, ווי פארגליווערטע און געקוקט מיט דערשראקענע פנימער צום רב...

און א ווינט האט זיך דורך די אפענע פענצטער ארייגעריסן און געפאכעט מיט דעם פרוכת פארן ארון־קודש... געפאטשט איז די טירלעך אריין, פארוואָרפנדיק א פאלע מיטן אונטערשלאק אריף. און ווידער צעפאכעט דאס פרוכת אינהערלופטן און געפעלבלט האט עס זיך און געצויגן, ווי עס וואלט זיך געוואלט אפרייסן און אויך ערגעץ ארויספליען דורך א פענצטער... און פון דרויסן האבן זיך געשרייען, אויסגעמישטע קולות געהערט: „אורא! אורא!”...

— — — דאס זיינען די יונגען איבער דער גאס געפלויגן, ווי א צעלאזטע סטאדע: אורא! אורא!... און איטשעלע, אפילו, האט זיי שוין בישט געקאנט איינהאלטן. מיט אויפגעשטעלטע הענט האט ער זיך אקעגנגעשטעלט און געשריגן: גענוג, גענוג! און יעקל אויך דאס אייגענע — נאר חברה איז געווען צופיל צעהיצט... די געוועלבער האבן זיך פארקלאפט אינס נאך דעם אנדערן, און חברה האט זיך ווייטער און ווייטער געלאזט מיט קולות און געשרייען.

פלוצלינג קומען אנצולויפן נאך עטלעכע יונגען, אפגעסאפעט און מיט פארפלאמטע פנימער: חברים, חברים — — אראפ אין דער „סאנד”־גאס אריין, מען טרייבט ארויס דעם „סענדזשע”... אים — די „פשאריקעס” און נאך און נאך, געשווינד, געשווינד!

— קינדער, א סוף! — האט יעקל סטאליאר אויך אויסגעשריגן!

— א סוף, א סוף!! ...

— עס ל־ע־ב־ט — — — — —

— אורא!! או־רא־א־א — — —

און דער עולם האט זיך א לאז געטון.

— — — — — — — — — — —

און פארן „סאַנד" האָבן זיי געגעבן א קום אָן, ווי א שווארצע, גע־דיכטע כמאַרע. א רעדל מיט גויים איז שוין פון פריער געשטאַנען דאָרט, און פנימער מיט פנימער האָבן זיך אינאײנעם צונויפגעמישט, אַלע אויף איין קופּע און אלע האָבן צו די פענצטער פון „סאַנד" געקוקט...

פּלוצלינג האָבן זיך עטלעכע א ריר געטאָן פאָרויס, און דער גאַנצער עולם איז נאָך אריין אין „סאַנד" — — —

באלד איז פון דאָרט ארויס הער סודיא, א צעטומלטער, ווארפנדיק שרעקנדיקע בליקן אויף אלע זייטן, בישט וויסנדיק אין וואָס זיך אָנצו־כאַפּן, און ווי א שטורעם־ווינט וואָלט אים א כאַפּ געטון, האָט ער זיך א לאָז געטון איבער דער גאַס מיט צעפלויגענע פּאָלעס פון מאַנטל און אין גאַלן קאָפּ...

חברה האָט געמאכט אן „אורא", ביז ער איז פארשוואונדן אין עק גאַס, וו דער קאָמאָרניק וווינט...

אין דער אייגענער נאכט נאָך האָט מען זיי פון די בעטן ארויסגע־נומען. און באגינען, די דעכלעך האָבן זיך נאָך אין גראָלעכן נעפּל געהילט, און שטיל איז געווען, נאָר וואָס א קלאַנג פון א פּרענט, וואָס איז אָפּגע־שפּרונגען אין א וואַנט ערגעץ, האָט מען געקאָנט הערן. דעמלט האָבן זיך שוין באַלעבאַטים פון די שטובן ארויסגערוקט און דערציילט זיך נייעס איינער דעם אנדערן, וואָס די נאכט איז געשען. מאַמעס, מיט בלאַסע פּנימער און פארוויינטע אויגן, האָבן זיך געוויזן אויף דער גאַס. און אויפן פּלאַץ פאר דער קאַנצעלאַריע זיינען געבונדענע זיך געשטאַנען ארומגערינגלט מיט זעלנער... זעלנער אין גראָע שינעלן און קליינע רייטער־ביקסלעך איבער די פּלייצעס. דאָ זיינען איטשעלע און יעקל סטאָליאר אויך געווען און, כמעט, אַלע זייערע חברים. נאָר צוויי, וואָס האָבן אהער נישט געפּאסט: איינער א ייד פון א יאָר פערציק מיט א שווארצער באָרד און אן ערנסט בלאַס געזיכט, וואָס מען האָט אים גלאַט אזוי אַרעסטירט, ווייל ער האָט נישט געלאָזט א סאָלדאט, ער זאָל אָן דעם עלצטן מאכן א רעוויזיע ביי זיך אין שאַנק, וווּ דעם ווייבס ביסל צירונג איז געלעגן. און דער צווייטער איז א פּויער געווען — א פּויער אין זייך גראָען סוקמאַן, מיט זיין פראָסט געזיכט און אומשולדיקע, תמעוואַטע אויגן. עס האָט זיך אים פאר־גלוסט שפּעט ביינאכט אין שטאָט צו פארזוימען, און גייענדיק פון א שענק — נאָך א לידל צוזינגען זיך...

— „פּאָווֹלע — האָט אים א לאָבחסל א פּרעג געטאָן, ווען דער פּאָט־רול האָט א ביסל אָפּגעטרעטן — פּאָוולע... אי ווי טו?...".

— „נו, פאטש־זשע, קאָכאַני"... — האָט דער פויער א צעשפּרייט געגעבן בײדע הענט און דאָס געזיכט האָט זיך אים העפטיק פארקרימט — „זאַ סוואָי גראָש וויפּיטש — — אי טאָ ביע וואָלנאָ!!"

עס זיינען געקומען אָנצולויפן נאָך עטלעכע צענדליק זעלנער אויף די פערד און אן אָפיציר פאָרויס. א פּאָר וועגעלעך מיט פויערישע פורמאנעס זיינען צוגעפאָרן, און דער אָפיציר האָט פון פערד אראָפּ, א וויז געטון, אז די חברה זאָל אויפזיצן.

זיי האָבן זיך איינגעזעצט אין די פורן, געדיכט איינער צום אנדערן. די פערד מיט די רייטנדיקע זעלנער האָבן שוין פאר אומגעדולד אויף קיין אָרט נישט געהוט, געוואָרפן מיט די קעפּ און געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס אין דער ערד, ביז די וועגעלעך האָבן א ריר געטון פון אָרט און די זעלנער האָבן זיי א רינגל־ארום געטון, נאָכרייטנדיק.

ארייניפאָרנדיק אין עק גאס האָט דער אָפיציר א מאך געטון מיטן קאָפּ צו די זעלנער. זיי האָבן זיך א כאַפּ געטון פאר די שיידלען — און דאָס געקלאַנג און געבלאַנקעריי פון די גאָלע שווערדן האָט אויפגעבליצט... איבער דער שטאָט איז מען געריטן לאַנגזאַם... די געבונדענע זיינען געזעסן אויף די וועגן מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ און בלאסע געזיכטער, און די זעלנער ארום זיינען נאָכגעריטן, טריט ביי טריט, קוים צעשאָקלענדיק זיך איבער די זאָטלען אויף און אָפּ. די גאס איז פארהאמערט. ווו עס איז שוין א לאָדן אָפן געווען, האָט מען אים געשווינד פארמאכט, ווו א געוועלבל — פארהאקט. שטיל איז געווען ווי אין אן אויער, די גאס האָט דעם אָטעם איינגעהאלטן... און עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס געקלאַפּעריי פון די פערדס טריט און דאָס געקלאַנג פון די שפּאָרן. עס וואַרפט אן אימה, די גאס, דאכט זיך, וועט היינטער די פארמאכטע לאָדנס אויסשטאַרבן און דאָ ציט עס זיך אזוי לאַנגזאַם, ווי ביי א לויה...

אויף דער בריק האָבן זיי א נעם געטון א ביסל גיכער און זיינען אוועק איבערן שאָסיי...

דער גראָער מאָרגן־נעפּל האָט זיי פארהילט און אין זיך איינגעזאַפּט... און פונדערווייטנס האָט זיך דאָס אויסגעוויזן, ווי א שווארצער וואָגלענדיקער פלעק, וואָס לאָזט זיך ערגעץ וואנדערן אין דער ווייטער וועלט אריין...

# דור הולך ודור בא

אַן אויסגעשטערנטע נאַכט. אַ הייליקע, פּראַכטיקע סליחות־נאַכט. שטילע, פינקעלנדיקע שטערנדלעך קוקן אַראָפּ פון הויכן בלויען הימל אויפן האַלב איינגעשלאָפענעם שטעטל. אין האַלב איינגעשלאָפענעם, ווייל אין מאַנכע הייזער איז מען נאָך וואַך. ביי זעליג שוסטער איז נאָך אָפן טיר און טויער, און זיינע געזעלן זיצן אַזוי פאַרטיפט אין דער אַרבעט, אַז זיי באַמערקן נישט די ליכטיקע אייגעלעך פון הימל, וואָס האָבן געוווּנקען צו זיי דורך אָפענע פענצטער. די בליך־לאָמפּן אין שטוב בלענדן זיי די מידע אויגן, און זיי לאָזן זיך געדולדיק אַראָפּ צו דער אַרבעט.

פאַרנומענער פון אַלע איז דער לאַנגער נאָטע. ער וויל זיך פאַרשלאָגן ביטן האַמער די געדאַנקען; זיי לאָזן זיך אָבער נישט:

„עס גייען אַזעלכע הייליקע טעג, און אַ צרה געלט דאַרף מען... און פונוואַנען? איבערן זומער האָט ער נישט פאַראיבעריקט קיין רובל... פאַר זיך עפּעס צו קויפן אויף יום־טוב, איז קיין רייד נישט, זאָל נאָר אין שטוב זיין צו לייטן גלייך".

„אַ מאַסע הוצאות: אויף ראש השנה — ברוינע פייגל... אויף יום־כיפור — עופות: כאָטש, צו איינציקע כפּרהלעך פאַר יעדן קינד. דערנאָך גייט הושענות סוכות. מען זיצט מיט מענטשן איינאיינעם אין סוכה, דאַרף מען האָבן אַ לעשטשיקל, צוקער־באָבעס גרויסע — נישט פאַרשעמט צו ווערן פאַר לייט. און ער טרייבט זיך צו: בעסער אַרבעטן אין דער נאַכט אַריין, אַבי צו זיין אַ מענטש צווישן מענטשן".

און ער הייבט און לאָזט אַראָפּ אַלס האַסטיקער און האַסטיקער דעם האַמער אויף דער האַרטער פאָדעשווע, אַרומפאָרנדיק מיט איר איבערן שטיין, וואָס איז געלעגן אויף זיין אויסגעדאַרטער דינער קני. חיימל, זיין

אַכצניאָריק ייִנגל, וואָס העלפֿט אים אונטער און גרייט אים צו אַרבעט, זיצט אין דער זייט, כמעט הינטער דעם פּאַטערס אַקסל, און קוועט אַ שטיוול, קלאַפּנדיק שוואַך און לאַנגזאַם מיטן העמערל. די פּלעקלעך האָבן זיך דאָס מאָל נישט גלאַטיק געגליטשט אין דער געלעכערטער זויל אַריין. טייל צעבראָכן זיך, טייל שפּרינגען אינגאַנצן אַוועק, גלייך זיי וואָלטן גענאַרט זייער יונגן מייסטער, שפּילנדיק מיט אים אין באַהעלטעניש. קרום מאַכט ער צו אַן אויג פֿון מידקייט, און די מידקייט באַפֿאַלט פֿון צייט צו צייט, דעמלט טוט ער זיך אַ וויג, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ צו דער שויס; נאָר דער־שפּירנדיק דאָס קאַלטע אײַזערנע העמערל ביים שטערן, כאַפּט ער זיך אויף און קוקט זיך אום מיט צוויי אָפֿענע, דערשראָקענע אויגן, צי לאַכן נישט פֿון אים די געזעלן. מען האָט עס גראָד נישט באַמערקט, נאָר ער בייזערט זיך אויף זיך אַליין: „עס איז קיין תּכלית נישט צו שלאָפֿן". ער ווייסט, אַז דער פֿאָטער וועט וואַרטן אויפֿן שטיוול. „פֿע, אַ מיאוסע זאַך דער שלאָף".

אום מער נישט איינצושלאָפֿן, לייגט ער אַוועק דעם שטיוול און גייט צו צום קיבל וואַסער, דערפֿרישט זיך מיטן קאַלטן וואַסער דאָס פּנים מיט די אויגן, און גייט שטאָלץ צוריק צו דער אַרבעט. אויפֿן וועג וואַרפֿט ער אַ דרייסטן בליק צום וואַנט־זייגער. „אָ, האַלב צוועלף! מען דאַרף זיך צו־ריירן". ער אײַלט זיך צו זײַן אָרט, און פֿון אונטערן העמערל שיטן זיך לעבעדיקע קלעפּ איבער די קעפּלעך פֿון די אומרויִקע שטיפֿטן, ווי אַ האָגל שיטן זיי זיך, די קלעפּ, און קלינגען אָפּ פֿון די ליידיקע גרויסע פֿעסער, וואָס שטייען אין הרויסן ביים אָפֿענעם פֿענצטער, אָפּוואַרטנדיק מען זאָל זיי אָנפּאַקן מיט שיכוואַרג און אוועקשיקן אין די רוסישע גובערניעס.

---

עלקע, אַ דיקלעך ווייבל, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ באַלעבאָסטע, איז גע־שמאַנעץ ביים קוימען און געפּרעגלט פּעטס אויף אַ פּאַטעלניע, דערביי האָט זי פֿון דער וויעטשערע אויך נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג. זעליג, דער מאַן, דאַרף באַלד צוריקקומען פֿון גאַס און זי רירט זיך צו, ער זאָל טרעפֿן דאָס עסן פֿאַרטיק. געשיקט טוט זי פּלוצלינג אַ גאָס נאָך עטלעכע לעפֿל פּעטס אויף דער פּאַטעלניע, דער זאַד פֿון צאַפּלענדיקן פּעטס אויף דער פּאַטעלניע, וועקט דעם לאַנגן נאָטע פֿון זיינע יום־טובֿדיקע דאגות.

— אָט אַזוי איז אַ תּענוג! — טראַכט ער, אַן אויג וואַרפֿנדיק צום קוי־מען — גרויסע באָבעס מיט ברייטע קלאָרע פּערפּל, מיט אַ יויך באַגאָסן,

דערנאָך מיט פּעטס... אַ מאכל! דאָס מעג שוין ראָטשילד עסן! דאָס וואַסער קומט אים אין מויל אַריין... דערביי דערפילט ער אָבער, אַז דאָס האַרץ ווערט אים אויך וואַסעריק, אַז דער געשמאַק פון „ראָטשילדס מאכל", וואָס צעגייט זיך אין שטוב, שוואַכט אים וואָס אַמאָל מער אָפּ.

ער קאָן לענגער שוין נישט זיצן און ער דרייט זיך איבער צו חיימלען און זאָגט אים:

— ווי האַלסטו מיט דער אַרבעט? שוין צייט צו גיין אַהיים.

— באַלד, טאַטע — ענטפערט חיימל דערפרייט. און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי ביידע אַוועקגעלייגט די אַרבעט, אָנגעטאָן די כאַלאַטלעך און געווונטשן „אַ גוטע נאַכט" דער באַלעבאָסטע. דערביי האָט נאָטע אַ פרעג געטאָן, ווו ער, איר מאַן, קאָן זיך אַצינד געפינען. זי פרעגט: צו וואָס? און ער ענטפערט, אַז ער דאַרף אַביסל געלט. עלקע גיט אַ צי מיט די אַקסל, אַז זי ווייסט נישט, און נאָטע מיטן יינגל האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, זאָגנדיק נאָך אַמאָל „ אַ גוטע נאַכט" צו דער באַלעבאָסטע מיט די איבערגעלאָזטע געזעלן.

---

אויף יענער זייט שוועל האָט נאָטע דערזען פאַר זיך שײַנען דעם לויטערן הימל מיט די פינקלענדיקע שטערן, און האָט דערפילט, אַז זיין האַרץ ווערט פול מיט שטילער פרייד. דעם הונגער האָט ער פאַרגעסן.

— גאָט האָט באַשאַפן אַזאַ שײַנע וועלט! — זאָגט ער צו חיימלען און טראַכט באַלד, אַז דאָס אַלץ איז נישט פאַר די, וואָס מוזן זיצן און אַרבעטן אין שטוב! דאָס זאָגט ער שוין חיימלען נישט.

— פּרנסה! — טראַכט ער ווייטער — מען מוז אַהיים ברענגען כאָטש אַ קערבל...

נישט ווילנדיק טוט ער זיך אַ כאַפּ אין קעשענע און רונצלט איין דעם שטערן: „וואָס זי וועט זאָגן, וועט זי גערעכט זייך" — טראַכט ער — „הונטיק געגעבן איר אַ רובל, נו, איז שוין, געבליבט איז גאָט, דינסטיק ביינאַכט. איר שווער ביטער האַרץ וועט זי, דאַכט זיך, צו מיר אויסגיסן".

ער וויל זיך קלאָר מאַכן, צי וועט ער נאָך קאָנען אויסהאַלטן דאָס מאָל אַהיימצוקומען אָן געלט. ער פּרוּווט זיך טרייסטן: עס איז שוין שפּעט, אַצינד דאַרף זי שוין קיין געלט נישט! דעם טאָג האָט זי שוין איבערגעקומען. אלא, מאָרגן? וועט ער באַלד אינדערפרי כאַפּן צוויי־דריי רובל און אַהיימטראָגן. אָבער נאָכן גאַנצן ישוב־הדעת, איז אים דאָך שווער אַהיימצוגיין מיט די

ליידיקע הענט, „זי וויקסט גאָר נישט, ווי שווער עס קומט אָן דאָס קערבל אַרויסצוקריגן!" — פאַרענטפערט ער זיך פאַר זיך אַליין, „זי מיינט, איך רעד נישט, מאָן נישט! רעד, אַז ווען מען דאַרף אַ רובל, ווערט ער נעלם!" „קום טאַטע", וועקט אים חיימל, אַנרירנדיק אים ביים אַרבל. נאָך באַמערקט, אַז נאָך ביים אָנבייסן, האָט זי אים דערמאָנט, און ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט איר שפּעטער שיקן. האָט זי, נעבעך, געמוזט שוואַרצן זיך דאָס פּנים און גיין באָרגן אויף וועטשערע אין קליטל, און אפשר האָט זי גאָרנישט באַקומען! דאָס וואָלט שוין גאָר שרעקלעך געווען. ביין — באַפּעסטיקט ער זיך אין דער דעה — אַזוי גייט מען נישט אַהיים!

חיימל ציט אים ביים אַרבל און ער טראַכט: ווען כאָטש אַ צוויי זילבער־נע רובל. גיי איך אויף אַן אייזערנער בריק... איך קום אַהיים מיט אַ מליץ־יושר... וואָס געווען איז געווען, נאָר געוווסט וואָלט זי, אַז מאָרגן האָט זי מיט וואָס אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין... ער וואָלט געווען ווי ביי לייטן... ווי אַמאָל... זי וואָלט אים גאָר אַנדערש מקבל־פּנים געווען... זי וואָלט געווען אַזוי ליב... דאָס טעלערל פון הימל וואָלט זי אים צוגעבויגן.

— הער, חיימל! וועסט ער זיך צום זון, — דו גיי אַהיים, און איך וועל אָפּזוכן זעליגן. און כאַפּן ביי אים אַביסל געלט.

— וועסט'ן הען געפינען אציינד?

— אפשר, ר'איז אַוודאי אין שענק.

חיימל לאָזט זיך עס צוויי מאָל נישט זאָגן, נעמט זיך אַראָפּ אין אַ זייטן־גאָס און זיינע יונגע, פלינקע טריט הערן זיך וואָס אַמאָל ווייטער און וויי־טער און ווערן באַלד פאַרהילכט.

---

די געסלעך זיינען שוין שטיל און לער. די קליינע, נידעריקע הייזלעך שלאָפן שוין לאַנג מיט פאַרמאַכטע לאָדן, ווי אַראָפּגעלאָזטע ברעמען אויף פאַרשמאַכטע אויגן. זעלטן, דורך אַ שפּאַלט פון אַן אויסגעטריקנטן לאָדן, ציטערט אַרויס אַ רויטלעכע שיין און לייגט זיך איבער דער ברייט פון געסל ווי אַ העל פּאַסיקל. ס'מערסט שלאָפט מען שוין, און נאָטעס מידע אויגן און מידע פיס האָבן זיך אויך געבעטן רו. נאָר ער האָט געמוזט שפּאַנען איבער די שטילע געסלעך. די ברעמען זיינען אים שווער געוואָרן ווי בליי; די פיס הייבן זיך קוים, אינגאַנצן פילט ער זיך, ווי נאָך אַ לאַנגן, שווערן תענית. אַזוי דערגרייכט ער די שול־גאַס. אויף די טרעפּלעך פון דער וויזבערישער שול, האָט ער דערזען אַ זיצנדיקע געשטאַלט. ער איז

צוגעגאַנגען אַביסל נענטער און האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרציטערט: ער האָט דערקענט די „משוגענע חיהקע". „וואָס פון אַ מענטש קאָן ווערן" — שווידערט אים דורך די ביינער. געהאַט דריי אייגענע געוועלבער, אַן אייגן הויז, קומט גאָטס שטראָף — שלאָפט זי איינגעהויקערט אויף די טרעפּלעך אין אַ שטיקל צעריסענער פּאַטשיילע. וואָס וואָלט עס באַרירט ר׳ דן דעם וואָכערער, ווען ער לאָזט זי איבערנעכטיקן ביי זיך? כאָטש היינטער הער טירט ער דערפילט, ווי אַ ביטערקייט קומט אים פון האַרץ צו צום מויל. ר׳ דן, ווייסט ער, איז אַ פרומער ייד. „מיר אַזאַ מזל", — טראַכט ער — „יום־כפור דאַוונט ער נעילה פאַרן עמוד אין שול", און אַזוי יעמערלעך, מיט אַזאַ מתיקות!" „ער מוז דערפון נישט וויסן... און קיינער זאָגט אים נישט... ער האָט דאָך איר אַלץ צוגענומען"... „מאַ — טרייסט ער זיך — עס פעלט נישט קיין אומגליק אויף דער וועלט, און אפשר — טראַכט ער איבער — איז איר גאָר בעסער פאַר אַלע... זי ווייסט נישט! אַנדערע אַלמנות איז ערגער" און ער דערשרעקט זיך פאַרן געדאַנק וועגן אַנדערע אַלמנות... עס איז טאַקע אַלץ ביי זיין ליבן נאָמען אין דער האַנט, נאָר פון אַ קורצער צייט ווערט דאָס שפּאַרעניש ביים האַרץ אַלץ ענגער און ענגער... וואָס אַמאָל פאַלט ער אַוועק, און יעדעס מאָל, ווען ער פאַלט אַוועק, מיינט מען אַז ער איז פאַרבייט מער אויף יענער, ווי אויף דער וועלט.

און ער שפּריזט ווייטער און איז פון דער שול־גאַס אַריין אין מאַרק, ווו ער האָט פונוויטנס דערזען די שענק, צו וועלכער ער איז געגאַנגען. די טיר פון שענק איז שוין צוגעמאַכט, עס איז אָבער נישט מעגלעך! ער גלייבט זיינע אויגן נישט און גייט צו פּרוּוון די טיר. און ער האָט זיך דערפרייט, אַז זי איז נישט מער, ווי צוגעלענט פאַר יוצא זיין, ער האָט דאָך נישט געוווסט, ווי צו כאַפּן וואָג: „אַריינגיין, צי נישט אַריינגיין?" ער קלערט, אז גלאַט אריינקומען עמעצן הוכן, און גאָרנישט געבן צו ליקן, האָט גאָר קיין פּנים נישט. און צוריקגיין מיט וואָס ער איז געקומען, ווילט זיך אים אַוודאי נישט. וואָס טוט מען?.. וואָלט ער געהאַט כאָטש אַ פינף קאָפּיקעס, טראַכט ער אומזיסט, זוכנדיק אין ביידע וועסטל־קעשענעס. ווען ער האָט 5 קאָפּ. וואָלט ער אַריינגעקומען טרינקען אַ גלעזל ביר. און וואָלט, אגב, געוואָרפן אַ בליק אין איין שטוב, אין דער צווייטער, ביז ער וואָלט׳ן דערטאַפּט. נאָר „טו עפּעס אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה. אַזוי פּאַסט נישט... ער וועט זיך אומזיסט נאָך איינריסן דאָ דאָס פּנים... איז ער אַפילו דאָ, זיצט ער נישט אַליין, זיצט ער מיט אַ גאַרבער, און שמועסט וועגן יוכטן, צי מיט אַ סוחר, און רעדט וועגן עקספּעדיציע", נו — טראַכט ער טרויעריק—

װעל איך... נאַטע... צוגיך גלאַט פֿון דער העלער הױט: „װעליג, איך דאַרף געלט... נײן! עס פּאַסט נישט״. און נאָך אַ לאַנגן ישוב בײַ דער טיר פֿון שענק, האָט ער זיך איבערגעדרײט און צוריק אַהײמגעגאַנגען.

---

מרים איז נאָך נישט געשלאָפֿן, אָבװאָל זי איז שױן געלעגן אין בעט. חײמל האָט איר איבערגעגעבן, אַז דער טאַטע איז געגאַנגען אױפֿזוכן זעליגן, און זי האָט װאַכנדיק געװאַרט אױפֿן מאַן מיטן געלט. אין קלײנעם נידעריקן שטיבל האָבן געאָטעמט אַכט נפֿשות. מרים מיט צװײ קינדער זײַנען געלעגן אין אײן בעט, חײמל אין דער העלפֿט פֿון צװײטן; די צװײטע האָט ער איבערגעלאָזט פֿאַרן פֿאָטער. צופֿוסנס דעם מענישן בעט אױף אַ שלאָף־באַנק שלאָפֿן צװײ קינדער, איבערגעדעקט מיטן פֿאָטערס אַן אַלטע קאַפּאָטע. נאָך אײנס ליגט קעגנאיבער דער שלאָף־באַנק, אױף אַן אַלטמאָדישן פֿלאַכן קאַסטן, צוגעדעקט מיט דער מוטערס פֿאַטשײלע, נישט װײַט פֿון איר בעט. דאָס בלאַסע פּנימל אױפֿן טונקל קלײנעם קישעלע, װאָס איז אָנגעשפּאַרט אין קױמען, שימערט פֿאַר בלאַסקײט. איבערן קױמען שײַנט אַ קלײן לעמפּל און װאַרפֿט זײַנע דינע טרױעריקע שטראַלן צום שכן — דעם מעשענעם, פֿון פֿליגן־געשפּרענקלטן, הענגל־לײַכטער. דאָס אָרימע פּײערל האָט אױך אַזױ טרױעריק געקוקט אױפֿן גאַנצן „כּלי בית״. דער עיקר — אױפֿן קלײנעם, רױט־געפֿאַרבטן טישל מיטן װײַס־האָלצערנעם שטול, מיט דער צעפּלאַצטער דעק, װאָס פֿלעגט זיך אָפּט עפֿענען, װי פֿליגל פֿון אַ סוכּה. עס הערן זיך טריט הינטערן פֿענצטער. מרים דערקענט דעם גאַנג, און שטעלט אָן די מאַטע אױגן צו דער טיר, אין װעלכער דער „לאַנגער נאַטע״ האָט זיך באַלד באַװיזן. שטיל װי אַ גנבֿ איז ער אַרײַנגעקומען, און געהיט זיך, די טיר זאָל בײַם עפֿנען און פֿאַרמאַכן קײן סקריפּ נישט טאָן. אױף די שפּיץ־נעגל איז ער צוגעגאַנגען צום טישל, אױסמײַדנדיק דעם הענגל־לײַכטער, פֿון װעלכן ער האָט שױן נישט אײנמאָל געכאַפּט אַ פּסק פֿאַר קריכן אים אין װעג אַרײַן. ער װאַרפֿט אַ פֿריפֿנדיקן בליק איבער מרימס בעט, צי זי שלאָפֿט נישט, און דערזעט אירע אָפֿענע אױגן. זי קוקט אױף אים, באַטראַכט זײַן אױסגעדאַרטע פֿיגור, זײַן בלאַס געזיכט און פּלוצלינג דערפֿילט זי צו אים אַזאַ האַרציק מיטלײד, אַז זי װאָלט אים די נשמה אַװעקגעגעבן, אַבי ער זאָל באַװײַזן אַ פֿרײערן מוט. זי װײסט, אַז נאָר צוליב איר און די קינדער, װערט ער אַזױ פֿאַרשװאַרצט און געפּײַניקט, זי שטאַרקט זיך און פֿרעגט שטיל װי

א שטילע טויב: „באָטע, האָסט'ן געפונען?". ער שאָקלט מיטן קאָפּ: „ניין." זי פאַרשטיקט אַ זיפץ און זאָגט אים: „נעם דיר דאָרט די וויעטשערע פון אויפן קוימען". און גייט צו מיט א שווערן אָטעם: „נאָר וואָס פאַר א טעם וועסטו שוין פילן"... „באַבעלעך מיט פאַרפל, אז דאָס שטייט לאַנג"... און ער טראַכט: „באַבעלעך מיט פאַרפל... טאַקע אַ שאָד, פרישערהייט שמעקט עס גאָר אַ מאכל"... ער ווענדט זיך צום קוימען, נעמט אַרויס אַ טעפּל פון קאַלטן אש, און צוריקגייענדיק צום טיש, נעמט ער מיט דאָס לעמפּל מיט דער צווייטער האַנט. „געוואָרן א פאַפּ דערפון, א פאַפּ צום וואַרשטאַט". זאָגט ער, נעמענדיק דעם לעפל צום מויל. ער דערמאָנט זיך אין זעליגס וויעטשערע, „אַ שיינער הילוך — טראַכט ער — און בייזערט זיך באַלד אויף זיך אליין, ווי עס פאַלט אים גאָר איין צו פאַרגלייכן זיך מיט זעליגן. „קבצן איינער, — טראַכט ער — אויך מיר א מענטש!... „פיל עסן קען ער דאָך נישט: „פאַרט אַ פאַפּ"! און מער נאָך — פאַר מידקייט. ער האָט אוועקגעשטעלט דאָס טעפּל און הייבט אָן אויפן בעט זיצנדיק צו לייענען „קריאת שמע". נאָר ער ענדיקט זי אויך נישט און ווערט איינגעשלאָפן אין די קליידער.

---

עס איז נאָך אַ פּאָר שעה צו טאָג און דאָס שטעטל וואַכט שוין. אפשר שלאָפן נאָך עטלעכע נגידים. די שול-גאַס רודערט שוין. די בית־המדרש־פענצטער גלאַנצן. פון אַלע עקן פון שטעטל איילט זיך דער עולם מיט סליחות אין האַנט. דורך די ציטערדיקע, האַלב־אויסגעבראָכענע שויבן פון בית־מדרש רייסט זיך דעם בעל־תפילהס קול אויף דער גאַס אַרויס, און אין דער פאַרטאָגעדיקער קילער לופט וויגט זיך שוין דער טרויעריק־יעמערלעכער ניגון פון „יתגדל". פון דער פינצטער איין עק גאַס, שווימט אַרויס דער לאַנגער באָטע, ער גייט האַסטיק... זיין שווערער אָטעם הערט זיך פון ווייטנס. ער איילט צום בית־המדרש, צום קוואַל פון געשריי, וואָס האָט זיך פלוצלינג אויסגעבראָכן פון הונדערטער מיילער. דער יאָמער איז אים דורך די ביינער געגאַנגען, ער איז פאַרציטערט געוואָרן און האָט זיך א שאָקל געטאָן, ער האָט זיך דערפילט, ווי אן עלנד שוואַך פייגעלע אין א שטורעם־ווינט: „אזעלכע הייליקע טעג, פאַרכטיקע נעכט" און ער האָט פאַרשלאָפן, און „גיב נאָך דעם זינדיקן גוף!" ער איז אַריין אין בית־המדרש, געבליבן שטיין ביי דער טיר, און האָט אָנגעהויבן בלעטערן די סליחה ווי א צעטומלטער, ענדלעך האָט ער געפונען דעם „יום רביעי" איז

ער איז ביסלעכווייז צו זיך געקומען, און אנגעהויבן מיטן עולם: „לך די הצדקה", וועט ער זאגן שפעטער. נאך גוט, וואס ער האט דעם „פזמון" נישט פארזוימט. „חוקר הכל וסוקר"... הייבט אן דער בעל־תפילה, און גאטע זאגט נאך פסוק ביי פסוק, ערנסט, נאר קאלט ווי אייז, אן מתיקות, אן טרערן. „שמע קולנו"... הערט ער נאך זיין אייגן מויל זאגן, די ווייטע־רע ווערטער ווערן דערטרונקען אין ים פון קולות. ער וויל אריינשרייען, זאל זיך זיין קול אויך הערן. ער קאן אבער קיין העכערע טענער נישט ארויסברענגען: ער קאן אפילו נישט וויינען. דאס הארץ איז אים ווי פאר־גליווערט אויף קאלט, און די אויגן זיינען טרוקן און ברענענדיק. „אל תשליכנו לעת זקנה, ככלות"... און שטיל בעט ער זיך מיט פארטרוקנטע ליפן און קנייטשט זיך מיט אלע כחות אויס א רחמנות־פנים, פארשטייענ־דיק די טייטש פון די ווערטער. דער „פזמון" האט זיך געענדיקט, און ער שטייט נאך א ווייל איבער דער אפענער סליחה. ער האט זיך נישט אומ־געקוקט צו קיינעם, און קיינער נישט צו אים; אפילו דער „שמש" מיט דער קלינגענדיקער פושקע האט אים פארבייגעלאזט...

ביסלעכווייז האט דער הימל אנגעהויבן העלער ווערן אין מזרח־זייט. ארבעטס־מענטשן האבן מיטגעהאט טלית און תפילין, און שטעלן זיך דאווענען; ליידיקגייער האבן נאך געהאט צייט. מען האט גערייכערט, גענע־נעצט, געשמועסט מכוח א הייסער מקוה, וואס מען וועט האבן איבער אלע סליחות־טעג, און א קלער געטון, צי „יענע" מעגן שוין דאווענען שחרית, צי מען מען דערקענט שוין דעם חילוק פון א הונט ביז א וואלף... ענדלעך איז טאג געווארן און דער גאנצער עולם האט זיך גענומען צום דאווענען. גאטע האט געדאווענט מיטן עולם, נאר עפעס אן „לעבן", אן כוח. ערשט דאס שופר־בלאזן האט אים דערמאנט, וווּ ער איז אין דער וועלט... ער האט א קוש געטאן די מזוזה און איז אוועק אהיים.

---

אז ער איז אריין צו זיך אין שטוב, איז שוין מרים געווען האלב אנגעטאן. ער האט געזאגט „גוט מארגן" און זי האט אים שטיל און ברוגז, ווי אים האט זיך געדאכט, געענטפערט „גוט יאר". חיימל איז געשטאנען אנגעטאן, און האט גענומען ביים פאטער די תפילין און איז אוועק אין בית־המדרש.

מרים האט אראפגענומען פון קאסטן דאס פארשלאפענע קינד און איבערגעטראגן עס צו זיך אין בעט אריין. נאכהער האט זי גענומען די

פּאַטשיילע איבערן קאָפּ, און איבערלאָזנדיק דעם מאַן אין שטוב, איז זי אַוועק אין מאַרק אַרײַן. דאָרט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט נישט ווײַט פון די טישלעך מיט געבעקס. „נאָר באָרגן און באָרגן — טראַכט זי — פון אויפשטיין ביזן שלאָפן". עס איז איר שווער אַזוי באַגינען צו נעמען אויף באָרג. „זי געטרויט מיר אַפילו, אָבער אַזוי פרי! זי האָט נאָך אפשר קיין „פּאַטשאַנטעק" נישט געהאַט... און עס קומט איר שוין אַזוי אויך צוויי גילדן מיט צוועלף גראָשן". זי שטעלט זיך אָפּ נישט ווײַט פון טישל און קלערט: זאָל זי צוגיין, פילט זי, אַז דאָס בלוט פאַלט איר צו די פיס פאַר שרעק, טאָמער זאָגט מען איר אָפּ. און צוריק אַהיימגיין מיט ליידיקע הענט איז איר אַ ווײטיק... זיי (חיימל און דער מאַן) וועלן דאָך אַוועקגיין צו דער אַרבעט אומאיבערגעביסן. איידער זי האָט חעם ישוב, האָט זיך די בעקערין גראָד אומגעקערט און האָט זי דערזען — „וואָס שטייסטו דאָרט, מרים? קום אַהער!" האָט זי גערופן. מרים איז צוגעגאַנגען, שפּירנדיק, אַז אירע אויגן ציען זיך צו דער ערד. נאָר זי האָט זיך געשטאַרקט אָנצוקוקן די בעקערין אין פּנים אַרײַן. „גוט מאָרגן!". „גוט מאָרגן, גוט יאָר"! „איך האָב קיין האַרץ נישט געהאַט צו זאָגן אײַך"!... האָט מרים פאַרשעמט אַרויסגערעדט. „נו, נו, ס'שאַדט נישט!" —האָט די בעקערין געטרייסט — „זאָל דיר זוויל באַקומען. וואָלט איך אַזאַ דאגה געהאַט מיט די חובות ביי היגע שיינע באַלעבאָסטעס, ווי איך האָב אַ דאגה מיט דײַן חוב!"

מרימען איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. זי הייסט זיך אָפּוועגן צוויי פונט פּלעצלעך. „ווייסט, טאָכטערשי, וויפל עס איז שוין?" „יאָ, צוויי מיט צוועלף פון פריער, ערשט — פּערצן. איז שוין מיט זעקס און צוואַנציק" — האָט מרים באַרעכנט און איז אַוועק אַהיים.

---

אַ גליקלעכע איז מרים אַהיימגעקומען. אויף נאָטעס געזיכט האָט זיך אויך באַוויזן אַ שוואַכער שײַן פון אַ שמייכל, דערזעענדיק, אַז זי טראָגט עפּעס אין פאַרטעך. זי ציילט די פּלעצלעך אַרויס אויפן טיש און ער ווערט צוריק ערנסט און פאַרטראַכט: „זי האָט נישט פאַרמאָגט דערויף, ווייטער זיך דאָס פּנים פאַרשוואַרצט"... און ער פילט זיך זינדיק קעגן איר. ער האָט זיך געוואַשן און געזעצט צום טישל עסן. זי איז געזעסן אויפן בעט און קוקט אויף אים. זי זעט, ווי בלאַס, ווי „טויט" ער זעט אויס, און איר האַרץ גייט אָפּ און הערפּילט זיך מיט גרויס רחמנות אויף איר אויסגעמאַטערטן מאַן. ער דערשפּירט אירע רחמנותדיקע אויגן און טראַכט:

„אַ דימעט! זי קוקט נאָך אויף מיר אַזוי גוט... לאָ די, וואָס איך גיב איר נישט קיין געלט צו דער צייט און איר דאַרט דער קאָפּ אויף וויעטשערע, אויף אָנבייסן"... ער ענדיקט דאָס עסן מיט אַ זיפֿץ, בענטשט אָפּ און גייט צו דער אַרבעט.

ער האָט שוין געטראָפֿן אייניקע געזעלן ביי די וואַרשטאַטן. דער „גיכער פּיזול" האָט שוין געהאַט „פּאַרשנירעוועט אַ פּאָר צום קאָוועָן". נאַטע זעצט זיך צו, און נישט פֿיל שפּעטער איז אים חיימל געקומען צו הילף. אַ שווערער אָטעם ליגט אויף נאַטעס געזיכט. „וואָס זיצסטו עפּעס היינט אַזוי? — האָט פּיזול געפֿרעגט. „עט גאָרנישט!... סליחות־טעג... וואָס? טאַנצן זאָל איך? ענטפֿערט נאַטע, און אַ בליק צו טון צום פֿרעגער. דערווייל איז זעליג אָנגעקומען פֿון גאַס. נאַטע האָט געפּאַסט מוט און געבעטן עטלעכע רובל. זעליג האָט אים געגעבן דריי רובל. חיימלס אויגן האָבן אָנגעהויבן שטראַלן פֿאַר פֿרייד, ווען דער פֿאָטער האָט אים דערלאַנגט דאָס געלט, אַהיים צו טראָגן דער מוטער, און איז מיט אַ רוישעדיקן קלאַפּ אין טיר אַרויסגעפֿלויגן פֿון שטוב. נאַטע וויל זיך אויך פֿרייען, נאָר ער קאָן נישט. עפּעס פֿילט ער זיך נישט גוט. ער האָט דערפֿילט, ווי אַ קוויל אונטערן האַרץ און באַקומען אַ שרעקלעכע ווייטיק. פֿאַר די אויגן איז אים פֿינצטער געוואָרן, און די הענט האָבן אים אָנגעהויבן שטאַרק צו ציטערן. עס מאַכן זיך אים די אויגן צו און דער שטיזול פֿאַלט אים אַרויס פֿון דער האַנט: עס ווערט אים הייס אין אַלע גלידער. מיט אַלע קרעפֿטן עפֿנט ער די אויגן און וויל זיך אויפֿהייבן און אַרויסגיין זיך אָפּקילן אויף דער לופֿט. דאָרט וועט אים אויך גרינגער זיין צו אָטעמען; נאָר ער קאָן נישט. ער שפּירט, אַז ער וועט אומפֿאַלן, ווי ער וועט זיך נאָר רירן פֿון אָרט. פּיזול האָט עס באַמערקט און פֿרעגט, וואָס אים איז. „ס'איז מיר נישט גוט", ענטפֿערט ער מיט אַ קורצן, שטילן אָטעם און ווייזט אים, אַז עס קלעמט'ן אונטערן האַרץ. די חברים לויפֿן צו אים צו, מען האָט אים געוואָלט אָנלענען אויף זעליגס בעט, נאָר נאַטע גיט אַ ציטער, מען זאָל אים אַרויספֿירן אין דרויסן. מען טוט זיין ווילן, פּיזול נעמט'ן ביי איינער, נאָך אַ געזעל ביי דער צווייטער האַנט און מען פֿירט אים לאַנגזאַם אַרויס פֿאַר דער טיר. זיי האָבן אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיק, וואָס איז דאָרט געלעגן און ער האָט אוממעכטיק, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער וואַנט מיט אַ פּאַרשטיקט ברומען פֿון אַ פֿרעסנדיקער ווייטיק. „ס'איז דיר בעסער? — פֿרעגן די חברים. ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין"... און קען קוים אַרויסברענגען אַ שטיל געבעט, מען זאָל אים אָפּפֿירן אַהיים. פּיזול האָט געהייסן אַרויסדערלאַנגען פֿון שטוב די כאַלאַטלעך; זיי האָבן זיך און

נאָטעס אָנגעטאָן, און אַהיימגעפירט אונטער די הענט. נאָטע פילט זיך אַלץ שווערער און שווערער, די פיס האָבן זיך אים נאָר אוממעכטיק נאָכגעשלעפּט. פאַר דער טיר איז זיי מרים, וואָס האָט זיי דורכן פענצטער געזען, אַקעגן געלאָפן מיט אַ געשריי און פאַרבראָכענע הענט. נאָך איר — חיימל — „גאָט אין הימל!“ האָט זי פאַרצווייפלט אויסגעשריגן, וואָס איז מיט'ן געשען? ראַטעוועט, ראַטעוועט אַ מענטש! אַ טאַטן פון קליינע קינדער“. חיימל האָט ביטערלעך געוויינט און געקלאַפּט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ. „אַביסל וואַסער! „קאַלט וואַסער ברענגט אַרויס!“ האָט פּיקול געשריגן. חיימל האָט גיך אַרויסגעטראָגן אַ שעפּ וואַסער פון שטוב און מיט האַסט אַ גאָס געטאָן אויפן פּאַטערס געזיכט. דער פאַרחלשטער האָט געעפנט די אויגן און געגלאָצט אויף אַלע זייטן, נאָר ער האָט זיי באַלד צוריק צוגעמאַכט. שכנים זיינען דערווייל זיך צוזאַמענגעלאָפן, מער געשרייען, ווי עפּעס געטאָן. און עס האָט נישט געהאָלפן. מען פירט נאָטען אין שטוב אַריין, מען לייגט אים אויפן בעט, און פּיקול לויפט נאָך אַ דאָקטאָר. אין דער לופט פון קליינעם שטיבל, וואָס איז אָנגעפילט געוואָרן מיט מענטשן פון גאַס, האָט נאָטע דעם רעשט אָטעם פאַרלוירן. דאָס געוויין און געשריי ווערט העכער. דערויף קומט אָן דער דאָקטאָר, וואָס האָט שוין געטראָפן צוגעלייגטע וואַרעם־פלעשער און האָט זיי פאַרטוישט אויף הייסע קאָמפּרעסן. אויך האָט ער אַ רעצעפּט פאַרשריבן און איז אַוועקגעגאַנגען. נאָטע איז אַלץ כמעט ווי אָן אָטעם. מיט אַמאָל האָבן זיך אים הויך אויפגעריסן די ברעמען, די אויגן האָבן זיך פון קאָפּ אַרויסגעגלאָצט און איבערגעקערט זיך מיט די שוואַרצאַפּל אַרויף אונטערן שטערן. ער האָט אָנגעהויבן כאָרכלען: ער גוסס. מבינים זאָגן: קאַנוווּלסיע. מען האָט געכאַפּט אַן עחדענעם טאָפּ מיט אַ מולטער. די מולטער האָט מען אָנגעשפּאַרט אין קאָפּ־ברעטל פון נאָטעס בעט און גיך אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אין איר מיטן טאָפּ. די שאַרבן זיינען זיך צעפלויגן מיט רעש, און דאָס בעט האָט געציטערט. דאָס האָט געהייסן גבריאל טאָקער, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט לעבן נאָטעס בעט. אַ סגולה — זאָגט ער — פון בערדיטשעווער, זכרונו לברכה! נאָטע איז אַ ווײַלע געבליבן שטילער, נאָר נישט אויף לאַנג. באַלד האָט זיך אים דאָס געזיכט משונה אויסגעקרומט. זיינע אויגן האָבן ביי אים שאַרף און געשווינד אויפגעגלאָצט, ווי ביי אַ צאַנקענדיקן ליכט, און האָבן זיך באַלד צוריק פאַרשלאָסן... און עס האָט זיך צוריק געהערט דאָס כאָרכלען פון האַלדז.

— וואָס איז דאָס? פרעגט עמעץ.

— די טרויעריקע „כלי־זמר“ — ענטפערט פּיקול מיט אַ ביטער־

קייט אין דער שטימע: אַ פּאָר מאָל רייסט ער זיך און וואַרפט זיך, זוכנדיק לופט, ווי אַ פריש געפאַנגענע פישל זוכט וואַסער. דערנאָך אַ שטאַרקער און לעצטער כאָרכל... און נאָטען איז אויסגעגאַנגען די נשמה. מען האָט אָנ־געצונדן אַ ליכט, אַ ברכה געמאַכט און אַראָפּגעהויבן דעם טויטן אויף דר'ערד. די אַרויסגעשטויסענע מרים באַוויינט אים פאַר דער טיר. „לאָזט מיך!”, שרייט זי, לאָזט מיך נאָך איינמאָל אָנקוקן מיין מאַן, רייסט מיך נישט אַוועק פון אים. לאָזט אויך צו מיינע שוועלבעלעך, זאָלן זיי אים באַ־וויינען... קלאָגט אויף אייער בראָד”! — „קלאָגט, קלאָגט, יונגע יתומעלעך אויף אייער טאַטן!” זי האָט זיי געוויזן צום פענצטער אין שטוב אַריין: „דאָרט איז אייער געטרייער שפּיזער, אומגליקלעכע פייגעלעך...” חייקמל איז געשטאַנען ביי דער זייט און אַלץ געשלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט.

„זאָל שוין זיין גענוג”! האָבן אייניקע מאַנסלייט געשריגן. „נעמט זי אַוועק ווייטער, ווייט... מען טאָר נישט מצער זיין קיין טויטן”. מען האָט זי מיט געוואַלט אַוועקגעפירט צו אַ שכן. פייוול האָט אַ ווונק געטאָן צו צוויי פון זיינע חברים. — „קומט צו זעליגן, מען מוז נעמען עטלעכע רובל אויף תכריכים”. האָט ער זיי געזאָגט, און אַלע דריי זיינען אַרויס פון שטוב.

---

זעליגס באַלעבאָסטע האָט שוין דערהערט געוווסט און איז זיי אַקעגן געלאָפן, קלאָגנדיק און מיט פאַרבראָכענע הענט: „אָך אומגליק, אַזאַ אומ־געריכטער חורבן, קינדער קרוין! וואָס זאָל איך זאָגן! דער פינצ־טערער „ונתנה תוקף! נאָך פאַראיאָרן אָנגעהתמעט געוואָרן!”

„ווו איז זעליג? האָט פייוול איבערגעריסן די קלאָג. זי ווישט זיך אויס די אויגן און ענטפערט טרוקן און באַליידיקט, אַז ער וועט באַלד קומען: „זעצט איך!” זעליג איז אויך באַלד געקומען און האָט, צוגייענדיק צו זיי, געפרעגט: „איר זענט שוין געווען ביי דעם גבאי פון חברה קדישא”? „ניין, — האָט פייוול געענטפערט — מען דאַרף געלט אויף תכריכים, כאָטש אַ רובל זעקס, און איר מוזט די טובה טאָן און געבן”. זעליג האָט פייוולען אַ צייכן געגעבן, אַז ער זאָל נישט ריידן אַזוי הויך פאַרן וויב, עס איז אָבער שוין צו שפּעט געווען. זי גיט אַ צי ביים אַרבל. זי וויל אים עפּעס זאָגן אין א זייט. ער מאַכט זיך נישט הערנדיק, גיט פייוולען זעקס

ריבל. פּיזול מיט די חברים גייען אַרויס. דעמלט ערשט פרעגט ער, וואָס זי וויל אים זאָגן?

— ווער וועט אָפּאַרבעטן דאָס געלט? פרעגט זי צאַרניק, „דיר חלומט זיך, אַז נאָטע לעבט נאָך?..." „נישט דיין דאגה!" — ענטפערט ער. און גיט צו:

חיימל וועט אָפּאַרבעטן, דור הולך ודור בא!

# צום איידעם אויף קעסט

מנחם „שוויגער״, אזוי פלעגט מען אים רופן, ארבעט ביי יענעם פון אינדערפרי ביז אויף דער נאכט. ווען ער קומט אריין, גייענדיק אויף אנ־בייסן צו זיך אויפן הייפל, פלעגט ער שוין נאך הינטער דער טיר דערקע־נען, צי איז זיין פריידע אין שטוב, צי נישט. אז זי איז געווען, פלעגט זי זיצן פאר דער טיר, אנגעטאן אין א פאר געלע מעשענע ברילן, פארלייגט איבער די אויערן, און פלעגט פאריבטן לאטען, אדער שיילן קארטאפלעס, מיט אן אראפגעלאזט, איינגעשרומפט פנים. דאס רוב אבער פלעגט איר דאס מיאוס ווערן, און זי פלעגט זיך דורכגיין א ווייל צו א שכן. דעמלט פלעגט מנחם אליין אריינקומען אין זיין שטיבל, גאר נישט זיך מאכן וויסנ־דיק, שלעפט ארויס דאס טעפל פון אש אויפן קוימען, גיסט זיך אליין איין אין א שיסל, וואס אין טעפל איז געווען, און זעצט זיך עסן אנבייסן. ער פלעגט זיך זעצן אנטקעגן דעם קליינעם פענצטערל מיט די טונקל פאר־באנגענע שויבן ביי דעם רויט־געפארבטן טישל, איינגעטיפט מיט די בליקן אין שיסל און געשאמשעט, קוים, קוים, וואס דאס שווארצע ציגענע בערדל מיט דער שפיציק אויסגעצויגענער געמבע האבן זיך גערירט. דער־ביי פלעגט ער אפילו נישט באמערקן, ווי די צוויי געלע בעטן, לענג אויס ביי דער וואנט, שטייען נאך נישט אויפגעבעט, ווי אויף דעם קעסטל אונ־טערן חנוכה־לעמפל איז אנגעווארפן דאס ברודיקע גרעט, וואס בלייבט זיך טונקל ברודיק, ווי קרענקלעכע פנימער פון א טונקל ווינקל ארויס — און ווי אויף דער באנק פארן באק־אויוון שטייט נאך אנגעשטעלט די דיניצע מיט נאך אנדערע געפעס, נישט אפגעוואשן נאך פון שבת, און די לאנגע העלצער, וואס האבן פון אונטערן סופיט ארויסגעשטארט, אראפ־קוקנדיק פון אויבן צום פענצטערל, ווי דארע אויסגעשטרעקטע הענט,

וואָס בעטן זיך רחמים צום שטיקל הימל, וואָס בליקט זיך אַריין דורכן פענצטערל. דאָס אָפּענע מויל פון שוואַרצן באַק־אויוון פלעגט נאָך מורא־דיקער מאַכן דאָס שטיבל. נאָר מנחמען פלעגט דאָס נישט אַרן, ער פלעגט זיך זעצן אָפּעסן און אומקגיין צוריק צו דער אַרבעט.

אויף דער שוועל ערשט פלעגט ער זיך באַגעגענען מיט זיין פריידן. יענע פלעגט אויף אים א קוק טאָן, בשעת מעשה אַרויסגעשלעפּט א שפּיזל פון זאַק, פאַרזעצט אים צו זיך אונטערן אויער, און א פרעג טאָן:

— שוין?

— שוין... — פלעגט איר מנחם ענטפערן, אַרויסשטופּנדיק זיך פון דער טיר.

זי פלעגט אים ווייטער באַרופן:

— שטיי נאָר א רגע.

ער פלעגט זיך אומקוקן און שווייגן.

— אַ טאַטע דאָס איז — פלעגט זי צעשאָקלען מיטן קאָפּ — ער פרעגט זיך אפילו נישט, ווו די טאָכטער איז...

— איך ווייס, ס'איז מיין דאגה — פלעגט ער אָפּענטפערן.

— ביים טייך ליגט זי דאָך פון באַגינען אָן — פאַטשיילקעלעך מיט נאָך דאָרט איריע שמאָכטעס איז זי געגאַנגען אויסוואַשן.

און מנחם פלעגט שטיין מיט א שאלה'אין די אויגן, ווי איינער רעדט — „נו, איז וואָס?".

— טאָמער זעסטו זי דאָרט — פלעגט זי אים אָנזאָגן — שיק זי אַהיים כאָטש עסן...

מנחם פלעגט איר צושאָקלען מיטן קאָפּ און אַוועקגיין.

שבת האָט ער מער צייט.

ער דאַוונט ביים ערשטן מנין, און פריקהע ביי דעם צווייטן און פאַרציט נאָך א שטיק אין דריטן, ביז צו דער ערשטער קדושה.

העמלט איז דאָס מידל זיינס אויך נישטאָ אינדערהיים — ביי א חברטאָרן מוז זי אוודאי זיין. און ער, מנחם, כאַפּט זיך דורך פון הייפל דורכן הויז אין דער גאַס אַריין, און שטעלט זיך וואַרעמען אויף חער זון.

די גאַס איז שבתדיק, פאַר די שטיבער איז אויסגעקערט, בערגעלעך מיסט ליגן אין מיטן חער גאַס, און ווייבער מיט רוישנדיקע ויידענע קליידער, און מענער אין די טובענע קאַפּאָטעס, מיט שבתדיקע אויפגעשטעלטע היטלעך און די טליתים אונטער די אָרעמס גייען שוין צוריק פון שול.

מנחם קוקט דעמאָלט צווישן אַלע קרעגצלעך וויבער, ער וואָלט שוין גערן דערלעבט פריידען צו זען פאַר די אויגן. דאָס געזיכט קאַרטשעט זיך אים פאַר הונגער, נאָר זי קומט נישט.

— מנחם — פרעגט אַ שכן, וואָס שטייט ביי דעם צווייטן הויז — וועמען קוקסטו אַזוי אויס?

— זי... פריידען... — ענטפערט מנחם. און די אויגן קריגן דעמאָלט אַזאַ פאַרלאָפענעם פייכטן גלאַנץ, אַז ס'איז אַ גאַנצע רחמנות.

— און האָסט נאָך נישט געגעסן?... — פרעגט ווייטער יענער, וואָס קוקט אויך אַלע מינוט אויפגערעגט אין גאַס אַריין.

מנחם וויל זיך אַזש צעוויינען.

אַזוי, אַזוי — רעדט יענער ווייטער — פירן זיך די ווייבער, ביי אַלע קדושות מוזן זיי אויס זיין, און די היים האָט מען אין דר'ערד...

נאָר מנחם הערט אים שוין נישט, גייט זיך צוריק אַוועק צו זיך אין שטיבל, אפשר וועט ער כאַטש געפינען אַ לעפל קאַלטע פאַרפל פון נעכטן, אַ פאָר פלוימען, כאָטש, אַ פאָר יענגאַלקעס, דעם הונגער צו שטילן.

דערפאַר גיט אים פריידע שפּעטער אַ קוגל מיט אייל, און ער עסט זיך שוין אָן איינמאָל פאַר אַלעמאָל.

שלוש סעודות איז שוין נישט פון די גרויסע זאַכן, דעמאָלט איז נאָר אָבי טועם צו זיין, אָבי אַ כזית.

און ביי דעם כזית דערמאָנט מען זיך אַ ניגונדל פון אַ רבין, וואָס איז אַמאָל דאָ דורכגעפאָרן... און מנחמען ציט דאָס ניגונדל ווי אַ מאַגנעט. אין שטוב איז פינצטערלעך. אַ געלער, בלייכער שיין שלאָגט נאָך קוים אַריין דורך דעם קליינעם פענצטערל. און מנחם זיצט, דער אונטערשטער טייל איינגעהאַנצן פאַרזונקען אין פינצטערניש, נאָר וואָס דער קאָפּ שטאַרט אַרויס קעגנאיבער דעם פענצטערל און ער זינגט זיך זיין וועגס.

דאָס ווייב מיט דער טאָכטער זיצן דעמאָלט אויפן בעט הינטער זיינע פּלייצעס, פאַרשטעלט שוין אין דער פינצטערניש. נאָר וואָס די געזיכטער בלייבן זיך אַרויס פון דער טונקלקייט. זיי הערן זיך איין, און דאָס ניגונדל איז זיי שוין אַזוי גוט באַקאַנט, אַז נישט ווילנדיק חזרן זיי עס אַליין נאָך אין געדאַנק שטילערהייט.

ווען דאָס ניגונדל הערט אויף צוזאַמען מיט די לעצטע ווערטער פון „אתקינו סעודתא", שוועבט נאָך לאַנג אַרום אין דער הוילער פינצטערניש דער אָפּקלאַנג פון אַ זשומען, ווי פון אַ געפּייניקטער פליג, וואָס האָט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל אומטערן סתּים פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ פון שפּינ־וועבס און צאַפּלט זיך און ראַנגלט זיך דאָרט יעמערלעך קלאָגנדיק.

אז ער האָט אָפּגעבענטשט, שטייט ער אויף, קוקט דורך דעם פענצ־טערל מיט אַזוינע שטילע טרויעריקע בליקן, ווי הער שטערן, וואָס האָט זיך שוין אויפן הימל באַוויזן.

באַלד גייט ער אַוועק אין בית המדרש.

פריידע בלייבט פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען, זי האָט א מיידל שוין ליגן גלייך און דער טאַטע אירער מאַכט זיך גאָר נישט וויסן...

נאָר איינמאָל, ווען זי האָט שוין א לאַנגע צייט, נאָכט ביי נאַכט, נישט געקאָנט קיין אויג צו טאָן, האָט זי אים אָנגעטאַפּט.

— מנחם, וואָס וועט זיין דער סוף?... האָסט שוין א מיידל, קיין עין הרע, א שידוך צו טאָן — און וואָס זאָגסטו?

מנחם האָט געוויינלעך געשוויגן און זי האָט אים ווייטער דערציילט:

— דער בחור, — וואָס איז געבליבן נאָך אברהמען, עליו השלום — א ווילער בחור... די מוטער זיינע, אסתר, האָט מיך דאָ אָנגעכאַפּט און דערציילט מיר, וואָס פאַר א גוט קינד ער איז. ס׳איז דאָך גלאַט א ציקרונג פאַר א מאַמען... מען האָט געמיינט, אז נאָך אברהמס טויט מעג זי זיך אויך באַגראָבן לעבעדיקערהייט — צום סוף... דער בחור איז א ווילער בחור... שפּייזט זי, קליידט זי, שוכט זי, כלעבן, ער האָט היי־יאָר פאַרדינט שיין געלט אין א גאָרטן, א גאָרטן האָט ער געהאַלטן — און וואָס פעלט אים, כ׳לעבן! ... און ווידער אַן אייגן הייזל האָט ער דאָך, אויך זיין ירושה...

— מילא... ווי דו פאַרשטייסט... — האָט מנחם געענטפערט און צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ.

האָט גאָט געהאָלפן, עס איז געקומען א שבת נאָכן שלאָף: האָט זיך אויף דער שוועל פון דעם קליינעם שטיבל באַוויזן א מחותנתטע אין א שוואַרץ קאַזשמיר קלייד מיט א ברוין טיכעלע אויף די אַקסלען און א קופּקע מיט ציטער־שפּילקעס אויפן קאָפּ. זי האָט זיך שמייכלענדיק אַריינ־געשטופּט אין דער אָפענער טיר. און נאָך איר איז נאָכגעגאַנגען אַן אויס־געפּוצטער חתן א שטילער, מיט איין האַנט, צופּנדיק זיך ביי דעם קוים אויסגעשפּראָצטן וואָנצעלע אויף דער איבערשטער ליפּ, און שאַרט זיך נאָך נאָך דער מוטער, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט קיין צוויי ציילן.

— גוט שבת, גוט שבת! — האָט די מחותנתטע אויפריכטיק גע־שאָקלט מיטן קאָפּ, ס׳הייסט, ווי דאָס בין איך, און דאָס איז מיין זון.

— גוט שבת, גוט שבת — האָט אויך פריידע גוטהאַרציק געענט־פערט. און יוכבהל, די כלה, האָט זיך פאַרשעמט און געדרייטלט זיך אויף די באַקן, וואַרפנדיק א צעמישטן בליק אויף דער מחותנתטע און אויף דעם חתן. און אַראָפּלאָזנדיק די אויגן אויף דעם בודעם, האָט זי עפּעס געצופּט מיט די קלאָרע פינגערלעך און געגלייכט זיך דאָס פאַרטעכל.

— שעם דיך נישט, כלה... — האָט זיך די מחותנתטע א געלעכטערל געמאכט, אזוש דער חתן האָט די אויגן אראָפּגעלאָזט, און די ברוינע באַקן האָבן זיך אים פאַרשעמט. יוכבדלס ליכטיק געשטאַלט, אַ פּנים ווי אַ שיסל מיט צווי גרויסע קאַרשן־אויגן איז אים אנטקעגן געשטאַנען און פאַר זײַנע אויגן האָט געציטערט דאָס ראָזע בלוזקעלע איבער איר פולן בוזעם.

— זיץ, זיי זשע מוחל, אסתר... — האָט פריידע אזוי זיך גוטמוטיק געבעטן, און יוכבדלס ברוסט האָט אויך אזוי גוטמוטיק צאַפּלענדיק באַוויגן און געבעטן זיך — „זיצט, מחותנתטע, זיצט"...

— נישט קשה... — האָט אסתר געענטפערט, און מיט א שמייכעלע אויפן געזיכט אַנגעהויבן זיך נענטער צו צושאַרן צו דער ליבער כלה. און דער אויסגעפּוצטער חתן האָט אויך אַזוי שטיל, אַזוי בגנבותדיק צוגעוואָרפן א בליק אויף יוכבדלען און אין זיך אזוי שטיל, אזוי האַרצנדיק געבעטן „שעם דיך נישט, יוכבדל... די מאַמע וועט דיר גאָרנישט טאָן... די מאַמע האָט דיך ליב"...

און יוכבדל האָט זיך שעמעדיק אַ לאָק אונטערן אויער אַרונטערגעמאַכט און באַלד זיך פון שטוב ארויסגעשאַרט, געלאָזן, פאַמעלעך, גלאַט אזוי זיך...

— זי שעמט זיך... האָט די מוטער שטראַלנדיק מיט די אויגן געגעבן אסתרן צו מערקן.

און אסתר האָט איר אין דער אָפענער טיר נאָכגעקוקט מיט א ליבן שמייכל און נישט געקאָנט די אויגן אָפּרייסן, און ווען זי זאָל נישט קיין מורא האָבן, אז פריידע זאָל זיך נישט צו פיל איבערנעמען, וואָלט זי איר אין אײַן אויער אַרײַן אײַנגערוימט, וואָס פאַר א כשר קינד זי האָט... און אז זי איז עס טאַקע גאָרנישט ווערט...

— וווּ איז עס דײַן מאַן?... — האָט זיך אסתר ערשט אַרומגעקוקט.

— ער? האָט פריידע פאַרצויגן דאָס פּיסקעלע — די גוטע יאָר וויסן אים... אזוי ווי א מאַנספּערשוין... נישט זײַן דאגה, נישט זײַן עסק... — און קעגן וואָס, אסתרשי, פרעגסטו דיך?...

— גלאַט אזוי זיך... — האָט אסתר אָפּגעענטפערט און אויך פאַרצויגן דאָס שנאָבעלע.

— איך האָב געמיינט, ווילסט עפּעס שמועסן...

— טאַקע שמועסן...

— און וואָס ביך איך, חלילה... און דו, הלילה... עס פעלט אונדז א שטיקל מויל, מען דאַרף אונדז, חלילה, די צינגלעך האַקן?

— נייך חלילה... — האָט אסתר געענטפערט און אָפּגערופן דעם זון אין ווינקל אַרייַן אויף אַ סוד...

— נעם, מאַך, טו!... — האָט דער זון איר אַ זאָג געטאָן — און פאַר־טיק אָן עסק!...

ער האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל נישט זיין קיין יידענע... און נישט שטעלן זיך אויף קיין נדן, אויף קיין מתנות, און נישט אָפּליגן די חתונה אויף אַ לאַנגן טערמין איינס און צוויי, און פאַרטיק!...

און דערביי האָבן די פולע ליפּן געדאַרשט און געברענט און די ברויגלעכע באַקן געגליט.

— איינס און צוויי!... — האָט ער נאָך אַמאָל דער מוטער אָנגעזאָגט און איז אַרויס פון שטוב, איבערלאָזנדיק ביידע ווייבער — „שמועסט אייך, טוט אייך, וואָס איר ווילט"... און ער איז געלאָפן זען, ווו יוסבדל איז ערגעץ... און וואָס זי האָט זיך אַזוי צו שעמען.

הערנאָך איז געווען חתונה. אַ שכן האָט אַ שטוב אויסגעקאַלכט, אנט־ליען ביי נאָך שכנים טישן, אויפגעהאָנגען דעם בית־המדרש־לאָמפּ, און פרייַדע האָט אויף איר שטיבל אָנגעהאָנגען אַ שלעסל און גערופן מנחמלען אויף חתונה.

איז געווען אַ חתונה, האָט מען געהוליעט ביז טאָג.

נאָך דעם מצוה־טענצל, אין דרויסן האָט שוין געבלויט, פרייַדע מיט אסתרן און נאָך אַ קופּע מחותנתטעס זיינען שוין געהאַט פאַרפאַלן גע־וואָרן מיט דער כלה מיטן שלייער און דער חתן דאַסגלייכן — האָט זיך אין שטוב ערשט אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. עס האָט זיך אַ פריש פלעשל בראָנפן איין און אויפגעהויבענער האָנט איבער אַלעמענס קעפּ באַוויזן און מיט אַ הייזעריק זינגענדיק קול, האָט יענער אַ „לחיים, ברידער" געמאַכט, און דאָס העלדזל פון פלעשל צו זיך אין מויל אַרייַן אַראָפּגעלאָזט. דעמאָלט האָבן זיך אויפגעכאַפּט די בויגענעס אין די פאַרשלאָפענע קלעזמאָרימס הענט, וואָס האָבן ביז אַהער געקראַצט, ווי פּרענטן איבער לאַהנס וואַלטן זיך גערייבן — און דער עולם האָט זיך אויף דאָס ניי אַ לוסטיק טענצל געהייסן מאַכן.

אַ ברייטלעכן יידל, מיט אַ געל בערדל, אַ לוסטיקס, מיט לויפנדיקע אייגעלעך האָט זיך פאַרגלוסט אַ קיבעל וואַסער איבערצוקערן אויף דער פאָדלאָגע, און לעבעדיק, און לעבעדיק! — האָט ער מיט דעם קעפּל קעגנ־איבער די קלעזמאָרים געדרייט, די אַרבל פאַרוואַרצט, דעם דאַשעק פאַ־רוקט און מיט די פאָלעס אין די הענט האָט ער איינעם וואַסער אַ טענצל געמאַכט. דער עולם האָט זיך אין אַ רעדל אַרומגעכאַפּט. הענט איבער

אָרעמס און קעפּ צו קעפּ האָבן זיך אין א טענצל געהויבן, און דער לאָמפּ אונטערן סופיט האָט אַזש א שטויס געקראָגן און צעשאָקלט זיך מיט א גערויש. מנחמען האָט מען פון א ווינקל ארויסגעשלעפּט און אין רעדל אריינגעכאַפּט און געהויבן אים א טענצל. מען האָט אין אים א גלעזל אריינגעוואָרפן, מען האָט געמיינט, אז דאָס וועט העלפן, צום סוף איז ער איינגאַנצן שוין איבער די פיס געפאַלן, א מידער, א פארסאָפּעטער, ביז מען האָט אים צוריק אָפּגעלאָזט. דעמולט האָט ער זיך פון עולם אָפּגעגנבעט און אַוועק צו זיך אויפן הייפל. די טיר איז פאַרשלאָסן, האָט ער זיך אָנגעלענט אויף א קויש פון היינער, וואָס איז אין ווינקל פון הויף געשטאַנען. פונדערווייטנס האָבן זיך געטראָגן אָפּגעריסענע, צעהאַקטע טענער פון די פידלען, און מנחם איז געלעגן שוין און געדרעמלט. נאָר איין מחשבה האָט זיך געוואַלגערט נאָך אין מוח: דאָס שלעסל, וואָס הענגט אויף דער טיר, און פריידע מיט דעם שליסעלע, ביז ער איז איינגעשלאָפן, איינגעטוליעט אויף א זייט און די האַנט אונטער צוקאָפּנס.

ווען פריידע איז אהיימגעקומען, פאַר גאָט און פאַר לייט יוצא געווען, האָט זי א פאַרטיפטע אין אירע געדאַנקען דאָס שטיבל אויפגעשלאָסן, און אַליין אין אירע פיר ווינקעלעך גאָט געדאַנקט פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט איר געגעבן אויסגעהערט, אז זי זאָל נישט פאַרשעמט ווערן, לייט זאָלן איר נישט האָבן די אויגן אויסגעשטעכן. „א מאַמע דאָס איז, מען האָט אַזא דערוואַקסענע בתולה און מען מאַכט זיך אַזוי גאַרנישט וויסן"... שטיל האָט זי גאָט געדאַנקט, שטיל זיך אויסגעטאָן און איינגעשלאָפן מיט אַלע אירע מידע געדאַנקען אָנגעזאַפּט מיט קולות און געשרייען, וואָס האָבן זיך אויף איר מוח ערשט ווי אַ נעפּל צעגאָסן.

ווען די זון האָט זיך איבערן דאַך דערהויבן, דעם ווינקל־הויף באַלויכטן און מנחמען אין פּנים אַריינגעקוקט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו דרייען פון איין זייט אויף דער אַנדערער, און וואָס העכער די זון האָט זיך געשטעלט איבער אים, צעגיסנדיק א העלע ליכטיקייט ארום און ארום, אַלץ אומרויקער איז זיין פאַרחלשט פּנים און די פאַרמאַכטע ברעמען געוואָרן, און איינציקווייז, פאַרשלאָפן, האָט ער פון זיך פריער די קאַפּאָטע, דערנאָך די שטיוול אַראָפּגעשלעפּט. אויפן קויש אויסגעשפּרייט און צוקאָפּנס אונטערגעלייגט, צוריק אנידערפאַלנדיק, ווי אַשטייך און געשנאָרכט מיט א שווערן אָטעם, מיט א הויבנדיקער ברוסט אויף און אָפּ.

פריידע איז פריער אויפגעשטאַנען פון אים. ווען זי איז ארויס פון שטוב אָנצוקוקן דעם ליכטיקן טאָג, האָט זי אויך דעם מאַן דערזען אין ווינקל אויפן קויש, באָרוועס, אָן דער קאַפּאָטע און דאָס היטל פון קאָפּ אַראָפּ־

געוואָרפֿן. „אַ מחותּן ביי לייט”... האָט זי זיך געטראַכט, צוגייענדיק נענ־טער און איינגעקוקט זיך אין זיין שלאָפֿנדיק געזיכט.

זי האָט אים באַטראַכט פֿון אויבן ביז אַראָפּ. פֿון געזיכט, וואָס איז געלעגן אַנטקעגן דער זון, האָט געשלאָגן אַ היץ. אַ הייסער געשטיקטער אָטעם האָט זיך געפֿילט איבער אים, אַזוי מיד, אַזוי דערשלאָגן, און דאָס האַרץ האָט זיך געהאַלטן אין איין הייבן. עפּעס איז איר דער שלאָף נישט געפֿעלן, און זי האָט זיך מיט די אויגן אין זיין קערפּער איינגעטיפּט. באַלד האָט אַן אומרויקייט אָנגעהויבן צו קוקן אויף איר געזיכט. די פּיס, דאַכט זיך איר, זיינען געשוואָלן, גראָב און גלאַנצנדיק... ווו קומט צו אים אַזוינע גראָבע פּיס!... האָט זיך אַ געדאַנק אין איר מוח אויפֿגעריסן, און דאָס געזיכט און דער שטערן האָט זיך אָנגעהויבן צו רונצלען.

— הער נאָר, הער נאָר... — האָט זי אים אָנגעהויבן שטיל צו וועקן און צו רודערן ביי אַן עלנבויגן, וואָס האָט פֿון קויש אַראָפּגעשטאַרט.

נאָר ער איז פֿאַרשלאָפֿן געווען.

זי האָט אים קוים דערוועקט. און דעמאָלט האָט ער זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן און אָנגעקוקט זי מיט צעמישטע בליקן אין די אויסגעגלאָצטע אויגן.

— וואָס ליגסטו אַזוי קעגן דער זון? — האָט איר קול שוין געקלונ־גען אָנגעזאַפּט פֿון ביטערקייט.

ער האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעקליבן פֿון קויש, געקנייטשט זיך, אויס־געגלייכט און געצויגן, ווי ער וואָלט זיך נישט געפֿילט, אָדער קיין גאַנץ אָבער נישט געהאַט. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט גיין נאָך פֿריידען אין שטוב אַריין, מיטטראָגנדיק די קאַפּאָטע אונטער איין אָרעם און די שטיוול אונטערן אַנדערן אָרעם.

אין שטוב האָט זיך פֿריידע אַביסל באַרויקט. זי האָט געזען, ווי ער טוט זיך אָן, וואַשט זיך, געזונט ווי אַלע מאָל, האָט זי נישט געפֿרעגט וועגן קיין זאַך און ער האָט איר נישט דערציילט.

עס פֿלעגט אויך געבן, אַז אין שטוב איז שטיל, פֿריידע זיצט פֿאַר־טראַכט, אַ שווערער אַנגסט ליגט איר אויפֿן געקנייטשטן געזיכט און פּלוצלינג הייבט זי אויף אויף אים אַזאַ שטילן ליידנדן בליק, אַז אים מנחמען, דאַכט זיך דעמאָלט, אַז זי ווייסט, ווייסט פֿון אַלץ... נאָר פֿרעגן אָדער אויסזאָגן, שרעקן זיי זיך איינס פֿאַר דעם אַנדערן.

אין דער שטיל פֿלעגט ער ליידן, דאָס רוב אויף דער נאַכט נאָך דער אַרבעט. שווער ווי אַ שטיין ליגט ער זיך פֿילן. און, אַז פֿריידע פֿלעגט אים נאָך הייסן אונטערפֿירן די קינדער אַהיים, ווייל די שבע ברכות

זיבן געווען אין שטאָט און דעם חתנס הייזל איז הינטער דער שטאָט — דעמלט ערשט פלעגט ער פילן, אַז ס'איז זיין עק...

— טאַטע... — האָט אים איינמאָל די טאָכטער געפרעגט, בשעת ער האָט זיי אונטערגעפירט אַהיים — טאַטע... וואָס סאָפּעסטו אַזוי?...

— ווער, איך?... גאָרנישט... האָט ער געענטפערט און ווייטער געגאַנגען, ווייטער געסאָפּעט, הייבנדיק יעדן פוס, וואָס איז געווען שווער ווי אַ קלאָץ.

— שוין, טאַטע... עס וועט שוין זיין גענוג אונטערגעפירט, גיי שוין אַהיים — האָט אים די טאָכטער געבעטן.

— שוין, שווער... — האָט דער איידעם אויך געבעטן — עס לייכט זיך שוין אַרויס אונדזער הייזל, אָט דאָס פענצטערל...

מנחם האָט די אויגן אויפגעהויבן, געקוקט און פאַרשטיינערט אויף דעם באַלויכטענעם פענצטערל, וואָס האָט ווייט פון דער פינצטערער נאַכט אַרויסגעשיינט. דערנאָך האָט ער זיך געזעגנט, געווונטשן אַ גוטע נאַכט די קינדער און פאַמעלעך געלאָזט זיך גיין צוריק צו דער ווייטער שוואַרצער קופּע דעכער, איינס הינטערן צווייטן, מיט די רויט אויפגעפלאַמטע פענצטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט ווי פלאַמענדיקע אויגן אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין.

דער הימל איז געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בליי, פאַרשטיינערט אין אַ נאַכט־קאַליר. איבער דער ערד און קעגן די ליכטיקע אַרויסשיינענדיקע זיילן פון די פענצטער האָט זיך אַ געדיכטער נעפּל געוויקלט. און מנחם, פאַרזונקען אין אים, האָט זי זיך שווער געשלעפּט אויף דעם זאַמדיק־נאַסן וועג, און דאָס שווערע אָטעמען זיינס האָט זיך אין דער שטילער נאַכט אָפּגעגעבן, ווי דאָס סאָפּען פון אַ פערד ערגעץ פון דער ווייטער נאַכט אַרויס.

און קוים האָט ער זיך אַהיים דערשלעפּט, האָט ער פרייִדען געהייסן זיך גלייך מאַכן דאָס בעט און געלייגט זיך שלאָפן. אונטערן איבערבעט האָט ער זיך געפּרוווט מיט די הענט ביי די זייטן. זיי זיבנען אַזוי גראָב אויסגעפּאַשעט, אַז דאָס לייב איז אים געוואָרן ווי אַ פּאַנצער, און ער פילט עס שוין, דאַכט זיך, גאָרנישט... און גאָר צוזעענדיק איז עס אַזוי געוואָרן... ער פלעגט אויך באַמערקן אַלע איבערפרי, ווי די הויזן ווערן אים וואָס אַמאָל ענגער, ווי זיי ליגן אים שוין צו ווי אַ פלאַסטער אויפן לייב. ביי די שטיוול אָנטאָן פלעגט ער זיך אָפּרוען דריי מאָל, און די קאָפּאָטע קאָן ער זיך שוין באַלד אויך נישט צוקנעפּלען. נאָר דערציילן טאָר ער נישט. זאָל זיך נאָר מענטשן דערוויסן, און מען וועט אים שוין קיין שעה לעבן נישט וועלן געטרויען... אפילו די באַלעבאָסטע וועט אויך מורא

האָבן, אַז זי וועט שוין נישט האָבן ביי וועמען קיין דירה־געלט צו מאָנען.

נאָר, אַז ער האָט נישט דערציילט, האָט מען עס אים דערציילט.

אין איין פרימאָרגן, ווען ער איז צו דער אַרבעט געקומען, איז ר׳ מאָטל דער פאַבריקאַנט געשטאַנען אין מיטן הויף, מיט איין פוס פאָרויס, דעם דאַשעק פאָרויס, די הענט ביי די זייטן מיט אויסגעשטעלטע עלנ־בויגנס און האָט געקוקט, ווי די אַרבעט גייט. טייל אַרבעטער האָבן גע־זעגט, געשניצט, נאָך אַנדערע האָבן קלעפּקעס אויפגעשטעלט צום טרי־קענען און דערנאָך פאַסאַדסקעס צו שניידן. מנחם האָט שוין געוואָלט די קאַפּאָטע פון זיך אַראָפּוואַרפן און אויך נעמען עפּעס טאָן, איז צו אים צו־געקומען ר׳ מאָטל, אַ קוק געטאָן אים אין די אויגן אַריין און געזאָגט:

— מנחם, דו ביסט, דאַכט זיך מיר, קראַנק?...

מנחם איז דערשראָקן געוואָרן, געשטאַנען אַ ווײַלע אָן לשון, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און די קאַפּאָטע שוין העלפט אויף די אַקסלען.

— נו, וואָס קלערסטו? — האָט ר׳ מאָטל ווייטער גענערעגט — ביסט דאָך קראַנק!... די אַרבעטער האָבן דאָך מיר דערציילט.

מנחם האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ:

— איך קאָן אַרבעטן, איך קאָן!... האָט ער זיך פאַרענטפערט.

— לאָז נאָר — האָט ר׳ מאָטל אים אָפּגעמאָסטן מיט די בליקן פון אויבן ביז אַראָפּ — וואָס ביסטו עפּעס אַזוי אויסגעפּאַשעט?...

מנחם האָט דערפילט, ווי אַן עקבער וואָלט אים אין האַרץ אַריינ־געקראָכן. אַ היץ האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין געזיכט, טראָפּן שווייס האָבן אָנגעהויבן אַרויסקומען אויפן שטערן.

— גיי זשע, מנחם, אַהיים... — האָט אים ר׳ מאָטל שוין גוטמוטיק געזאָגט — איך זע, דו ביסט קראַנק...

מנחם האָט צוריק אַרויפגעהויבן די קאַפּאָטע איבער די אַקסלען און אָפּגעקערט זיך מיט אַ ברוגזדיק פּנים. ער ווייסט, אַז ר׳ מאָטל איז אים נישט געטריי, און וואָס ער איז אויסן. און דאָס האַרץ האָט אים זייער וויי געטאָן.

ער האָט זיך שוין אפילו נישט געוואָלט באַגעגענען מיט די איבעריקע אַרבעטער, גלייך ער וואָלט אַ גנבה געטאָן, און שטיל, ווי קיינמאָל גאָרנישט, האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרויסצושאַרן פון הויף.

— זעסטו, מנחם — האָט ר׳ מאָטל געטענהט אונטערפירנדיק אים — עס דאַרף דיך נישט פאַרדריסן — אַ מענטש טאָר זיך נישט אַריינפירן אין קיין קרענק... איך בין דיר, חלילה, נישט קיין שונא... האָסט דאָך אַ סימן. מיר קומט דאָך פון דיר עטלעכע קערבלעך, וואָס איך האָב דיר אויסגעלייגט

צו דער טאָכטערס חתונה... נו, וואָלט איך דען נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיי מיר אָפּאַרבעטן?...

מנחם האָט געשוויגן און איז אַוועק אַהיים אַ צעבראָכענער, אַ פאַר־ביטערטער.

פריידע איז געזעסן ביים פענצטער און געשטריקט אַ זאָק. זייער ביי־דנס בליקן האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ רעטעניש אין די אויגן.

ער האָט זיך צוגעשאַרט צום קעסטל צו און געזעצט זיך.

אין שטוב איז שטיל געווען. אַ פאַרבאָרגענע שטילקייט האָט זיך צווישן מאַן און ווייב אַרומגעטראָגן, און ביידע האָבן מורא געהאַט די אויגן אויפצוהייבן.

ער איז קראַנק...

זי האָט זיך געריכט דערויף נאָך יענע וואָך. זי זעט ווי ברוין און בלוי ער גייט אַרום... ער מיינט, אַז קיינער איז קיין מבין נישט דערויף...

ער ווידער זעט, אַז זי איז ביז... אים דאַכט זיך, אַז זי זיצט צו שטיל, וואַרפט צו געשווינד מיט די שפּיזלעך, און אַז דער שטערן רונצלט זיך איר...

— מנחם— האָט זי אָנגעהויבן — ביסט עפּעס נישט געזונט?...

צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך אים אין די אויגן געשטעלט און גע־בליבן הענגען, ווי ביי אַ קינד.

פריידע האָט אַוועקגעלייגט דעם זאָק אין אַ זייט, אויפגעשטעלט זיך מיט אַ שטיל ליידנדיק פּנים און געבעטן אים דאָס בעט.

מנחם האָט זיך אויסגעטאָן, געלייגט זיך, און פריידע האָט געזיפצט:

— פאַרליגן זיך, פאַרזעצט נאָך פון דער חתונה, און דאָ דרייט מען מיר דעם קאָפּ אָפּ — דירה־געלט...

ער האָט אָבער נישט געענטפערט. נאָר דערנאָך, ווען ער האָט געזען, אַז זי נעמט דאָס טיכעלע אויפן קאָפּ, האָט ער געפרעגט שטיל:

— גייסט ערגעץ, פריידע?

— איך גיי... איך ווייס ווו? צו מיינע צרות... אפשר וועל איך קריגן אַ דרויבע, אָדער וואָס אויף אַ ביסל יויך...

מנחם האָט איר ליטזעליק נאָכגעקוקט און זי איז אַרויס פון שטוב.

ער ווייסט נישט, פאַרוואָס עס קומט איר אַזוי פיל אויסצושטיין פון אים... זי האָט נישט געשלאָפן טאָג און נאַכט, האָט געזען די טאָכטער חתונה צו מאַכן, און ער — גאָרנישט... זי האָט אים אויף דער חתונה גע־רופן, און ער האָט נאָך אַ וויעטשערע פאַרדינט...

די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט. און יאָסל, א יונג מיט גראָבע בעק, וואָס אַרבעט מיט אים צוזאַמען, איז אריין.

— איר זענט שלאָף, מנחם?...

— נישט געזונט... — האָט מנחם געענטפערט.

— וואָס איז אייך?

— איך ווייס... מען וואָלט געדאַרפט דעם דאָקטאָר...

— ווייזט נאָר עקסטרע! — האָט יאָסל א וואָרף געטאָן מיט די אויגן, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אונטערן איבערבעט.

מנחם האָט זיך שווער אויפגעזעצט, קנייטשנדיק דערביי דאָס געזיכט, האָט מיט מי אַרויסגערוקט א פוס פון אונטערן איבערבעט און יאָסל האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן קראַווינקע, איינגעבויגן זיין גרויסן קאָפּ, און אומגעלומפּערט אויסגעשטעלט די אויגן אויפן פוס.

נו, וואָס זאָגסטו? — האָט מנחם געפרעגט, קוקנדיק אים אין די אויגן אריין און מיט ביידע הענט געהאַלטן זיך אַרום נאַקעטן פוס.

יאָסל האָט געשווינד א פּרוּוו געטאָן מיט דעם פינגער, א קוועטש אריין אים אין פוס, אַזוי, אַז א גריבעלע איז שטיין געבליבן ווי אין א טייג אריין, און קוקנדיק דערויף, ווי מייסטעריש פליגנק דאָס איז געשען, האָבן זיך ביידנס בליקן באַגעגנט און עפּעס נאַרישלעך זיך אָנגעקוקט...

— הא... — האָט מנחם ווייטער געפרעגט.

— ס'איז געשוואָלן... — האָט יאָסל געענטפערט.

— אָט קוק, וועסטו זען... — האָט מנחם אים באַוויזן, אַראָפּקריכנדיק פון בעט, כאָטש ער האָט זיך אונטערגעשפּאַרט מיט די הענט אין קראַווינקע און פאַרביסן די ליפּן, נאָר פאַרט זיך גלייך געשטעלט אויף די פיס און א קוק געטאָן אויף יאָסלען, אַז ס'איז גאָר נישט אַזוי, ווי מען מיינט...

— אַוודאי, אַזוי זענט איר דאָ געזונט... נאָר וואָס, די פיס... — האָט יאָסל מודה געווען.

— אַזוי אין מיר פיל איך גאָרנישט... — האָט מנחם אַראָפּפירנדיק מיט די הענט איבערן גוף א זאָג געטאָן, און דערביי האָט ער דעם בויך מיטן אָטעם איינגעצויגן און אויסגעשטעלט זיך, אָנקוקנדיק יאָסלען מיט א מאָדנעם בליק פון איבערצייגונג.

— פּרוּווט נאָר גיין — האָט יאָסל אים א וויז געטאָן פאַרויס מיט דער האַנט איבער דער פאַדלאָגע, און מנחם אין בלויזן העמד און מיט דעם אלטן שלאָף־היטל אויפן קאָפּ האָט געגומען שטעלן האַרטע טריט אויף און אָפּ איבערן שטיבל. באַלד איז ער ווייטער שטיין געבליבן פאַר

יאָסלען מיט דעם זעלבן בליק פון פריער און איז צוריק אריין אין בעט, ווי אן אויסגעמוטשעטער זעלנער.

— און זאָג אים דאָרט דעם באלעבאָס דיינעם, ס׳הייסט מאָטלען, אז ס׳איז נאָך נישט ווי ער האָט געמיינט!... — האָט ער מיט א הויכן טאָן צו־געגעבן, און אין די אויגן האָט עפּעס געפינקלט.

— אוי, אוי — איר וועט נאָך ארבעטן — האָט יאָסל ווי צוגעקלאַפּט מיט זיין גראָב קול.

— און קיין איין גראָשן אים נישט שולדיק בלייבן!...

— איר וועט אים נאָך אָפּארבעטן!

— מיט גאָטס זיינער הילף! און זאָג אים דאָרט... דו זעסט דאָ... — האָט ער ווייטער עפּעס מיט א בעטנדיק פּנים זיך א כאַפּ געטאָן און אראָפּ־געפירט מיט בײדע הענט איבערן גוף — וואָס?... ער קאָן מיר נישט גע־טרויען נאָך א קערבל?

— אפילו צוויי — האָט יאָסל צוגעבאָסעוועט און אין איינוועגס אים א טאַפּ געטאָן דעם בויך — וואָס איז עפּעס אזוי הויך?! — האָט ער ווי ערשט דערזעענדיק פּלוצלינג א פרעג געטאָן.

בײדע האָבן זיך פּלוצלינג ווי אָנגעשטויסן מיט די בליקן און א שטיל־קייט איז געוואָרן צווישן זיי. אַן איינגעהאַלטענער אָטעם האָט זיך געפילט, און די אויגן מנחמס האָבן נאָך געפינקלט עפּעס צו זאָגן, נאָר א מין נאַ־רישקייט האָט זיך אים שוין געהאַט איבערן פּנים צעגאָסן און ער האָט גע־שוויגן.

דערווייל איז פריידע אָנגעקומען פון גאַס און נאָך איר יוכבדל, פאַר־וויקלט אין א גראָבער וואָלענער פאַטשיילע און די אויגן פאַרוויינט. זי איז גלייך צו צום פוסטערס בעט, א קוק געטאָן אויף אים און שטיקנדיק זיך אין טרערן געפרעגט:

— טאַטע, אפשר וועלן מיר גיין צום דאָקטאָר?

— מען דאַרף נישט קיין דאָקטאָר... — האָט מנחם זיך געשטאַרקט.

יוכבדל האָט זיך געוועצט אויף דער באַנק אַנטקעגן און די טרערן האָבן זיך נישט אויפגעהערט צו גיסן פון אירע אויגן.

יאָסל האָט אויסגעשטעלט די אויגן, אַמאָל אויף מנחמען, אַמאָל אויף דער טאָכטער, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז ארויס פון שטוב.

פריידע האָט זיך דערווייל אַרומגעדרייט מיט דער דרויבע, וואָס זי האָט געבראַכט פון גאַס, און געזוכט דעם וויק־טאָפּ. דערנאָך איז זי אויך צוגע־קומען.

— ער לאָזט זיך נישט אַזוי גיך איינרעדן... — האָט זי דער טאָכטער באַמערקט, וויזהבדיק אויף מנחמן, און ווענדנדיק זיך צו אים אַליין האָט זי ווייטער געפרעגט:

— פאַרוואָס ווילסטו נישט גיין צום דאָקטאָר?

מנחם האָט געשוויגן און געקוקט, ווי די טאָכטער וויינט איבער אים. ביז ער האָט אַליין אויך אָנגעהויבן צו וויינען.

— וויינען קאָן ער כאָטש, ווי אַלע קליינע קינדער... — האָט אים פריידע פאַרגעוואָרפן.

מנחם האָט זיך פאַמעלעך אַנידערגעזעצט און גענומען זיך אָנטאָן.

— ווּעסט גייך, טאַטע? — האָט ווייטער יוכבדל געפרעגט.

— איך גיי.

יוכבדל איז אויפגעשטאַנען און געוואַרט ביז דער פאָטער האָט זיך אָנגעטאָן.

— ס'איז נאַס אין דרויסן? — האָט ער געפרעגט, שוין שטייענדיק אין מיטן שטוב.

— מאַמע, גיב אים דאָס טיכל אויפן האַלדז, — האָט יוכבדל דער מוטער געזאָגט.

פריידע האָט אַרומגעוויקלט דעם האַלדז מיט דעם טיכל, און יוכבדל איז אַוועק מיט אים צום דאָקטאָר.

די טיר האָט זיך ווייטער געעפנט, און ציפּע, די באַלעבאָסטע פון דעם הויז, אַ יידענע מיט אַ ווערצעלע אויף דער גאָמבע, איז אַריין אין שטוב. אַ ווײַלע האָט זי שטיל געקוקט אין אַלע ווינקעלעך, האָט אויך אַריבער־געקוקט צו מנחמס בעט, וואָס איז געשטאַנען צערודערט, און געפּינענדיק נאָר פריידען אַליין האָט זי אָנגעהויבן:

— צי דיך מאַן איז עפּעס נישט געזונט?

— ער איז עפּס קראַנק געוואָרן, — האָט פריידע געענטפערט.

— דאַכט זיך, דיין טאָכטער איז ערשט דאָ געווען?

— יאָ.

— און וווּ איז דער מאַן דיינער?

— זיי זיינען ביידע געגאַנגען צום דאָקטאָר.

— צום דאָקטאָר... האָט ציפּע ווי צוגעבויגט מיט דעם קאָפּ.

זי האָט זיך ווייטער אַרומגעקוקט אויף אַלע ווינקעלעך, אָפּגעטראָטן אַ ביסל אין אַ זייט און געקוקט איבערן פענצטער, אויף די ווענט, און גע־רעדט דערביי ווי צו זיך אַליין, אָדער גלאָט אין דער וועלט אַריין:

— עס גייט צו ווינטער, דאַכט זיך, עס הייבט זיך אָן אַריינצוכאַפּן פּיכט־קייט... וואָס דען... מען וואָלט דאַרפן אויסקלעפּן פון אויסנווייניק און פון אינעווייניק...

פריידע אָבער האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, און ציפּע האָט ווייטער און ווייטער געקוקט אויף די ווענט. הערנאָך ערשט קוים צוריק אָנגעשטעלט די אויגן אויף איר:

— זאָלסט מיר לעבן, פריידעשי... וואָס וועט ווערן דערפון?...

— גלייבט מיר, ציפּע, — האָט פריידע זיך פאַרענטפערט ענדערנדיק זיך אויפן פּנים ביי יעדן וואָרט — גלייבט מיר... וואָס זאָל איך דיר טאָן... איך האָב דיר שוין נישט וואָס צו זאָגן...

— און אַצינד איז דיר נאָך דער מאַן אויך קראַנק געוואָרן... וואָרן, פאַרשטייסטו מיך, כל זמן דער האַר שטייט אויף די שפּענער איז ער אַ האַר, און גייט ער אַראָפּ בלייבט ער אַ נאַר!...

אין פריידעס אויגן האָט זיך עפּעס אויסגעלאָשן, און ווידער אַ שיין געטאָן:

— קעגן וואָס מיינסטו דאָס, ציפּע?...

— מילא, איך ווייס קעגן וואָס?... קעגן דירה־געלט...

— ציפּע, ווי גאָט איז דיר ליב... איך וועל נישט עסן, איך וועל נישט טרינקען און דיינס באַצאָלן!

— דו ביסט דאָך נישט קיין קינד... איך דאַרף דאָך דיר נישט פאַר־שטיין צו געבן, נאָר קיינער אין דער וועלט וואָלט דאָס נישט געטאָן. פריער האָסטו אַלץ געזאָגט: עט'עך, מע'טעך... הייסט עס, איך זאָל נאָך וואַרטן. וואָס נאָך ווילסטו? האָסט שוין ב"ה די טאָכטער אויך חתונה גע־מאַכט, אַ תירוץ — פאַר חתונה... און אַצינד, אַצינד איז ער ווייטער קראַנק, האַ?

פריידע האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, געזוכט און גע־צאַפּלט ווי אַזוי זי איינצושטילן:

— מיט גאָטס הילף, ציפּע...

— וואָס טויג מיר האָרט די רייד — האָט איר ציפּע איבערגעריסן — איך שענק דיר דאָס דירה־געלט אויך!... פון אַ שלעכטן משא־ומתן שניידט מען אָפּ, נאָר דו וואָלסט געוואָלט איך זאָל דיר נאָך צושטייער געבן אַ פּאָר פינף און צוואַנציקער — נאַ דיר, פריידעשי, אַבי צי דיך אַרויס פון מיר?...

— איך וואָלט געוואָלט?... מיינע שונאים זאָלן דאָס האָבן אויף און אָנ־בייסן, וואָס איך וואָלט פאַרלאַנגט ווען־עמענס... האָט זיך פריידע אַרויסגע־כאַפּט.

— זאָל זיין... — האָט ציפּע געלאָסן געענטפערט — אבי נישט שולדיק צו בלייבן אומעטום, וווּ מען קלאַפּט נאָר אין שול אַריין...

— ציפּע, וואָס ווילסטו? גיי אַרויס, וואָרן איך טו דיר אָן די דאַיצע — איך צוואָג דיך אָפּ פון קאָפּ ביז צו די פיס.

— אַז וואָר זאָל מען מיינע שונאים אָפּוואַשן...

—ציפּע! — האָט זי נאָך אַמאָל אַ געשריי געטאָן ווילד זיך שטעלנדיק אַנטקעגן מיט אַ בליץ אין די אויגן.

ציפּע האָט זיך אַ רוק געטאָן הינטערווייליעכץ. אַ ווײַלע האָבן זיך ביידע ווייבער אָנגעקוקט, ווי די הינער און פלוצלינג האָט זיך ציפּע אַרויסגעריסן פון שטוב מיט אַן אימפּעט און דורכן פענצטער ערשט אַריינגעפּויקט מיט די פינגער און אַריינגעשריגן מיט אַ פאַרקרימטער העוויה אויפן פּנים צונויפגעמישט פון כעס און צערטלעכקייט:

— פריידעשי!... אַ פישל באַ דיר!.. גיי צו דער קויקע, פריידעשי... אַ פישל אונטערן פאַרטעך, ווילסט?...

פריידע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, נאָר יענע איז שוין געווען אַנטלאָפן.

אַ קוואַל טרערן האָט אויסגעבראָכן פון אירע אויגן, און זיצנדיק אַליין צווישן אירע פיר ווינקלעך האָט זי געהערט, ווי דאָס האַרץ אירס האָט זיך געריסן און האָט געציטערט מיטן גאַנצן גוף.

זי האָט זיך קוים ווי עס איז איינגעשטילט און געזעצט זיך אויפן בעט. זי האָט נישט געוויינט אַזוי אויף דאָס, וואָס ציפּע האָט איר אויפגעוואָרפן, ווי דערויף, וואָס זי האָט אויף איינמאָל דערשפּירט די גאַנצע ביטערקייט פון צוגעדריקטן לעבן.

באַלד איז יוכבדל צוריקגעקומען מיט דעם פאָטער. זי האָט שוין געהאַלטן אין אָנגעשריבענעם רעצעפּט אין דער האַנט, און באַטראַכטנדיק די מוטער, ווי זי זיצט פאַרוויינט, איז זי שטיין געבליבן פאַרשטיינערט.
— וואָס איז עס דאָ געווען?... האָט זי קוים געקאָנט איבערפרעגן.

— גאָרנישט... — האָט די מוטער געענטפערט.

יוכבדל האָט זיך איבערגעקוקט מיט דעם פאָטער, און ער ווייטער האָט באַלד זיך אָפּגערוקט און פון אַ זייט געקוקט אויף פריידען, ווי מיט שרעק.

— וואָס האָסטו מורא צו זאָגן? — האָט יוכבדל ווייטער איבערגעפרעגט שוין מיט טרערן אין די אויגן.

וואָס פרעגסטו, קינד... האָט פרידע געענטפערט, שטיקנדיק זיך און שאָקלענדיק מיט דעם קאָפּ — אַז מען האַלט שוין אין די יאָרן, און מען איז שוין אין אַזאַ לאַגע... אָט וואַרפט מען שוין אַזוי אויפן מיסט אויך אַרויס...

— וואָס רעדסטו, מאַמע?

— יאָ, יוכבדל, יאָ... דירה־געלט...

— נו, וויין נישט, מאַמע!... — האָט יוכבדל אויסגעשריגן און אַליין געגעבן אַ וויין אַרויס — איך האָב נאָך עטלעכע קערבלעך פון דרושה־געשאַנק, וועסטו דינגען אַ דירה, האָט זי איר געטרייסט און טרערן גרויס ווי אַרבעס האָבן זיך אַראָפּגעשאָטן איבער אירע בלאַסלעכע באַקן.

מנחם איז געשטאַנען אין אַ זייט, געציטערט ווי אַ בלעטל. דאָס פּנים האָט זיך מאָדנע געקרומט און געציטערט. ער האָט געפילט, אַז אַלץ איבער אים איז עס, אַז איבער אים וואַרפט מען זיי פון דער דירה אַרויס, און אַלע צרות, וואָס זיי לײַדן איז איבער אים. און שרעקלעך איז אים געוואָרן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אינגיכן וועט ער אַלעמען פאַרמיאוסט ווערן, און קיין אַנדער אָרט, ווי אויפן בית־עולם, האָט ער שוין נישט געזען פאַר זיך וועגן...

ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אין זיין ווינקעלע אויפן בעט, צוגעמאַכט די אויגן, ווי אַ הינדל ביים איינדרעמלען, און אַזוי שטיל, אַזוי רויק איז ער זיך געלעגן איינגעקאָרטשעט, ווי קיין זאַך גייט אים שוין מער נישט אָן, און ווי ער וואָלט שוין געוואָרט, אַז דאָס גאַנצע הויז, די ווענט מיט דעם סופיט מיט אַלץ זאָלן איינפאַלן איבער אים.

אַז פרידע האָט זיך באַרויקט, האָט זי יוכבדלען געפרעגט:

— וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט?

— ער האָט פאַרשריבן... — האָט יוכבדל איר געוויזן דעם רעצעפּט — און ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף „פילנאַשטש" און דאַרף נישט גיין צו דער אַרבעט, ווייטער איז אים גאָרנישט...

— געלויבט צו גאָט... — האָט פרידע די הענט אויפגעהויבן.

— און מיט דער דירה — האָט די טאָכטער ווייטער געטרייסט — זאָרג נישט, וועסט קריגן אַ דירה...

— מיט גאָטס הילף!... האָט פרידע זיך געלאָזט טרייסטן, פילנדיק זיך אַ ביסל גרינגער אויפן האַרצן נאָך דעם דאָקטאָרס ענטפער.

— אָבער וואָס האָט ער געזאָגט — אַ רויז איז עס?...

— ניין, אַ בירך־שלאָפקייט, האָט ער געזאָגט. דאָס קומט פון פאַרלאָזטקייט, פון נישט דערעסן און פאַריאָגטקייט...

— מילא וואָס והען... ס'איז דען נישט אמת?... — האָט פריידע זיך אומ־געקוקט צו מנחמס ווינקעלע און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ באַלד צו יוכבדלען.

פּלוצלינג האָט זיך די טיר האַסטיק אויפגעעפנט, און יאָסל מיט די גראָבע בעק איז אַריין פאַרפלאָמט, און האָט עפּעס געטראָגן צונויפגע־לייגט אין דער פּאָלע.

— נאָט אייך יאַלאָוויץ, מנחם! — האָט ער אַ רוף געטאָן, בלייבנדיק שטיין אין מיטן שטוב מיט אַן אויפגעשטעלטער פּאָלע. דערנאָך האָט ער פון איר אַ שאָט געטאָן אויפן טיש אַזאַ קרייטעכץ, ווי גריבע אַרבעסלעך וואָס וואַקסט אויף יאַלאָוויץ־ביימלעך, און דערביי געפינקלט מיט די אויגן צו פריידען:

— סמאַך האָט געזאָגט, אַז דאָס איז גוט צו געשווילעכץ — דאָס קאָכט מען און מען טרינקט!...

— וואָס פאַר אַ סטאַך? וואָס פאַר אַ סטאַך?

— סטאַך דער זעגער... — האָט מנחם געענטפערט פון זיין ווינקל אַרויס, אַריבערפינקלענדיק מיט די אויגן צו זיי.

— יאָ... סטאַך, וואָס אַרבעט מיט אונז... — האָט ערשט יאָסל נאָך אַמאָל פאַרטייטשט.

הערנאָך האָט ער פריידען באַזונדער געגעבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מען באַגייט זיך הערמיט, און קריגנדיק אַן ענטפער, אַז מען וועט באַלד אַזוי טאָן, האָט ער ווייטער צוגעזאָגט מנחמען, אַז אַזוי לאַנג קרענקט ר׳ מאָטל, דער פאַבריקאַנט זיינער, ווי לאַנג ער מוז נאָך ביי אים אויסרייסן אַ רובל און ברענגען אים צו טראָגן.

מנחם האָט דאַנקבאַר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ פון בעט אַראָפּ און יאָסל איז אַוועק אַ צופרידענער.

---

אין עטלעכע טעג אַרום האָט פריידע שוין געהאַט אַן אַנדערע דירה. מיט דעם טיכל אויפן קאָפּ איז זי אַוועק צו ביילען דער וואַנט־מאַכערין און געגעבן איר 2 רובל אַן אויפגאַב אויף דעם שטיבל, וואָס איז ביי איר געשטאַנען ליידיק, נאָר אויסצוקלעפּן, דעם קוימען און אויוון איבערצו־שמירן און אַריינציען זיך.ביילע האָט אַ שם פאַר אַ באַלעבאָסטע. אַ יידענע אין אַ ברייט פאַרטעך פון פלוטשענקעס און מיט אַ רייפל שליסעלעך פאַר־שטעקט אין גאַרטל, גייט זי שטענדיק אַרום דעם הויזל, קלאַפּט, שמירט. טאָמער געפינט זי אַ שפּענדל אין גאַס, הייבט זי עס אויף, אַ שטיק, טראָגט

זי עס אוועק צו זיך אהנטערן פענצטער, און אז עס קומט די צייט פון פּאָדאָטקעס צאָלן ניי־יאָר, דעמלט טוט זי דעם מאַן אָן דעם פּאַרצייטיקן פּעלץ, שטעלט אים אויף דעם קאַלנער אונטערגעבינדן מיט אַ רויטער פֿאַטשיילע, גלייכט אים אויס דאָס קאַשקעטל אויפן קאָפּ, דערנאָך זוכט זי אים אויס ביי זיך אין אַ קופער די קוויטן פון פאַראַיאָריקן אָפּצאָל, שטעקט זיי אים אַריין אין בוזעם און זאָגט אים אָן, אַז ער זאָל נישט פֿאַרגעסן דאָס קאָפּל אַריינצו־לייגן אין קעשענע, און אַזוי ווי ער וועט נאָר איבערטרעטן די שוועל פון דער קאַנצעלאַריע, זאָל ער למעה״ש באַלד אַראָפּכאַפּן דאָס היטל... אָט ביי דער ביילען האָט דאָס פריידע געדונגען איר דירה.

— למעה״ש, פריידע — האָט איר ביילע אָנגעזאָגט — שוין נישט אַנדערש...

— שוין נישט אַנדערש... — האָט איר פריידע צוגעזאָגט.

— ווען דיין מאַן וועט קומען פון דער אַרבעט — לערנט זי זי געלאַסן — נעמט מען ביידע צוזאַמען און מען טראַגט זיך איבער די זאַכן ביסלעכ־וויין...

— יאָ, מיין מאַן... מען דאַרף אים אַליין איבערטראָגן... — האָט איר פריידע דערציילט.

—וואָס? — — קראַנק?... — האָט זיך ביילע ווי דערשראָקן.

— קראַנק... האָט שוין פריידע עפּעס ווי נאָכגעשטאַמלט און די פאַרב אין געזיכט האָט זיך אָנגעהויבן בייטן, זעענדיק, וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויף ביילען.

— און ער גייט גאָרנישט צו דער אַרבעט?

— איך ווייס, אָט... זאָל ער נאָר געזונט זיין.

— און זאָלסט מיר לעבן... מען דאַרף דאָך דערווייל עפּעס האָבן?

— מילא...

— איז טאַקע נישט גוט, האַ?

פריידען האָט שוין דאָס פּנים געגליט, און זי האָט זיך עפּעס מאָדנע געפילט, ווי פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ, און אומבאַהאָלפן איז זי געשטאַ־נען פאַר ביילען.

— און ווייסט וואָס נאָך, פריידעשי... איך האָב דיך געוואָלט פרעגן? וואָס איז די מעשה, וואָס איינמיטן יאָר ציסטו דיך?... די דירה טויג נישט פאַר דיר?...

— ניין... וואָס איז די נפקא־מינה?... מען קאָן נישט וווינען שטענדיק אויף איין אָרט!

— אַזוי... האָטביילע ווי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — נו, נו, מילא... קאָנסט דיך נאָך היינט אַריינציען.

פאַרנאַכט־צו האָט פרידע געדונגען בינושן דעם וואַסער־פירער מיט זיין הויכן שפּאַק, וואָס שלומפּערט זיך אויף די לאַנגע פיר פיס ווי אויף שטאָלצן, און איז פאַרפאָרן אויפצולייגן די זאַכן.

מנחם איז אַרויסגעקראָכן פון בעט און זי האָט פאַרבונדן דאָס בעט־געוואַנט אין אַ פּלאַכטע, אַרויסגעטראָגן עס צו דער פור און געשטעלט מבחמען פאַר אַ היטער. זי מיט בינושן האָבן צענומען די בעטן, אויסגע־שאָקלט די סעניקעס אויף דער ערד, אָפּגעשטויבט און אָפּגעקראַצט יעדעס ברעטל און צו דער פור אַרויסגעטראָגן. די באַנק, דאָס קעסטל, דאָס טישל און נאָך אַנדערע קלייניקייטן, האָבן שוין די פור פול געמאַכט און הויך ווי אַן ערשטער שטאָק. צולעצט האָט זי נאָך אַ בליק געוואָרפן אויף די ליידיקע פיר ווינקעלעך פון שטיבל, אויף די קנפּקעלעך שטרוי, וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע, און באַלד געהייסן בינושן פאָרן.

נאָך איידער דער שפּאַק האָט אויסגעשטעלט אַ פוס, נאָך איידער בינוש האָט אים אויף זיין לשון אָנגעהויבן צו בעטן, ער זאָל רירן, איז שוין ציפּע, די מאַלעבאָסטע, צוגעקומען מיט אַ שליסל אין דער האַנט און אויפגע־האַנגען עס אויף דער טיר.

— וויאָ... — האָט בינוש דאָס פערד אַ רודער געטאָן מיט די לייר־טשעס איבערן רוקן. דאָס פערד האָט זיך אַ וויג געטאָן אויף די הינטערש־טע צוויי פיס, אויסגעשטרעקט דעם לאַנגן האַלדז און די פור האָט אַ סקריפּ געטאָן און איז פון אָרט אַוועק.

פאַרויס גייט פרידע, בינוש ביי דער זייט פון וואָגן און מנחם אַרומ־געוויקלט מיט פרידעס טיכל דאָס פּנים, שלעפּט זיך נאָך פון הינטן, קראַנק, געבויגן, ווי אַן אָפּגעשלאָפטער זעלנער נאָך דעם „אַבאַז". די פור האָט זיך געשאָקלט, געסקריפּעט. דאָס טישל, וואָס איז געלעגן גאָר אויבן איבערגעדרייט מיט די פיס אַרויף, האָט זיך מיטגעשאָקלט, מיטגעטאַנצט אויף אַלע זייטן, און דער שפּאַק שפּרייזט זיך זיין וועגס, גאַס אויס און גאַס איין, ביז ער איז שטיין געבליבן פאַר ביילע דער וואַטע־מאַכערינס טיר.

ביילע איז אַרויס פון שטוב, און האַלטנדיק די צוויי רחבל אַנטקעגן, איז זי אַרויפגעפאַלן אויף פרידען:

— גילדענע, האַרציקע, כשרע, אַ בראָך איז צו מיר, אַז מען האָט נישט קיין דעה ביי קיין מאַן אויף אַזוי גרויס — האָט זי איר מיט אַ געבעט

פנים אָפּגעמאָסטן אַ שפּיצל פינגער — מיין אברהם וויל דאָך בישט פאַר־דינגען. עס גייט, זאָגט ער, צו ווינטער — נאַס, ווילגאַטש, וויל ער האַלטן דאָס שטיבל אויף דער וואַטע... און דו ווייסט דאָך, גילדענע, אַז וואַטע האָט ליב טרוקן, אַז נישט, ווערט מען בדלות...

—ווי הייסט,ביילע, וואָס רעדט איר?! — האָט פריידע אויסגעשריגן דערשראָקן.

— און, כשרע — — גאַ דיר צוריק דעם אויפגאַב! — האָט זי איר אויף גיך געגעבן אַ שטופּ אַריין, די צוויי רובל אין דער האַנט און איז אַנט־לאָפן אין שטוב אַריין.

פריידע איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטע, דער קאָפּ האָט זיך איר אָנ־געהויבן דרייען, פאַר די אויגן צו שווינדלען, און זי האָט זיך מיט דעם אָרעם אין דער טיר אָנגעלענט. מנחם ווידער האָט געקוקט אויף איר מיט קינדערשן שרעק אין די אויגן, און דאָס געזיכט זיינס איז געווען איינגע־קאָרטשעט און געל, ווי וואַקס.

— אָ, וואָ, וואָ... — האָט זיך בינוש געוווּנדערט — צוגעוואָרפן דעם אויפגאַב... און וווהין וועט מען אצינד פאָרפאָרן... אויף יעבער דירה איז שוין אויך אָנגעהאָנגען אַ שלעסל.

אַלע דריי זיינען געשטאַנען ביי דער טיר פאַרגליווערטע.

דערווייל האָט אָנגעהויבן נאַכט צו ווערן. דער הימל איז ווי מיט אַ גרויען שימל פאַרקראָכן, אַ דין רעגנדל האָט אָנגעהויבן צו טריפן אויף די שטיינער פון ברוק, די ערד ווערט וואָס אַמאָל נאַסער, פינצטערער, די דעכער שוואַרצער, פאַרוואַסערט און אַלץ פון הימל ביז דער ערד האָט זיך איינגעהילט אין אַ נאַסער ברודיקייט, אין אַ שווערן אומעט.

יידן מיט אויפגעשטעלטע קעלנער און אַריינגעלאָזטע קעפּ צווישן די אָרעמס, מיט פאַרשטעקטע הענט אין די אַרבל האָבן זיך בלאָס שווייגנדיק געשאַרט אין דער בית־המדרש־גאַס אַריין. אין די פענצטער האָבן זיך איינציקווייז אָנגעהויבן צו באַווייזן פייערלעך, אַרויסשטראַלנדיק מיט אַן אומעטיק רויטער ליכטיקייט אין דער פייכטער נעפּלדיקער לופט. און מנחם מיט פריידען מיט בינושן זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרזונקען ביי דער טיר זאַכן. אַ קאַלט שניידנדיק האַרבסט־ווינטל האָט געבלאָזן. מנחם האָט געציטערט ווי אַ פיש, פּונקט ווי די גלידער וואָלטן זיך איבן געוואָלט פונאַנדערשיטן, און ער האָט זיך מיט די הענט אין וואָגן צוגעהאַלטן, קרעכ־צנדיק שטיל, אַז פריידע זאָל נישט הערן.

— וואָס וועט ווערן? — האָט בינוש געפרעגט, אויפהייבנדיק זיין אַז־מעטיק שטילן בליק אויף פריידען.

פריידע האָט אויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, שטיל, טרויעריק, ווי נאָך אַ לאַנגער פאַרזונקענקייט אין אַ שווערן חלום, און קוקנדיק מיט אַ פאַר־גליווערט שטילן בליק אויף בינושן האָט זי שטיל אויסגערעדט:

— זאָל זיין ווי גאָט ווילן, פאַר צו צו דער טאָכטער...

בינוש האָט שטיל אָפּגעזיפצט, גענומען די לייטשעס און אַ ריר געטאָן דאָס פערד:

— וויאָ!...

דער וואָגן האָט זיך אַ ריר געטאָן, און פריידע מיט מנחמען זיינען נאָכגעגאַנגען הינטן, מיט שווער אַראָפּגעזונקענע קעפּ, איינגעשרומפּן, צע־בראָכן, ווי נאָך אַ לויה, און די פור האָט זיך געשאָקלט און געשאָקלט.

הינטער דער שטאָט ערשט האָט פריידע באַמערקט, ווי מנחם צאַנקט אין טריט, נאָר אונטערצוברעכן זיך און אומצופאַלן. זי האָט געהייסן בינושן בלייבן שטיין.

דער וואָגן האָט זיך געשטעלט.

— קריך ארויף... — האָט פריידע געהייסן מנחמען און געהאָלפן אים זיך ארויפזעצן. און טיף האָט ער זיך אריינגערוקט מיט די פּלייצעס הינטער די הויך אָנגעלאָדענע זאכן און מיט די פיס אונטער זיך.

ער האָט געפילט ווי א היילונג אין לייב, א זיסקייט אין די ביינער.

— „צום אידעם אויף קעסט"... — האָט אים פריידע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

מנחם האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און דער וואָגן האָט זיך ווייטער גערירט. דאָס טישל מיט די פיס ארויף האָט זיך געהוידעט א גאנצן וועג איבער זיין קאָפּ. די רעדער האָבן צוגעסקריפּעט, די כלים, טעפּ, שיסלען האָבן הילכיק אָפּגעקלונגען פון דערמיט ארויס און מנחמס געל געזיכט און דער שטערן האָבן זיך געקנייטשט: „צום אידעם אויף קעסט"... נאָר באלד האָט זיך אָנגעהויבן ארויסצוזען פון ווייטן נעפּל יענץ היזל מיט דעם שטילן פייערל פון יענעם קליינעם פענצטערל, און אין מנחמען האָט זיך צעגאָסן א וואַרימעס זיסעס געפיל איבערן האַרץ און אין אלע גלידער און אין די אויגן האָט זיך א שטיל גלוסטיק בלישטשל אָנגעצונדן צו יענעם שטילן באַלויכטענעם פענצטערל, וואָס האָט פון דעם פאַרנעפּלטן אָוונט ארויסגעשיינט, ווי א רויט פייערדיק אייגל.

# א חוב

שפּעט בײנאַכט. דאָס בית־המדרש איז לער. צװישן אױװן און דער װאַנט פֿון דער װײַבערישער שול קרעכצט עמעצער. דאָרט שטײען צװײ בענק צוגערוקט צום אױװן, און אױף זײ אונטערגעבעט א פּאָר אַלטע כאַ־לאַטלעך, ליגט א ייִד, אַן אַלטער מיט א גרױ האַלב אױסגעקראָכן בערדל. דער גוף — אַן אײַנגעשרומפּנטער שאַרבן צום אײַנברעכן זיך. און דאָס פּנים — געל, דיקלעך, נאָר א ביסל גלאַנצנדיק... און די אױגן פֿון אונטערן אײַנגעפּאַסטן שטערן אין זקאַפּל בלאַנדזשען מיד איבערן שטילן בית־המדרש. דער אומרו פֿון װאַנט־זײגער װיגט זיך שטיל, טיק־טאַק, טיק־טאַק. פֿינצטער הענגען די לאָמפּן איבער די לאַנגע שורות טישן, נאָר הינטערן בלעמער ברענט טונקל א לאָמפּ, באַגלעך קוקנדיק צום בלישטשענדיקן נר־תמיד, װאָס װאַרפט א בלײַלעך מאַטן שײַן אױפֿן בעליק פֿאַרן ארון קודש. אױף דעם עמוד ברענט א יאָר־צײַט־ליכט און דאָס פֿלעמל ציטערט צו איבער דער טיף אײַנגעברענטער שנױץ. זעלטן טוט עס זיך א צי אין דער הױך שמאָל אױסגעצױגן און בלײַבט א רגע גלײַך, װי װילנדיק אַריבער־קוקן, װאָס טוט זיך אין יענער זײַט בלעמער...

פֿון דרױסן הערט זיך טריט געגענען צו דער טיר און באַלד הערט זיך א רוחדערן בײַ דער קלאַמקע. די טיר עפֿנט זיך און עמעצער קומט אַרײַן. די טונקעלע פֿיגורע מיטן שטיקל אַרױסגעזעענעם פּנים רוקט זיך צום אױװן מיט שװערע לאַנגזאַמע טריט. א ייִד איך א גראָבער בורקע. ער לײגט אום דעם קאַפּטער פֿון קאָפּ און לענט זיך אָן אױף דער באַנק פֿאַרן אױװן, אונטערגעשפּאַרט דעם עלנבױגן אונטערן לענגלעכן פּנים און שפּיציק בערדל.

ליגנדיק הערט ער די קרעכצן און ער פֿרעגט מיט א גראָב קול:

— ר׳ מאָטקע! װאָס איז אײַך?

יענער קרעכצט װײַטער אָן ענטפֿער.

דער ייד הייבט אויף דעם קאָפּ, און זיצנדיק אויף דער באַנק בויגט ער זיך אָן צום ווינקל־אויוון, קוקט אַרונטער און פרעגט נאָך אַ מאָל:

— ר׳ מאַטקע, וואָס איז אייך?

— ווער איז? — פרעגט דער אַלטער שוואַך.

— איך, ישׂראל!

— אַ, ישׂראל — ע, גאָרנישט...

— וואָס הער קרעכצט איר?

— וואָס פרעגסטו קינד, נישט גוט איז אַליין... אַפילו שטאַרבן...

— וואָס, ס׳איז היינט ערגער?...

— ערגער, בעסער... אַלץ איינס... אַלץ איינס שוין.

— וואָס זאָגט איר עפּעס — אַליין... וואָס עפּעס היינט? און אַלע נאַכט ווי אַזוי? נישט אַליין?!

— מילא, אַלע נאַכט, טאַקע אויך דאָס איגענע...

ישׂראל שווייגט. „אפשר דאַרף מען טאַקע ווערמען"? פאַלט אים איין; אפשר אַ חברה־מאַן?... און באַלד גייט ער צו צום ערשטן טיש, נעמט אַראָפּ דעם ברענענדיקן לאָמפּ און קומט צוריק צווישן אויוון און ווייל.

דער אַלטער קוקט פאַרוואונדערט:

— וואָס טוסטו, ישׂראל?...

— גאָר נישט... אַ קוק טאָן צי ליגט איר גוט...

— שטעל אַוועק, ישׂראל... עס האַלט נאָך נישט הערביי...

— ווער זאָגט, חלילה! אדרבה, איר זאָגט — אַליין, אַליין... נעם איך דעם לאָמפּ פאַר היימלעכקייט, גלאַט אַזוי, זיצן אַביסל, שמועסן פאַר היימ־לעכקייט...

— נו, נו... שטעל צוריק דעם לאָמפּ, שמועסן קען מען אַזוי אויך אָן לאָמפּ אויך, אז דו ווילסט.

ישׂראל גייט צוריק מיטן לאָמפּ אין דער האַנט, הענגט אים אַריין איבערן טיש און קערט זיך צוריק אום צום אויוון און זעצט זיך אויף זיין אָרט.

— ישׂראל! רופט ר׳ מאַטקע.

— וואָס אי?

— ווי שפּעט קען שוין זיין אַצינד?

— אַצינד? באַלד... אויף דער סטרוזשע בין איך אַרויסגעגאַנגען — האַלב צוועלף, איז שוין אַזוי גרויס, ווי אַ שעה צוויי... יאָ...

— וואָס טויג דיר דאָרט, ישׂראל... רייסט אים ר׳ מאַטקע איבער — גיי צו צום זייגער...

— אַ נפקא מינה... רעדט ישראל שוין צו זיך, אויפשטייענדיק פון אָרט. ער גייט צו צום זייגער, קוקט זיך איין, ציילט אַ ווײַלע די גראָבע שטריכן אַרום ווײַזער און גייט צוריק צום אויוון.

— נאָך צוויי שוין... — גיט ער ר׳ מאָטקען צו וויסן.

— נאָך אַלץ נישט טאָג...

— אוודאי נישט, פורים־צייט... היינט ווערט טאָג זעקסע — ימים־טובים־צייט אויך אזוי.

— נו, ועפעס גוט אזא לעבן, ישראל, נאסט ביי נאכט אויסצוקוקן דעם טאָג?...

— מילא... — טוט ישראל אַ ציִ די פּלייצעס, און פאַרוקט זיך אויף דער באַנק אין דער אַנדערער זייט אויוון.

אַ ווײַלע איז שטיל. פּלוצעם וועקט ר׳ מאָטקע ווייטער:

— ישראל, ישראל!

— וואָס איז?

— זײַ־זשע מוחל, קום נאָר אַהער.

ישראל שטייט אויף פון דער באַנק און שטעלט זיך אין עק צווישן אויוון.

— זאָג מיר, ישראל, נאָך אַ סך ברויט וועל איך קאַליע מאַכן?...

ישראל טוט ווייטער אַ ציִ די פּלייצעס, טראַכט אַ ווײַלע און ענטפערט:

— ע, ר׳ מאָטקע, אַ מענטש טאָר נישט זינדיקן, טאָר זיך נישט אײַנשפּאַרן ביי גאָט...

— ישראל, איך בעט דיך, דאָ אין ווינקל, אין דער ספרים־שאַנק, זע אַ טעפּעלע, דערלאַנג עס מיר.

ישראל מאַכט אַ טריט צו דער שאַנק, נעמט אַרויס אַ טעפּעלע און דערלאַנגט עס, פרעגנדיק:

— וואָס איז עס דאָ?

— אַביסל באַרנעיויך האָט מיר אַ יידענע געבראַנגט. דאָס מויל שמאַכט מיר.

ר׳ מאָטקע זעצט זיך אויף, נעמט דאָס טעפּעלע מיט דער ציטערדיקער דאַרער האַנט, בליקט אַריין און טוט עטלעכע שלונג. דערנאָך נעמט עס ישראל צוריק און שטעלט עס אַוועק אויף דעם פריערדיקן אָרט.

— זעסט, ישראל, ווי דאָ יאָגט אַ קעלט? — ווײַזט ער אים אויף דער טיר פון דער ווײַבערישער שול — דאָס האָבן די ווײַבער אָפּגעריסן דעם האָק דעם שבת, אַריינגעפּאַקט זיך צום התקרבאַוואַרפן.

מ׳דארף פארשטאפן... — ענטפערט ישראל.

— מ׳דארף.

— מיט וואס?

— אט וואלגערן זיך בלעטלעך.

— ע... שמות?...

— וויסטו וואס, ישראל? א לייבל א צעריסענער ליגט דארט אין זוינקל צווישן די שמות — נעם פארשטאפ...

ישראל געפינט דאס לייבל, פארשטאפט די טיר און פרעגט:

— איבערבעטן, אפשר?...

— ניין, ניין ישראלשי, א שיינעם דאנק, קענסט שוין גיין! הונדערט יאר זאלסטו לעבן.

ישראל גייט צוריק אויף זיין ארט און שפארט זיך אן.

א וויילע איז שטיל. עס הערט זיך דעם זייגערס טיק־טאק, טיק־טאק, און ר׳ מאטקעס קול ווערט ווייטער:

— ישראל, ישראל!

— וואס איז?

— זיי־זשע מוחל...

ישראל שטייט אויף, שטעלט זיך צווישן אויוון.

— נו?...

— ישראל, דו האסט געקענט מענדל פתחיהס און דוד פתחיהס, זיינע צוויי זין?

— מענדל פתחיהס און דוד פתחיהס?...

— יא.

— א שאלה!... גוט געקענט, אזוי ווי מיינע צען פינגער...

— עפעס א שיינעם סוף גענומען?...

— אוועקגעקומען אין דער כאליערע, נישט געדאכט זאל זיין, די שענסטע מענטשן אין שטאט.

— זייער פאטער, ר׳ פתחיה, נישט פאר דיין געדענקען, איך א שיינער מענטש. דער ראש הקהל געווען.

— איך געדענק אים נישט.

— און דאס הויז, ביסט דו א מבין, א תל ס׳איז?...

— הייבט זיך אן, ביי גאט איז עפעס א גרויס עסק?

— איי, וואס ווייסטו?... ווען איך בין צוריק געקומען און איך האב עס דערזען, האב איך מיינע אויגן נישט געגלויבט... ר׳ פסחיהס הויז! איך געדענק אפילו, ווען מען האט דעם ערשטן שטיין געלייגט אויף א פת־

דאמענט... ס'איז שוין א מעשה פון א יאָר פופציק, אויב נישט העכער — האָסט דאָך אַ סימן, נאָך איידער איך בין אַוועק פון הי — ווי אַלט, ישׂראל, ביסטו דען אינגאַנצן, אַ יאָר זעקס און דרייסיק?

— אכט און דרייסיק.

— און איך געדענק עס, ווי היינט. אַ באַרישקייט, אַפילו די קאָרפינקע, א געפינגערטע קאָרפינקע... ר' פתחיה איז די שיך און זאָקן און אין דער סערזשינער שבתדיקער יופּיצע האָט געטייקט בראָנפן די בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געבויט. אײנער, ר' פּיניע, איז געווען דער אנטעפּריטער, א מייסטער א קאָפּ־שטיק — און דאָס הויז האָט אזא שוואַרצן סוף... דערצייל מיר, ישׂראל, דערצייל ווי אזוי?

— א גאַרנישט מיט א גאַרנישט — — — איך ווייס נישט מער, איך פלעג דאָך שטענדיק גיין אַ סטרושע פון יענעם הויז, ווייס איך נישט מער, די ברידער, די שותּפים הייסטו עס, פלעגן זיך תּמיד דורסן. מיך נאָכן גילדן פאַר דער סטרושע פלעגן זיי מיך אָנשיקן איינער צום אַנדערן — זאָל דער צאָלן, זאָל יענער צאָלן, דערווייל האָב איך געהאַט ס'לויפעניש... נאָר דאָס איז נאָך גאַרנישט מיט גאַרנישט... דורסן פלעגט מען זיך ווערשט איבערן דאָך פאַריכטן. קיינער האָט נישט געוואָלט לייגן א גילדן, א שינדל, איר זאָלט עס זאָגן... און א הויז, זאָג איך, איז פּונקט ווי אַ בגד, נישט צו גלייכן. איך וועל אייך ווייזן, אַשטייגער, מיין רבקה וואָלט מיר נישט געלייגט אלע מאָל א לאַטע אויפן בגד, פאַלט עס פון מיר אַראָפּ שטיקערווייז... וואָס, נישט? דעריבער איז עס... דאָס אייגענע איז דאָ אויך — נישט פאַריכט, איז נישט! רעגנט, רעגנט, ביז עס פאַר־פוילט צו אלהע שוואַרץ־יאָר.

— קאַרגע געווען?

— עט, נאָט אייך אַ גראָשן פאַרן קאַרגשאַפט. עפּעס אַ קלייניקייט, צוויי ברידער אין איין הויז, בפרט נאָך א ירושה?... נאָר א מערכה, הערט איר, די שלאַפקייט. וואָס איז געווען מיט זעקס יאָר צוריק, נישט הי געדאכט, האָט זי געמאַכט א פשרה — דיר א באַזונדער הייזל און דיר א באַזונדער הייזל... נאָט אייך, קינדערלעך, און שאַ... רייסט זיך נישט ביי די קעפּ — — — און די ירושה, די פאַרפוילטע ירושה, האָט פּאָליציי באַלד געהייסן פאַרקלאַפּן די פענצטער מיט ברעטער...

ר' מאָטקע אָטעמט לייכט אָפּ און פרעגט:

— און ר' פתחיהן, פון זיין טויט, ווייסט דו גאַרנישט?

— פונוואַנען?

ר' מאָטקע שווייגט, פאַרטראַכט זיך א ווילע און זאָגט:

— אַז דו ווילסט, ישראל, וועל איך דיר דערציילן, ווער דער ר׳ פּתחיה איז געווען פאר איינער...

— דערציילט.

— זעץ דיך, זיי־זשע מוחל, דאָ איז עק...

ישראל זעצט זיך לעבן ר׳ מאָטקען און ר׳ מאָטקע הייבט אָן:

— דער ר׳ פּתחיה, די ערד זאָל אים דאָרט אַרויסוואַרפן, איז געווען אַ היגער ראש הקהל...

— וואָס שעלט איר?

— ווייס איך שוין, נאָר הער בעסער...

— איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר צוועלף. אַ ברודער האָב איך געהאַט פון אַ יאָר אַכצן, אַ הויכער מיט אַ קיילעכדיק בלאַסלעך פּנים, קורצע פּאַהלעך, אָבער אַ פאַרשוין — איז געווען אויף עפּעס אַ קוק צו טאָן... דער טאַטע מיינער איז געווען אַ שניידער, דער ברודער אויך, ער האָט שוין צוגעהאָלפן. מיך האָט מען נאָך געהאַלטן אין חדר, די מאַמע דער עיקר... מאַכט זיך איינמאָל אַזאַ מעשה: פּלוצלינג ווערט אַ קאָך אין שטעטל — מען האָט מיין ברודער ביינאַכט געכאַפּט מיט דער דינסט ר׳ פּתחיהס.. עס איז אפנים אמת געווען, וואָרן די דינסט, האָט מען געשמועסט, האָט באַלד ביינאַכט עוקר געווען, זי איז געווען פון אַ דאָרף, ערגעץ דאָ... נאָר מיין ברודער, וווּ וועט ער לויפן, ער איז דאָך אַ היגער? געדענק איך — דער טאַטע האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב שטאַרק צעטרודערט, די מאַמע האָט געוויינט און דער ברודער איז געזעסן דעם קאָפּ אַראָפּ, דאָס פּנים שטאַרק בלאַס. פון גאַס קומען אַלעמאָל צו אַ חברה קליינוואַרג צום פענצטער, פּויקן אין די שויבן און שרייען אַריין צום ברודער: „אַרהלע — יענטעלע רופט דיך״... אַזוי האָט מען זי גערופן, די מויד. מילא, דער ברודער האָט זיך נישט אומגעקוקט, נאָר מיר האָט עס געשטאָכן... הייב איך מיך אויף און גיי אַרויס פון שטוב. נאָר וווּ גייט מען? ס׳חדר, האָב איך געוווּסט, איז היינט נישט פאַר מיר... די גאַס אויך נישט... וואָס דאַרף טוט מען? הייב איך מיך אויף און גיי אַריין אין בית־המדרש. שוין נאָכן דאַווענען איז עס, שפּעט בייטאָג, נאָר עטלעכע מענטשן טרעף איך נאָך דאָרט. שטייען זיי אין דער מזרח־וואַנט אַרום טיש, וווּ ר׳ פּתחיה זיצט נאָך אין טלית מיט דער עטרה אויפן קאָפּ. זיצט ער זיך לעבן ארון־קודש מיט די פּלייצעס צום פענצטער און לייגט אָפּ די תפילין און די אָרום, קוקן אים אין פרומען פּנים אַריין, וואָס פינטעלט מיט די אויגן. אין דער זייט ווידער, שטייט הערשקע שמש, דער בית־דין שמש, אַ הויכער ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד און ברייט פּנים מיט אויגן שוואַרצע

און אריבערגעוואקסענע ברעמען — א פחד. שטייט ער אָנגעשפאַרט מיטן עלנבויגן אין עמוד און דאָס אויער בייגט ער אזוי אָן, ווי ער וואָלט אויך כאַפּן עפּעס א וואָרט... אז איך זע אזוי... כאַפּ איך מיך צו אין דער אַנדערער זייט טיש און שטיי אויך — פּטור... א ייִנגל דאָרט, די הייזלעך צעריסענע מיט די קני אין דרויסן און א היטעלע מיט א צעשפּאָלטענעם דאַשעק — פּטור, שטיי איך.. און דערוויילע הער איך ר' פּתחיה שמועסט:

— וחען האָט מען אזוינס געהערט אין אזא יידיש שטעטל? — און טוט אַ קרעכץ — אוודאי, וואָלט זיך שוין גאָט געמעגט מרחם זיין איבער יידן...

— טאקע נישט געהערט געוואָרן — האלט אונטער הערשקע — מילא, איך בין דאָך שוין שמוש נישט פון הייבט, דאַכט זיך, אזא מעשה האָב איך נאָך נישט געהאַט...

— זע־זשע, הערשקע — טענהט וויטער ר' פּתחיה — חעם יונג, דעם שניידער, דעם פּושע, צו ברענגען אין דער בית־דין שטוב...

— אוודאי, אוודאי — רופן זיך אלע גלייך אָן — מען טאָר אזוינס נישט דערלאָזן.

— איך בין תמיד גרייט — ענטפערט הערשקע ברייט — וואָס קהל הייסט, בין איך גרייט צו פאָלגן. בפרט נאָך, אז איר הייסט אויך...

— נישט איך הייס אייך — מאכט ר' פּתחיה — נאָר גאַנץ קהל הייסט... און גיי, הערשקע, שוין, זוים נישט. וואָרן איך וועל באַלד זיין אין דער בית־דין שטוב.

— איר גייט דען נישט אהיים פריער?

— יאָ, אָבער נאָר דעם טלית אַרעקלייגן... איך האָב געכטן, ב״ה, אויך געפאַסט... אַ בוררות געזעסן...

הערשקע האָט א קוק געטאָן אויף דער ערד פאַרן עמוד, אויפגעהויבן זיין ים־שטאָק און גייט צו דער טיר.

אז איך הער אזא מעשה, שפּרינג איך אַרויס פון בית־מדרש, כאַפּ אַ שטויס און לויף צו הינטער יענעם פענצטער, ווו ר' פּתחיה זיצט — אַ קנאַק אַריין דורך דער שויב, באַלד די געהירן אַרויסצולאָזן... איך קוק מיך גאָר נישט אום און צייט איין מינוט בין איך שוין אינדערהיים, נאָך איידער הערשקע רירט זיך מיטן שטאָק...

צעקאָכט בין איך, רעד איך נישט א וואָרט, דערצייל גאָר נישט, נאָר כאַפּ דאָס איזערנע שטייסל פון אונזער מערזשער און שטעל מיך ביי דער טיר — לאָמיך זען, ווער עס וועט די טיר עפענען!... נאָר דער טאַטע מיטן ברודער טון צו מיר אַ לויף־צו. וואָס טוסטו, וואָס טוסטו!... רייסן מיך

אַוועק, די מאַמע אויך... איך שריי: הערשקע שמש גייט... און זיי גאָר־נישט... נעמען מיר צו דאָס שטייסל און שווייַג „לאָמיר נאָר הערן, זאָגט דער טאַטע, נאָך וואָס ער קומט, זאָל ער נאָר אַרייַנקומען”... — — — —

אינדעם עפנט זיך די טיר — ברוך הבא. — הערשקע מיטן ים־שטאָק, טוט אַ ציִ אַרויף די ברעמען, אַ קוק אויפן טאַטן, ווי מיט אַ שפּיז... און טוט אַ זאָג: „מלך, דער רב איז אויף דיר גוזר, דו זאָלסט ברענגען דעם זון דייַנעם אין דער בית־דין שטוב!” אָפּגעזאָגט, טוט ער אַ קלאַפּ צו מיט דער טיר, ער איז שוין נישטאָ...

דער טאַטע רייַסט זיך די האָר פון קאָפּ, די מאַמע וויינט, חלשט, פאַרפאַלן... און דער ברודער זאָגט: ער גייט נישט.

דער שמש קומט נאָך א מאָל, נאָך א מאָל, מתרה געווען, דער ברודער הערט נישט. קומט ער, הערשקע, מיט צוויי טרעגער און מען נעמט אים מיט געוואַלט, דעם ברודער.

אין שטוב איז געוואָרן יום־כפּור, אין דרויסן — א געלויף... מען פאַרהאַקט געוועלבן און מען לויפט... איך אויך, מיט א געוויין לויף איך נאָך דעם ברודער ביז צום רבס שטוב. מען האָט מיך נישט אַרייַנגעלאָזט און דאָ ביי די פענצטער שטייט מען קעפּ אויף קעפּ, ווי די בינען אָנגעקלעפּט... ביי דער טיר אויך דאָס אייגענע.

פּלוצלונג, צערוקט זיך דער עולם, מען מאַכט א וואַרע — ר׳ פּתחיה קומט אָן... ער לעבט, זע איך... גייט ער אין דער שבתדיקער יופּיצע און אין קאָלפּיק, א פאַרצייטישע זאַך... ער און נאָך א פּאָר חשובים, זאָל זיי די ערד אַרויסוואַרפן, גייען זיי אַרייַן אין דער בית־דין שטוב.

וואָס דאָרט האָט זיך געטאָן, ווייס איך נישט. נאָר עס האָט געדויערט אַן ערך פון א שעה, פירט מען דעם ברודער אַרויס פון דאָרט גלייך אין שול אַרייַן!

דער גאַנצער עולם איז נאָך, קינד און קייט, אַלץ לויפט אויפן שוואַרצן ווינקל. אין שול האָט מען דעם ברודער אַרויפגעפירט אויפן בלעמער און ער האָט געמוזט זיך מתודה זיין... נאָך ווייניק, זעצט מען אים אַרייַן אין קוניע — אזא באַזונדער שטיבל אין פּאָליש — א פאַרצייטישע זאַך... איז ער דאָרט אָפּגעזעסן א מעת־לעת. דער עולם האָט אַרייַנגעשפּיגן דורכן פענצטערל, און יונגוואַרג, ממזרים, ערב־רב, האָט אַרייַנגעוואָרפן שטיינער און זאַמד — — —

נאָכן מעת־לעת איז דער ברודער אַהיימגעקומען, שוואַרץ ווי א קויל, די אויגן אייַנגעפאַלן — — — אַ פּחד... נאָר אַזאַ רציחה, זעט מען נישט אַזויבַס. טוט ער א לויף צו צו דער וואַנט, כאַפּט אַראָפּ די תפילין,

און צעשמעטערט זיי אין איך אויגנבליק און די רציחות — אויף פיץ פיצעלעך... דער טאטע און די מאמע פאלן צו צו אים — זונעשי... טוט ער זיך א ריס אויס און ארויס פון שטוב — — —

האט מען נישט געהערט פון אים א פאר וואכן, ביז מען האט זיך דערוווסט, אז ער איז דא נישט ווייט ביי א גלח... געשמדט זיך... און חתונה געהאט אין דארף. פאר דאס, ביי שול־קלאפן, האט דער שמש אונ־דזער לאדן אויסגעמיטן... די טאטע־מאמע האבן דאס פנים נישט ארויס־געוויזן אויף דער ליכטיקער שיין, און פאר צער איז דער טאטע באלד גע־שטארבן — — —

די מאמע האט זיך גענומען טראגן באלעבאטישע פעקלעך גרעט צום טויך, און איך — כאפן א בייגל פון די מולטערס אראפ... דער ברודער פלעגט טייל מאל, אין א מארק־טאג, קומען אין שטאט אריין, געשטעלט זיך מיט א טישל חזיר אין מיטן מארק... אז יידן פלעגן זיך אפשטעלן קוקן, האט ער ארויסגעבלייזט די צונג... האט מיך איינמאל די מאמע צוגעשיקט צו אים, ער זאל רחמנות האבן אויף איר און נישט קומען מער, האט ער איר צוליב געטאן. און מיר, איך בין געגאנגען אפנעריסן, האט ער געגעבן צוועלף גילדן אויף העמדלעך מיט הויזן — פארט א ברודער...

און איינמאל, זומער באגינען, קלאפט עמעצער אן אין דער טיר. די מאמע גייט אראפ עפענען, קומט ער אריין, וויל איר געבן געלט, וויל זי נישט. גייט ער, טוט מיך אן און נעמט מיך אן ביי דער האנט... די מאמע לאזט נישט. בעט ער זי, זי זאל לאזן מיך גיין ווייזן אים דעם טאטנס קבר... בין איך געגאנגען און געוויזן אים, איז ער געשטאנען פון ווייטנס. געדענק איך, און געקוקט שטיל מיט טרערן אין די אויגן... דאס פנים בלאס, איינגעצן יקדיש, נאר וואס דער שפענצער מיטן היכל אנדערש. דערנאך האט ער ארויסגענומען עפעס א גילדן דרייסיק, שטופט מיר אריין אין דער האנט, איך זאל געבן דער מאמען אויף א מצבה... נאר גע־שטעלט האט מען נישט — מיך האט ער געקושט און איז אוועק מיט אן הינטער־וועג, קיינער זאל נישט וויסן...

איך בין אלט געווארן א יאר זיבעצן, האב איך מיך שוין געקענט באגיין אן בייגל־כאפן. דער היגער פריץ, ווערזשבינסקי, האט געהאט א פראפינאציע, א האלבן גילדן דעם טאפ בראנפן, אריינפירן פרעמדן האט מען נישט געטארט. דער פריץ האט געלאזט איינזעצן... נאר ווער האט געקוקט? באלעבאטים פלעגן ברענגען פונדאנען, פון דארט, מען האט געברענגט. פלעג איך שוין האבן אזא געניטן קוק — פון אונטער דער

ערד האָב איך דערשנאַפּט... און יענער האָט זיך געמוזט אויסקויפן פאַר א וואָס־עס־איז... אַנישט, האָב איך געזאָגט, גיי איך צום פּריץ... און נאָך איז געווען, היינט זעט מען עס גאָר נישט, גאָר אַנדערע מענטשן, אפילו הייזער אַנדערע... פּאָרציִיקטנס, א הויז מיט א פּאַטשינע, א שפּייכלער מיט א פּאַטשינע און אזוי כסדר... באַלעבאַטים פלעגן זיך צונויפקומען אויף דער פּאַטשינע, שמועסן, דערציילן מעשיות, ליצנות טרייבן, אָדער גאָר חשבונען אויף דער טיר מיט שטיקער ווייסליים אין די הענט... ווי זעט מען גאָר היינט?... א באַלעבאָס האָט געקאָנט האָבן א שפּייכלער מיט תבואה, א בוידעם מיט ציבעלעס, אז עס האָט זיך אזש געבראָכן... פּאַרצייטישע יאָרן — — — יאָ... פלעגן זיין אזעלכע, וואָס אשטייגער, אַ פּאַראָביק אין אַ הויף האָט געגנבעט אַ קערצל תבואה, האָבן זיי עס ביי אים צוגענומען פאַר א שיבוש... האָב איך שוין דערשמעקט, ווער און וואָס... פלעג אריינקומען צו יענעם באַלעבאָס, על פּי רוב אין שבת, גאָט זאָל עס מיר מוחל זיין! — הער נאָר, באַלעבאָס־לעבן! אזוי און אזוי... איך וויל אייך עפּעס פאַרדינען... אַנישט — שוין, מען האָט קיין צוויי ווערטער נישט גערעדט... און טייל מאָל פלעגט מען מיט מיר דורכקערמען פאַר א שטיק פיש מיט א חלה — — —

אזוי האָב איך אָפּגעפירט א צייט לאַנג, ביז איך האָב מיך דערוווּסט, אז די שטאָט וויל מיך אָפּגעבן פאַר א זעלנער — אין מיקאָלייס צייטן — — — ביטער... וואָס טוט מען? נעכטיקן אינדערהיים האָב איך שוין מורא, וואַלגער איך מיך א נאַכט דאָ, א נאַכט דאָרט, נאָר פאַרהיטן האָב איך מיך נישט געקאָנט. און איינמאָל, איך שלאָף אינדערהיים, קלאַפּט מען אָן שפּעט ביינאַכט. די מאַמע וויל לויפן עפענען, האַלט איך זי איין קודם, דאָס האַרץ האָט מיר עפּעס געזאָגט... כאַפּ איך אויף מיר דאָס אָנטאָן און זאָג דער מאַמען: אזוי ווי זי וועט נאָר עפענען די הויז־טיר, זאָל זי באַלד צוריק אריין אין שטוב, און איך וועל מיך דערווייל שטעלן הינטער דער טיר... אזוי איז געווען, די כאַפּערס זיינען אריין און איך — ארויס... אוועק — — —

צומאָרגנס איז די מאַמע אַריינגעגאַנגען צו ר' פּתחיהן, געוויינט פאַר'ן ער זאָל רחמנות האָבן, האָט ער איר צוגעזאָגט און פאַרענטפערט נאָך, זי זאָל זיך נישט שרעקן, גאַנץ גוט, און איך נעכטיק שוין ווייטער אינדערהיים. פלוצלינג, תחילת נאַכט, אומגעריכט, גייט מען א באַלעגער דאָס הויז און מ'כאַפּט מיך אַוועק ווי א פייגעלע... הינטער דער שטאָט איז געווען די קאַזע, זעצט מען מיך איין — זיץ!...

ביינאַכט חלומט מיך אַ חלום, און קיינמאָל האָב איך אים נישט געקענט פאַרגעסן... מיר דאַכט זיך, אַז איך צינד־אונטער ר׳ פּתחיהס הויז און איך זע, ווי עס פלאַקערט און פלאַקערט... אינדעם, איך וויל שוין אַנטלויפן, כאַפּט מען מיך, מ׳זעצט מיך איין אין דער קאָזע — וואָס אַ חלום איז !...

באַגינען. איך מאַך אויף די אויגן, קוק מיך ארום — אמת... שטעל איך מיך אויף צום פענצטערל און קוק ארויס דורך די קראַטן. פאַר דער טיר ליגט דער סטרוזש, א גוי אין אַ גראָבן סוקמאַן, און שלאָפט ווי געהרגעט. שריי איך ארויס צו אים, ביז ער כאַפּט זיך אויף. פרעג איך: — ביי וועמען האָט געברענט די נאַכט? ... ער רייבט זיך די אויגן און זאָגט: ער ווייסט נישט. ס׳האָט נישט געברענט אין ערגעץ... פאַרשטיי איך דאָך שוין, אַז כ׳איז א חלום און מיר ווערט ביטער אויפן האַרץ פון דער קלאָרער תשר בה... איך געדענק שוין אַלץ, אַלץ... און וואַרף מיך אויף דר׳ערד מיט א געוויין — איין גאָט טאַקע האָט מיר געמעגט ענטפערן. געוויינט פאַר כעס, וואָס איך האָב מיך אזוי מיאוס אָפּגענאַרט.. נאָר פאַרפאַלן — — —

בייטאָג האָב איך געהאט דאָס גאַנצע שטעטל ביים פענצטערל... זיי האָבן דערלעבט..

פאַרנאַכט, בעט איך דעם סטרוזש, ער זאָל מיר שאַפן א פרישן טרונק וואַסער. איך בין קראַנק, זאָג איך אים. נאָר ער וויל נישט, האָב איך געהאַט א פּאָר גראָשן, גיב איך אים אַוועק און בעט אים נאָך אַמאָל. גייט ער אריין צו א שכן אַ גוי און ברענגט ארויס א קיבל. א ברונעלע איז דאָרט געווען א קליינס, ס׳איז שוין היינט פאַרשיט; די קאָזע, האָב איך געזען, איז שוין אויך א קופּע צעבראָכענע ציגל... נעמט ער, דער סטרוזש, שעפּט אָן א קיבל וואַסער, ברענגט מיר צו צו די קראַטן, קען נישט אריין.. גייט ער אריין דערלאַנגען דורך דער טיר. ווי ער שליסט אויף, א געזונטער יונג בין איך געווען, קריגט ער פון מיר א קנאַק, דרייט ער זיך איבער און איך בין ארויס... און גלייך צום ברודער אויפן דאָרף — — — —

איך בין אהין געקומען א שטיק אין דער נאַכט — — — „ברודער, ראַטעווע מיך!” דערצייל איך אים די גאַנצע מעשה. ער ווערט אַנגעצונדן פאַר כעס און די טרערן שטעלן זיך אים אין די אויגן... דאָס ווייב, א יונגע שיקסע נאָך, האָט געוויינט, קוקנדיק אויף מיר, און געשאָלטן יידן מיט טויטע קללות... גאָט זאָל עס מיר מוחל זיין.

דער ברודער איז ארויס פאַרמאַכן דעם לאָדן, קיינער זאָל מיך נישט זען.. דאָס ווייב האָט מיר דערווייל געגעבן עסן און טרינקען. דערנאָך האָט זי געלייגט שלאָפן די קינדער, צווי שרצימלעך שוין געהאט, און דער

ברודער האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן בוידעם, אַ פולער בוידעם היי, און געלייגט זיך שלאָפן מיט מיר צוזאַמען...

---

באַגינען, אין דרויסן האָט געבלויט, וועקט מיך דער ברודער. איך שטיי אויף. גייען מיר אַראָפּ. דאָס ווייב איז שוין אויף. ביים קוימען שטייט זי אין אַ האַלב קליידל, דאָס פויערישע מיט די בלויע און רויטע פּאַס־קעלעך... אַ רויט קאַפּטאַנדל אַ לייכטס, די ציצן אַזש שטאַרן אָפּ... און דאָס פּנים רויטלט זיך און די אויגן בלישטשען קעגן פלאַקערנדיקן פייער, ווו זי שוימט אָפּ פון אַ טעפּל. דערזעט זי מיך: דזשען דאָברי, שוואַגדשע, ווערט זי פריילעך און דערלאַנגט מיר באַלד אַ טעפּל קאָכנדיקע מילך מיט ברויט. וואַש איך מיך אָפּ און נעם עסן.

דער ברודער איז דערווייל געווען אין דרויסן. דורכן פענצטער האָב איך געזען, ווי ער טרייבט אַרויס די קו פון שטאַל — אַ קו אַ שיינע... באַלד קומט ער אַריין און זעצט זיך, אַ לאַנגע הילצערנע באַנק איז גע־שטאַנען פאַרן בעט, ווו די קינדער ליגן, זעצט ער זיך. און אַזוי פאַר־טראַכט, אַזוי בלאַס האָט ער אויסגעזען — אַ רחמנות... אַז איך האָב אָפּגע־געסן, מאַכט ער צו מיר: הער, לאַנג זיין דאָ קאָנסטו נישט... און קום מיט מיר — — —

גייען מיר אַרויס פון שטוב און מ׳גייט.

אין איין עק וועלדל בלייבן מיר שטיין און דער ברודער הייבט אָן צו וויינען... דערנאָך מאַכט ער צו מיר: הער מאָטל... שמדן — נישט! זיי אַ ייד... איך בין אויך... זאָגט ער, און ווייזט מיר אין אַ שפּאַלט פון אַן אַלטן בוים האָט ער ליגן אַ תהילימל — — — נאָר וואָס דען, זאָגט ער, איך וועל דיך אָפּשטעלן אין אַ שטאָט אַריין, געבן דיר געלט גענוג און דו כאַפּ דיך צו אַ גרענעץ...

איך בין באַשטאַנען און ער הייסט מיך וואַרטן אין וועלדל, ביז ער וועט איינשפּאַנען זיין פערד און וועגעלע און צופאָרן נאָך מיר.

דער ברודער איז אַוועק צו דער שטוב און איך בלייב אַליין.

זיץ איך אין וואַלד. זיץ, זיץ, און טראַכט, וואָס מיין סוף וועט זיין. דערווייל איז דער ברודער אָנגעפאָרן און איך זעץ מיך אַריין אין וועגעלע און מ׳פאָרט אַוועק קיין לובלין.

---

אין לובלין האָט מיר דער ברודער געגעבן צוויי הונדערט גילדן. גע־זעגנט זיך און אָנגעקושט וויפל ער האָט געקענט און איז צוריק אַהיים.

איך ווייטער, קיין קאַליע־שטריך איז נאָך דעמאָלט נישט געווען, האָב איך מיך געכאַפּט צו ביסלעך פון איין שטעטל אין אַנדערן. איך בין אַריבער די גרענעץ קיין גאַליציען...

אין גאַליציען האָב איך מיך געלערנט שמוקלעריי. ביטער איז מיר געווען און דאָס בענקשאַפט אַהיים, ווייסט איך גאָט אין הימל... נאָר פאַר פאַלן, ווייל אין דער היים, ווייס איך, איז דאָ אַ ר׳ פּתחיה... ער קוקט מיך אויס — קורץ דערפון, כ׳האָב מיך אויסגעלערנט די מלאכה און שפּעטער האָב איך חתונה געהאַט. נאָר איין אומגליק — זי איז אַן עקרה געווען... אייִדער וואָס, איידער ווען, נישט אַזוי גיך ווי עס רעדט זיך, איז דערווייל אַריבער אַ יאָר פופצן־זעכצן. דערנאָך האָב איך מיך געגט, חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערע, האָב איך מיך שוין גאָר באַגראָבן. אַן אַלטע, שוין, זי האָט מיך געגנאַרט אין די יאָרן און קיין קינדער נישט געהאַט שוין... שפּעטער איז זי אפילו געשטאָרבן. נאָר איך בין שוין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פינף און זעכציק, שוין גרויע האָר און אַן אָרימאַן, ווער וועט מיך שוין נעמען? אַזוי איז מען איין שוואַלב... שטאָק־אַליין — — האָב איך מיך מישב געווען: וואָס האַלט דאָס מיך צו, איך זאָל זיין אויף דער עלטער אין אַ פרעמדער מדינה, וואָס, ווען, די קינדער, די אייניקלעך?... זאָל זיין, זאָג איך, ווי גאָטס ווילן, לאָמיך פאָרן אַהיים שטאַרבן, אַלץ וועט מען דאָך מיך אַצינד נישט אַפּגעבן פאַר אַ זעלנער...

דער אַלטער האָט אָפּגעזיפצט, אַראָפּגענומען די אויגן פון ישראלן און איז שטיל געבליבן.

אין אַ ווײַלע אַרום טוט ער זיך פלוצלינג אַ הייב פון געלעגער, קריכט אַראָפּ, רוקט אָפּ אַ פּאָר שטעק־ייך פון אונטער דער באַנק און פון געלעגער אַראָפּ נעמט ער אויף זיך דאָס היטל און אַ צעריסענע וואַטענע קאַפּאָטע און וויל גיין.

— און דער ברודער — פרעגט ישראל — דער ברודער איז שוין געשטאָרבן?

— קענט וואָס פרעגסטו, ישראל?

— קענן ירושה...

— שוטה... — מיט דער אַלטער אַ שאָקל מיטן קאָפּ און נעמט גיין צו דער טיר.

— וווּ גייט איר ר׳ מאַטקע? — שרייט ישראל נאָך.

— ע, איך קום באַלד אַריין...

— אליין, אפשר מיטגיין?

— ניין, ניין, ישראלקע, מען דארף נישט...

און ישראל קוקט אים נאך, ווי ער גייט ארויס פון בית־המדרש.

---

אין דרויסן שיינט די לבנה. ר' מאטקע זוכט עפעס ביי דער ערד.. ער געפינט א שטיין און טראגט זיך מיט אים אין מארק אריין. דארט בלייבט ער שטיין פאר א חורבה מיט צוגעשלאגענע ברעטער איבער די פענצטער — נאר אין דער הויך איז דאס פענצטערל פונעם בוידעם־שטיבל אפן געפראלט און קוקט מיט א פינצטערן בליק אין הימל אריין... די לבנה שטייט קעגן איבער און קוקט אריין אין דעם חרובדיקן פענצטערל, ווי אין א פינצטערן לערן תהום.. ר' מאטקע קוקט אויך... שטיל איז ארום, אלץ שלאפט און ר' מאטקע שטייט און קוקט... די שטערנדלעך קוקן... א שטיקל וואנט פון אינעווייניק בלייכט זיך פאר דער שטילער לבנה און ר' מאטקע קוקט — ער געדענקט א העל באלויכטן פענצטערל און ר' פתחיהס קול מיטן גמרא־ניגון... ער געדענקט, ווי דאס פענצטערל האט אויסגעזען די נאכט פון ט"ו כסלו, ווען חברא קדישא האט געמאכט סעודות... ער געדענקט עס אויך ביי אן אסיפה... נאס פלוצלינג טוט ער א הייב די האנט און א ווארף ארויף דעם שטיין — נא, ר' פתחיה! — — — אין בוידעם כאפט זיך אויף א געקלאגעריי פון קעץ . . . . . . . . . . . . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א לעצטן פייערדיקן בליק פון נצחון און פאראכטונג ווארפט נאך דער אלטער אויפן פענצטערל און קערט זיך צוריק אום אין בית־המדרש אריין. דארט לייגט ער זיך צוריק אויף זיין געלעגער, אטעמט לייכט אפ און פון אלטן גליקלעכן הארץ רייסט זיך ארויס: אציגד, גאט, אז איך האב שוין מיין חוב אפגעגעבן, קענסטו דיינעם שוין נעמען!...

# א טאַטע מיט בנים

שלמה דער גראָבער קאָפּ, — אַזוי האָט אים חנה־לאה, זיין ווייב, א־צו־גאָמען געגעבן, ווייל פּרייטיק פּאַרנאַכט, ווען יידן גייען שוין אין שול אַריין, נעמט ער מיט זיינע צוויי בנים ערשט דעם טאָפּ צומעס צווישן די פיס אַריין, און אַלע דריי מיט די קעכער־לעפל אין די הענט און מיט רויטע דערהיצטע פּנימער, ווי די טעריקן, רייבן לעפל איין און לעפל אויס אין די „פּיסקעס" אַריין, ביז עס בלייבט קיין שריד און פּליט נישט איבער פאַר חנה־לאהס וועגן אויף שבת אינדערפרי, — איז דער „שלמה דער גראָבער קאָפּ" נעמט זיך זונטיק באַגינען דאָס זעקל מיט דעם שטעקל אין האַנט אַריין, — ער האָט זיך די נעגל אפילו נישט אָפּגעגאָסן! — און מאַרש אין דאָרף אַריין, ער מיט דעם יינגערן זון, משהלע ברוטאַן. דעם עלטערן, פּנחסלען, האָט ער מורא צו טשעפּען. ווי אַז אַמתער „סאָלדאַט", די מוטער רופט אים טאַקע „זעלנערטשיק" — ליגט ער זיך אויסגעלייגט אויף זיין טאַפּטשאַן פון לאָקשן־ברעטער אויף שטולן מיט מולטערס צוקאָפּנס און מאַכט פול מיט זיין כראָפּען דאָס קליינע שטיבל מיט די גרויע ווענט, ליגנדיק מיט די נאָזלעכער צום בעליק אָנגעשטעלט און מיט די נאַקעטע עלנבויגנס פאַרוואָרפן אונטערן קאָפּ.

— זאָל ער שלאָפן, דער יונג — גיט שלמה צום יונגערן זון א זאָג, אויף די שפּיץ נעגל, צוליגנדיק א פינגער צום מויל, ווי איינער רעדט: האָב אים א שוואַרץ יאָר, און לאָמיר זיך ארויסמאַכן און אַנטלויפן אין דאָרף אַריין, וועסטו האָבן דאָס „אַנרייסעניש".

און מען גנבעט זיך שטיל מיט חעם זעקל אויף די פּלייצעס און מיט דעם שטעקן אונטערן אָרים פון שטוב אַרויס, אַז חנה־לאה אין דעם ווייסן שלאָף־קופּקל, וואָס ליגט האַרט באַגראָבן מיטן קאָפּ אין קישן אַריין,

הייבט גאָר נישט אָן צו הערן אפילו דעם סקריפּ פון דער טיר, ווען אירע צוויי פּרנסה־געבערס שאַרן זיך אַרויס אין דרויסן.

אין שטוב ווערט שטיל. דער ווייסלעכער טאָג לייכט שוין דורכן פענצטער אַריין און ווייסט דאָס שטיבל אויס. נאָר שלמה מיט דעם זון זייַנען שוין אַצינד צוויי פריַיע פייגל.

— זעסט, טאַטע — ווייזט אים משהלע ברוטאַן אַ צעקאַלעטשעטן באָרוועסן פוס, הייבנדיק אים אין דער הויך און אונטערטאַנצנדיק דערוויַיל אויפן צווייטן — זעסט, דאָס האָב איך מיר איַן אַ שטיין אָפּגעכמאַליעט. .. ער ווייזט אים אַ רויטע ווונד פון רוי־פלייש אויף אַ שוואַרצן פאַרבלאָטיקטן פוס.

— אַ כפרה פאַר אַ הונט! — ענטפערט אים דער טאַטע מיט אַ זייַטיקן קוק, — איך קאָן אויף אייך מיין קאָפּ נישט אַרויפזעצן. יונגען זאָלן זיך מאַג און נאַכט אַרומיאָגן.

און משהלע ברוטאַן פאַרשנירט זיך שטאַרקער די הויזן און מאַרשירט מיט דעם טאַטן גלייך, פילנדיק, אַז נישט פּנחסל, נאָר ער איז דעם טאַטנס רעכטע האַנט. אין דער וועסטל־קעשענע האָט ער אַ פינגערהוט, אַ נאָדל־טעשל מיט נאָדלען, דאָס וואָס געהערט צו אַ מיטהעלפער, צו אַ האַנטיִונג, און דער טאַטע האָט ביי זיך אין זעקל דאָס, וואָס געהערט צו אַ מייסטער: אַ שלאַק, אַ מאָס צו נעמען, אַ קויל ווייס־ליים צום צייכענען און אַ שער צום שנייַדן. און זיין בן, משהלע ברוטאַן, איז אים מקנא. ער וועט נאָר כאַפּן דעם שניט פון טאַטן — וועט ער זיך אַליין אויפכאַפּן אין אַ זונטיק באַגינען און אַוועקלויפן אין דאָרף אַריין איינער אַליין, אַזוי, אַז מען זאָל נישט וויסן, ווו ער איז אַהינגעקומען. די מאַמע וועט אַרומלויפן, ווי פאַרסמט, און ברעכן די הענט, ווער וויים, אפשר איז איר זון דערטרונקען געוואָרן, אָדער אפשר האָבן אים טייוואָלים אַוועקגעשלעפּט אין אַ וואַלד און חתונה געמאַכט מיט אַ קאַלב. .. אפשר אַזוי. .. און ער, משהלע ברוטאַן, וועט זיך זיצן ערגעץ איַן אַ דאָרף אַ גאַנצע וואָך, עסן געבראָטענע קאַרטאָפלעס מיט וויער־מילך, און פרייטיק פאַרנאַכט וועט ער ערשט געבן אַ קום צוריק אין שטעטל אַריין, — די ברענענדיקע בענטש־ליכט וועלן שוין פון אַלע פענצטער אַרויסשיינען, און ווייבער וועלן אים נאָכקוקן, וואָס פאַר אַן איינרייסער (אַ פאַרדינער) פון אַ יונג ער איז. .. ווי ער גייט אַ דערהיצטער פון וועג, אַ פאַרשטויבטער. .. — און דעמלט וועט ער געבן אַ קום אַריין צו זיין מאַמען חנה־לאהן, וועט געבן אַ וואָרף אַראָפּ דאָס זעקל פון זיך, און געבן איר אַ גיב אַוועק אַ גאַנץ פינפער־קערבל, אַ חוץ אַ „סאַלענדרע“, וואָס ער האָט אין זעקל געבראַכט: אָטאָ דאָ

האָסטו — נאַ מאַמע!... — וועט ער איר געבן א זאָג: — אָטאָ האָס האָב איך פאַרדינט, און אָט האָס נאַ דיר!...

און ער שטעלט זיך פאָר, וואָס פאַר א שבת עס וועט דעמלט זיין, ווי די מאַמע וועט אים רוקן שיסלען, איינע נאָך דער אַנדערער, און ער וועט זיך מאַכן דעמלט פאַר אַן אוידעלן, פאַר א שטילן און א קליינעם עסער...

פאַר גרויס פרייד גליען ביי משהלע ברוטאַל די אויגן, און ער קוקט מיט א גלאַנץ אין זיי אויפן זאַמדיקן וועג אַרויס, שוין אַרויסקומענדיק מיט דעם פאָטער אויפן באַרג הינטער דער שטאָט, ווו דאָס גרינע פעלד מיט דעם ווייטן בלויען וואַלד שפּרייטן זיך פאַר זייערע אויגן אויס, ערגעץ אין דער ווייטער וועלט אַריין.

משהלע קוקט, ווי אין מזרח־זייט פאַר זונען־אויפגאַנג שפּילט דער הימל אין אַלערליי פאַסן, פייער־רויטע און ברוין־רויטע און ער בלאָזט אָן די באַקן און פרעגט דעם טאַטן, צי עס האָט נישט אַמאָל געברענט די נאַכט אין דאָרף, ווו זיי גייען ערשט?

— גראָבער קאָפּ... — זאָגט דער פאָטער — דו זעסט נישט, אַז די זון גייט אויף?

און משהלע קוקט זיך נאָך אַמאָל איין אויף יענער זייט, זעט, ווי די זון שטייט טאַקע אין לאַנגן תכלתנעם וואָלקן־פאַס אַרונטער פאַרוקט, און שיינט אָפּער פון אויבן מיט שפּיצן ליכטיקייט אין הימל אַריין, ווי מיט לאַנגע הערנער — און פאַרשטייט ערשט, אַז דער טאַטע איז גערעכט...

ער זעט, ווי פרי ס'איז נאָך... אין טיפן פעלד, ווייט אין טאָל — שטייען א פּאָר אָקסן און א פויער מיט דעם העמד איבער די הויזן און א ברייטן שטרויענעם קאַפּעלוש אויפן קאָפּ — און אויף אַלץ אַרום ליגט נאָך די נאַכטיקע שטילקייט, און א טונקעלע רויקייט רוט הינטערן ווייטן בלויען וועלדל, — אַזוי, אַז די אָקסן און דער פויער זעען דאָ אויס ווי פאַרסודעט, ווי גלאַט אַרויסגעשטעלט אונטערן בלויען הימל אַרונטער.

נאָר אין דער לופט קעגן דעם לאַנגן בלויען וואָלקן־פאַס, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט איבערן מזרח־ראַנד צווישן הימל און ערד — דערהויבט זיך שוין אַן איינציקער פויגל, הויך און גלייך איבער איין אָרט, און דאָס שאַרפע מאָרגן־געשוויטשערי פון דעם קליינטשיקן באַשעפעניש, וואָס טונקט זיך מיט פלאַטערנדיקע פליגעלעך אויף און אָפּ און אין דעם וואָלקן־פאַס — פילט אָן די לופט מיט א זיס געשפּילעריי, און א זיסקייט צעגיסט זיך אין דעם מאָרגנדיקן ליכט — ביז דער פויגל קומט אַלץ העכער און העכער, ווי א שוואַרץ פּינטעלע אין וואָלקן אַריין, און דאָס פּישטשען זיינס הערט זיך קוים, ווי פון אונטער א ווייטער וועלט אָפּער. און אָט אונטער יענער ווייטער וועלט, ווו דער פויגל איז שוין איצט, וועט משהלע זיין שפּעטער,

ערשט אין צוויי שעה ארום, ער מיט דעם טאטן זיינעם. דער פויגל מוז שוין אוודאי ארויסזען, קוקנדיק פון דער הויך אראפ, יענע ווייטע שטרוי־ ענע דעכלעך מיט די אפגעווייסטע ווענט, מיט די איינציקע פענצטערלעך, וואס קוקן אויפן זאמדיקן וועג ארויס. דער פויגל מוז זיי שוין אוודאי זען — און ער וועט ערשט זיין שפעטער דארט.

ווי גוט וועט דאס — טראכט ער — זיין... דער טאטע וועט זיך שטעלן דאווענען אין פאכטערס טלית און תפילין, אין פאכטערס שטוב ביי חעם פענצטער, ער וועט זיך אויך שטעלן דאווענען — און דער פאכטער וועט דערנאך געבן אנבייסן א שיסל צווארעך מיט א שטיק שווארץ „אוקריץ" — אז דער רוח וועט עס נעמען.

נאר דער טאטע שלאגט אים איבער, און מיט א וויש פון זיין ארבל אין משהלעס, ווי ער וואלט אים געוואלט עפעס א משעפע טאן, גיט ער אים א פרעג:

— צי דו, משהלע, האסט נישט געהערט, די מאמע האט עפעס גע־ קרעכצט?...

— וואס געקרעכצט? — פרעגט משהלע ברוטאל, אנקוקנדיק דעם טאטן מיט א האלב אפן מויל און אויפגעבלאזענע ליפן.

— צי זי האט נישט געקרעכצט?...

— וואס געקרעכצט?

— גיי, דו בהמה דו! — גיט ער אים צוריק, ווי א ווארף אפ פון זיך. און ווייטער מיט א זייטיקן קוק: — דו פארשטייסט נישט, וואס מען רעדט צו דיר...

נאר משהלע מאכט זיך גאר נישט פארשטיין... ער ווייס, אז דער אלטער מאכט נאך א ברית, און די מאמע, חנה־לאה, ריכט זיך אי ליאדע טאג ארויסצוווארפן נאך א בן פון די געדערעם ארויס... נאר וואס ארט דאס אים? לאז דער אלטער מיינען, אז ער פארשטייט זיך גארנישט אויף אזוינע געשעפטן...

און אזוי נארנדיק זיך איינער דעם אנדערן, הייבן ביידע די לעפל, שטעלן וואס אמאל געשווינדערע פיס אין דארף אריין.

— רודער צו מיט אן אבר!... — טענהט דער טאטע צום זון. — איך בין מיט א יאר עלטער ווי דו — טענהט ער — און זע, ברוך השם, ווי איך גיי!

און אזוי גייענדיק מאכט ער וואס אמאל גרעבערע שפרייזן, שארכענ־ דיק מיט די כאליעוועס אין די פאלעס. און ווען ער שטעלט זיך נאך אפ א מינוט אויפן גראז ביי דער זייט וועג און ווארפט די שטיוול אראפ פון זיך — דעמלט לויפט שוין משהלע אונטערטאנצנדיק א גאנצן וועג אויף

דעם צעקאַליעטשעטן פּוס — און קאָן אים דעם גאַנצן וועג נישט דער־ באַפּן, ביז זיי ווערן פאַרשווונדן ווייט איבערן פעלד אַוועק...

---

ערשט דרעמלט כאַפּט זיך חנה־לאה אויף פון שלאָף. דאָס ערשטע זעט זי אַביסל אומטערהייבנדיק דעם קאָפּ פון געלעגער, אַז דאָס צווייטע בעט איז שוין לאַנג אויסגעליידיקט. און דערנאָך — ווען זי גיט אַ קוק אין פענצטער אַריין און זי דערזעט, ווי הויך די זון שטייט שוין אין בלויען הימל — שטעלט זיך איר פאַר דאָס פעלד מיט אירע צוויי פּרנסה־געבער, ווי זיי ביידע, גייען באָרוועסערהייט, די הויזן פאַרקאַשערט איבער די שטערנס, די פּנימער צעיאַכמערט, און ער, דער אַלטער, טראָגט די שטיוול אויף דעם אַקסל. זי גיט אַ קוק צום זון אויפן געלעגער, ווי שנאָרכן ער שנאָרכט מיט זיין געזונט רויט געזיכט, ווי די ליפּן בלאָזן זיך און ווי די נאָזלעכער הייבן זיך, עפּעס פּונקט ווי אַ גאַנצע פּאַרע־מאַשין וואָלט דאָ געאַרבעט — טראַכט זי זיך: רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ נבוזראדן האָסטו דאָס דאָ אָנ־ געשיקט אויף מיר?... — נאָר, אַז זי גיט אַ קוק אויף זיינע צוויי פאַר־ מאַכטע אויגן, טראַכט זי שוין אַביסל שטילער, אַז ס'איז נאָך פאָרט גוט, וואָס דער רשע שלאָפט אַמאָל... און דרעמלט פילט זי ערשט, וואָס פאַרא מחיה ס'איז פאַר דער וועלט, ווען דער רשע שלאָפט.

וואָרן פּנחסל טוט נישט מער ווי אַזוי: פּאַקט זיך איינדערפרי אָן צוויי קעשענעס מיט פּלעץ — און היידא אַרויס אויפן פּלאַץ צו אַ חברה יונגען, צו אַ חברה טויבן. אָדער ער גיט נאָר אַ כאַפּ אין מיטן העלן טאָג אַ פערדל פון מאַרק אַראָפּ, נישט קיין נפקא מינה, וועמעס האָט עס אָנ־ דערגעשטעלט — און אַנטלויפט דערמיט צום טייך באָדן עס אויף אַ גאַנצן טאָג, און פּאַשען עס אויף אַ גאַנצן טאָג אויפן „פּאַסטעכניק" הינטער דער וואַסער־מיל. און טאָמער וויל ווער קומען פון שטאָט, דאָס פערד אָפּנעמען, אָדער אַ פּאָר יונגען מיט טייטלענדיקע הענט ווילן לויפן פאַרויס: אָט אָ דאָ, דאָ — איז ער... — שטייט ער די גאַנצע צייט, מיט איין אויג קוקנדיק אויף יענער זייט לאָנקע... און ווי נאָר עס מאַכט זיך עפּעס אַ שטיקל מהומה, ער זעט, אַז דער שטומפּ קומט אָן — גיט ער זיך אַ וואָרף אויף דעם פערד אַרויף — און — „פּאַשאָל און פּאַשאָל" — גאָר מיט אַ הינטער־ וועגל הינטערן צמענטאַזש — גלייך אויפן שאָסיי אַרויף. דאָרט איז ער שוין ווייטער אַ פרייער פויגל, — און גייט טוט אים עפּעס, ווען ער זיצט אויפן פערדל... דאָס פערדל שטעלט ער צוריק אָפּ אויף דעם אָרט, וווּ ער האָט

עס געקומען, ווען זיין האַרץ גלוסט, און ווען דאָס גאַנצע שטעטל ריכט זיך שוין נישט דערויף. און אין אַלע ווינקעלעך קאָכן רעדלעך מענטשן, אַז פּנחסל האָט געגנבעט אַ פערדל...

נאָר איינמאָל האָט ער טאַקע אָפּגעטאָן אַ מיאוסע מעשה, ער האָט ביי אַ שיקסע, גייענדיק פון „טומאה" צווישן נאָך פויערים און פויערטעס, אַרויסגעכאַפּט אַ בינטל שפּראַצונגען, — די ערשטע שפּראַצונגען פון זייערע געהטנער, צונויפגעקליבן פון אַלע מינים, וואָס זיי ברענגען זיי, דער גלח זאָל באַשפּריצן, אַז ס'זאָל הייריאָר געראָטן — האָט ער אַזאַ בינטל אַרויסגעכאַפּט ביי אַ שיקסע און זי נאָך גאַנץ גוט אָנגעהרגעט. דעמלט האָט מען געמועסט, אַז, אהא, פּנחסל וועט שוין די ליכטיקע שוין נישט אָנקוקן. און דער טאַטע האָט אים פאַרגעוואָרפן, וואָס ער כאַפּט שיקסעס אין מיטן דער גאַס. נאָר פּנחסל האָט דעם טאַטן געגעבן צוריק אַן ענטפער, אַז ער ווייסט נישט, וואָס ער האָט געטאָן בחור־ווייז, איידער ער האָט מיט זיין מאַמען חתונה געהאַט... אַזוי האָט ער אים געענטפערט, און דער טאַטע מיט דעם זון האָבן זיך דעמלט געפילט אָנגעשטויסן איינער אויף דעם אַנדערן, ווי צוויי ציגן, אַנטרעפנדיק זיך הערנער אין הערנער אויף איין ברעט...

נאָר פּנחסל האָט שוין געוווסט, ווי אַזוי דעם טאַטן איבערצובעטן... פון דער מאַמען האַלט ער נישט, נאָר מיט דעם טאַטן, ווייל ער נישט פירן קיין ברוגזן...

האָט נאָט געהאָלפן, און אין שטאָט אַריין איז פאַרבלאָנדזשעט אַ „קאַרוזעליע" מיט קונצנמאַכערס. פּנחסל איז דערפרישט געוואָרן, און ווי נאָר דער עלטסטער קונצנמאַכער מיט דעם גאַנצן געזינדל שיקסעלעך און שוואַרצן ווייבערל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ ציגיינערין מיט צעפּ, — ווי נאָר זיי האָבן דעם מיטלסטן סלופּ אויפגעשטעלט אין מיטן מאַרק, האָט שוין פּנחסל געהאָלפן די שטריק מיט די פלאַכטעס אויפציען, די הילצערנע פערדליך צו די געפאַרבטע ברישקעס צוטשעפּען און אויף די דרינגער אָנטאָן. און דעם ערשטן זונטיק, ווען די שיקסעס מיט די שקצים פון די אַרומיקע „פאַראַפיעס" זיינען געקומען אין שטאָט אַריין מיט די גלאַנציקע האַשקעס, מיט די ווייסע אויפגעשטעלטע פאַהלעך — און די שיקסעס מיט די ווייסע פאַטשיילעכלעך אויף די קעפּ — האָט די „קאַרוזעליע" תיכף אָנגעהויבן צו דרייען.

פּנחסל האָט שוין שטאַרק געהאַט נושא חן געווען ביי דעם עלטסטן קונצנמאַכער; ווען ער וואָלט מיט אים מיטפאָרן, וואָלט ער אים אפשר אויך אַ שיקסל געגעבן פאַר אַ ווייב — מי יודע, וואָס פאַר אַ לייט, וואָס פאַר אַ קונצנמאַכער מיט אַן אייגענער „קאַרוזעליע" ער וואָלט שוין היינט

אליין געווען פאר זיך... נאר עפּעס האָט אים דאָס האַרץ נישט געלאָזט מיטפאָרן, כאָטש הער אַלטער האָט אים צוגערעדט. און דאָס עלטסטע שיקסל, א שוואַרצע מיט קאַרעלן־ליפּן, האָט אים דוכט זיך, צוגעווונקען און גע־קוקט אין די אויגן אַריין, ער זאָל באַשטיין.. נאָר ער האָט נישט געוואָלט, האָט ער גענומען דערמלט דעם טאַטן זיינעם, וויזן כאָטש, וואָס פאַר א כבוד ער האָט ביי דעם עלטסטן קונצן־מאַכער — און אַרויסגעפירט אים אין מאַרק אַריין.

און ווי שלמה האָט דערזען דעם קיילעכדיקן דאַך, א קאָפּל פון פלאַכטעס אויפגעצויגן מיט א רויט פענדל און סאַמע שפּיץ, און ווי אַרום און אַרום שטייט א האַלבע שטאָט יונגען און מיידן און ווייבער אויסגעמישט מיט שיקסעס און שקצים פון די דערפער — און ווי איבער זייערע קעפּ, פון אונטערן דעכל אַפּער, מיט וואָס פאַר א סאַמעט און פאַרשידענע צירונגען פון אַלערליי פאַטשעריקעס דאָס מיטלסטע בורדעלע איז עס באַקליידט — און וואָס פאַר א מין מעשענע טרומייטן עס שטייען עס מיט די אָפענע מיילער גלייך אין מאַרק אַריין אָנגעשטעלט — האָט עס אים אַזש ביי דעם האַרץ פאַרכאַפּט, נאָך מער ווי דעם זון, אז אַזאַ שיינקייט זאָל זיך נאָר קאָנען געפינען ביי קונצן־מאַכער אין דער וועלט. און ער האָט זיך געריכט, אז קונצן זאָלן דאָ פאָרקומען, שוין אייגמאָל קונצן... און ער האָט א פרעג געגעבן דעם זון:

— וואָס פאַר א קונצן — וועלן עס דאָ פאָרקומען?...

— הילצערנע פערדליך וועלן אליין לויפן, און ווער עס וועט באַצאָלן א זעקסער — וועט רייטן, ווער א פירער — וועט פאָרן... האָט דער זון צוריקגעענטפערט קורץ און שאַרף.

שלמה האָט זיינע אויגן נישט געגלויבט: פאָרן און רייטן אויף הילצערנע פערדליך... און ערשט אַרייַנשטופּנדיק זיך צווישן עולם און דערזעענדיק די פערדליך געזאָטלט, הינטן ברייטשקעס און נאָך די ברייטשקעס ווייטער פערדליך — האָט ער מויל און אויערן אויפגעמאַכט...

— און דאָס אַלץ — האָט אים דער זון דערציילט מיט גרויסקייט — האָב איך געהאָלפן צונויפשטעלן. — דו מיינסט, אָן מיר וואָלטן זיי שוין אַזוי גיך צונויפגעשטעלט?... און אז דו ווילסט, טאַטע, וועסטו קאָנען רייטן אויף א פערדל, אויך, אומבאַצאָלט, ווי דו זעסט מיך לעבן, אומבאַצאָלט.

שלמהן, דעם גראָבן קאָפּ, האָבן זיך אַזש די באַקן צעשמייכלט, און די אויגן זיינע האָבן געקוקט מיט גלאַנץ אויף דעם סאַמעט און צירונג פון אַלערליי פאַטשעריקעס...

— וואַרט, וועלן מיר זען... — האָט ער זיך אַ בלעט געגעבן איבער דער באָרד מיט אַ בליק אויפֿן זון.

און ווי נאָר די מעשענע אָפּגעפּוצטע טרומייטן האָבן געגעבן אַ זעץ אַרויס: טאַ—טאַ—טאַ—ר—ר—ראַ! טאַ—טאַ—טאַ—ר—ר—ראַ! האָט זיך שוין שלמה נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט זיך אָנגעהויבן מיטצוזינגען דעם מאַרש, וועלכן ער האָט זיך באַלד אויסגעלערנט און זינגט נאָך עד היום מיט אים די שבתדיקע זמירות, אַזוי אַז זיין ווייב, חנה־לאה, זידלט אים אויס: ווי האָט עס אַ מענטש נישט קיין חרפה, טאַג מיט נאַכט דעם איינעם ניגון? נאָר דאָס איז נישט שלמהס דאגה, נישט שלמהס עסק: טאַ־טאַ־טאַ־ר־ר־ראַ! האָבן די טרומייטן געקנאַקט, און ער האָט אונטערגעהאָלפֿן: טאַ־טאַ־טאַ־ר־ר־ראַ!... — און אָנגעבלאָזן זיך מיט דעם קאַרק, ווי ער וואָלט געוואָלט בשעת־מעשה מאַכן פֿון אים אַ טרומייט. און די „קאַרוזעליע“ מיט די פֿערדלעך, מיט די בריטשקעס און מיט דעם העכל — אַלץ איז שוין געפֿלויגן אין אַ חאָד, און הערהיצטע פּנימער מיט בליצנדיקע אויגן פֿון שיקסעס און שקצים האָבן געמידנעט פֿאַרן אויג, אַזוי אַז שלמה האָט זיך שוין לענגער נישט געקאָנט איינהאַלטן, און האָט צום זונדל געוואָרפֿן אַ פֿאַרליסטן בליק — ביז די „קאַרו־זעליע“ האָט זיך געשטעלט — און פּנחסל האָט געכאַפּט חעם טאַטן און געגעבן אַ וואָרף אַרויף אויף אַ פֿערד, און אַ ווינק זיך איבער מיט דעם קונץ־מאַכערס ווייבל, אַז דאָס איז זיין פֿאָטער — און אַליין איז ער אַרויף אין דער הויך אונטער דער פֿלאַכטע פֿון דעכל, דרייען דעם דראַנג און פֿירן די גאַנצע „קאַרוזעליע“.

שלמהס אויגן האָבן געבליצט מיט פֿייער אויף די אַלע מיידן און ווייבער, וואָס זיינען דאַ געשטאַנען אַרום און צוגעזען, וואָס פֿאַר אַ גדולה ער האָט הורך זיין זון דערגרייכט. און ער האָט אַ פֿייף געטאָן אין דער הויך: — פּנחסל, פֿאָר!...

באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלינגען אויף אַ גלעקל פֿון אונטער היצר סאַמעטענער בודקעלע אַפֿער, וואָס איז געווען אויסגעהאַפּטן מיט אַלערליי ווייסע און בלויע פּאַטשערקעס — די פּאַסאַזשירן האָבן גיך געכאַפּט די בילעטן, אַרויף אויף די פֿערדלעך, און די פּאַסאַזשירקעס אַריין אין די בריטשקעס און די טרומייטן האָבן ווייטער געגעבן אַ זעץ אַרויס: טאַ־טאַ־טאַ־ר־ר־ראַ! און שלמה דער גראָבער קאָפּ האָט אָנגעהויבן צו פֿליען, ער מיט דער גאַנצער „קאַרוזעליע“, — אַלץ האָט זיך געדרייט און געפֿלויגן. נאָר צווישן די אַלע רויטע הערהיצטע פּנימער איז שלמהס רויט דערהיצט פּנים געווען דאָס איינציקע יידישע — און חברה יונגען, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום דער קייט, ווי צוגעקלעפּט, מיט שטעקנס אָדער באַ־

טישקעס און די הענט — האבן זיך מישב געווען און אנגעהויבן אונטער־צושמייסן שלמהס פערדל. ארום און ארום זיינען א וואקס יונגען גע־שטאנען, און פון אלע זייטן איז געווארן א געקאכעריי מיט א מין הילכעדיק געלעכטער: יוויא, וויא! — און געהאלטן נאר אין איין אונטערפאטשן און אונטערשמייסן. שלמהן האט זיך דער קאפ פארדרייט, די באָרד איז זיך צעפלויגן אויף ביידע זייטן לאצן, ווי א צעוואָרפענער בעזעם, די אויגן האבן געבליצט און געבליצט, און יונגען האבן געקאוועט און געכמאליעט איבער אים דאָס פערד — און פלוצלינג, מען גיט זיך א קוק אום, יאָגט שלמה נאך א שיקסע, די שיקסע, וואָס איז געזעסן פארויס אום אויף א ברימשקע, און ער הינטער איר אויף א פערד: זי, די שפיצן פאטשיילעכל צעפלויגן איבערן קאָפּ, מיט די ציטער־שפּילקעס — און ער, מיט דער באָרד צעפלויגן אויף די לאצן — האט עס אויסגעזען, ווי ער יאגט זי כסדר אָן אויפהער, און עס האבן נישט געהאָלפן די געשרייען און דאָס געפייפעריי, וואָס די יונגען האבן שלמהן אויסגעפייפט, — שלמה האט געהאלטן אין איין נאכיאגן די שיקסע — ביז דעם זון האט זיך דארט אין דער הויך דער קאָפּ פארדרייט, און ער האט פריער געגעבן א בראך אראָפּ חעם טאַטן אויפן קאָפּ, מיט וואָס ער האט פאר צען יאָר געגעסן, און אָפּגעוואַשן אים, אז עס האט געדונען איבערן פנים און איבער דער באָרד — און דערנאך געגעבן א פאל אראָפּ פון בוידעם אראָפּ צו דער שיקסע אין ברימשקע אריין. ס'איז געווארן א געקלינגעריי — און די „קארוזעליע" האט זיך אָפּגעשטעלט.

דעמלט איז דער טאטע מיט חעם זון אנטלאָפן, ווי צווי אָפּגעשמיסער־נע, איבערן מארק — און א חבורה יונגען נאך זיי מיט א געטומל און א געלויף. עס האט געקאכט, ווי צווישן די בינען: שלמה, דער גראבער קאָפּ, האט געיאגט א שיקסע!... נאר יידן האבן זיך נישט געשראָקן פאר חעם חמא. אלע האבן געוווסט, אז חאָס מיינט מען אויף דער „קאר־רוזעליע" — און קרעמער, פארקערט, האבן זיך נאך מיט פארגעניגן גע־שטעלט אויף די שוועלן פון די געוועלבער און מיט א שמייכעלע אין דער באָרד אריין נאכקוקן שלמהן, ווי ער איז געלאָפן, מיט צעפלויגענע פּאָלעס איבערן מארק פאָרויס, ווי אַן אלטער יאשמדאי, דאָס זינדל נאך אים און א חבורה יונגען — ווי א מחנה צונויפגעקליבענע פייגל צום אוועקפליען — פון הינטן...

חנה־לאה איז אַקעגן פון שטוב ארויס מיט אויסגעשפּרייטע הענט דעם מאַן און דעם זון צו באַשיצן. זי האט געמיינט, מי יודע ביי וואָס פאר א גנבה מען האט זיי געכאַפּט, און אריינכאפּנדיק זיי גיך אין שטוב אריין,

איז זי געווויר געוואָרן, אַז דער אַלטער אשמדאַי איז גאָר געפֿאָרן אויף דער „קאַרוזעליע"...

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקוקט אויף שלמהן מיט רחמנות: ווי פֿאַרגינט זיך דאָס אַ טאַטע פֿון קינדער זיך אַזוי נאַריש מאַכן.

שלמה האָט געפֿילט, אַז זי איז גערעכט, אַז ער האָט געטאָן אַ נאַרישקייט — האָט ער אָפּגעלייגט דעם גאַנצן בייגל אויפֿן זון, נאָר מיט דעם זון האָט זי גאָרנישט געקאָנט מאַכן. זי האָט געזען, וואָס אַ טאָג ווערט ער אַלץ ערגער — און פֿון היינטיקן טאָג אָן האָט זי זיך שוין אינגאַנצן מיאש געווען פֿון אים, און פֿעסט באַשלאָסן, אַז פֿון דעם יונג וועט שוין קיין גוטס נישט אַרויסקומען...

און אַצינד, ווען זי זעט אים ליגן אויפֿן געלעגער, פֿאַרקאַשערט די אַרבל פֿון העמדל, זעט זי בחוש, ווי דער מלאך־המוות שפּילט אים פֿון פּנים אַראָפּ — און זי דאַנקט און לויבט גאָט, וואָס דער רשע שלאָפֿט כאָטש, און וואָס די וועלט איז זיך גאָר מוחל מיט זיין האַלטן צו די אויגן...

חנה־לאה שטייט אויף פֿון געלעגער, נעמט די פּאַטשיילע אויפֿן קאָפּ און גייט צו דער שכנטע אַריין מיט אַ שטאַרץ אין דער האַנט נאָך אַ קויל פֿייער.

די שכנטע שאַרט איר אַ פּאָר לעבעדיקע קוילן, און דערפֿון הייבט זיך אָן אַ שמועס. חנה־לאה רעדט פֿאַר איר אויס דאָס האַרץ, אַז זי האָט נישט קיין נחת פֿון קינדער. די שכנטע פֿרעגט זי, ווי זי האַלט שוין מיט דעם איצטיקן אין דער וועלט... — ענטפֿערט זי איר צוריק, אַז זי רעכנט זיך שוין אַ ליאַדע שעה אין בעט אַריין.

און עס טוט איר באַנג די גאַנצע מעשה... ביי משהלע ברוטאַן האָט זי זיך פֿאַרשוויגן... זי געדענקט, וואָס פֿאַר אַ שווערע האָבן זי האָט געהאַט — זי האָט געהייסן דעם מאַנס אַ פּאָר הויזן אַראָפּרייסן פֿון וואַנט, ווייל זיי זיינען געהאַנגען קעגנאיבער איר און זי האָט דעם מאַן געשאָלטן דערמיט מיט טויטע קללות — צום סוף האָט זי זיך ווייטער געלאָזט אַריינגנאָרן...

די שכנטע טרייסט זי, אַז אדרבה, גאָט קאָן העלפֿן גאָר אַ גרינג האָבן, און עס קומט ווייטער אַרויס אַ שמועס, ווי קימפּעטאָרינס דאַרפֿן שמירה.

און חנה־לאה דערציילט, אַז נישט היינט געדאַכט, אויף אַלע ווייסטע וועלדער געדאַכט, האָט זי געהאַט אַ קינד צווישן דעם עלטערן און דעם יונגערן, אַזוי ווי איינס פֿון אַ האַלב יאָר...

און די שכנטע דערציילט איר צוריק, ווי טשייטל די קופּקעמאַכערין איז איינמאָל געזעסן און אַ שבת־צונאַכטס און האָט געניייט אַ קופּקעלע ביי אַ לעמפּל, און דאָס פֿענצטער איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ מיטשאַנקעלע —

האָט זי דערזען, ווי פאַר דעם פענצטער איז פאַרבייגעפלויגן אַ נקבה מיט צעלאָזטע האָר און צום בוזים האָט זי געהאַלטן צוגעטוליעט אַ קינד... דאָס איז געווען פון איטע מאַטלס שנור, מ'שטיינס געזאָגט...

חנה־לאה שפייט אָפּ דריי מאָל און גייט אַהיים.

און זי בעט פנחסלען, ווען ער שטייט אויף, אַז ער זאָל אַראָפּנעמען די מזוזות און גיין צום סופר איבערזען.

זי האָט האָט זיך ווייקעלעך אַנגערייזט, העמדעלעך, אַ קלאָר ליילעך דאָס בעט צו פאַרהענגען — און ביינאַכט איז זי שוין נישט געגאַנגען שלאָפן אָן אַ חומש צוקאָפּנס, כאָר דאָ האָט שוין נישט געטויגט איר טייטש־חומש, דווקא דעם מאַנס.

און וואָס קלערט איר? אין דער אייגענער נאַכט האָבן זי שוין אַ פּאָר שכנטעס געוואַכטעוועט, און אַרום דריי פאַרטאָג אָנגעקלאַפּט ביי דער „באָבע"...

זי האָט געבוירן אַ יונג, און באַלד מיט אַ שוואַרצן קענזשער האָר, ווי נאָר ער איז אויף דער וועלט געפאַלן... נישט אומזיסט האָט שלמה איבערגעטראַכט, אַרויסגייענדיק הינטערן שבאָט, צי האָט זי שוין נישט געקרעכצט. ער האָט זיך געריכט אויף אַ פריילעכן שבת, ער וועט אם ירצה השם אַהיים קומען, און זיין חנה־לאה וועט שוין האָבן בשלום איבערגעקומען.

אַצינד איז זיך שוין חנה־לאה געלעגן אין בעט ווי אַ גרעפין צווישן לייגטערהייט, פאַרהאַנגען מיט אַ פאָרהאַנג אויף אַ שנירל אונטערן בעליק אויפגעצויגן, באַקלעפּט מיט שיר־המעלות־בריוולעך, און נאָר פון צייט צו צייט, אַז זי האָט געדאַרפט מען זאָל איר וואָס דערלאַנגען, האָט זי דעם קאָפּ מיט דעם שלאָפקופּקעלע אַפּגעשטעקט פון הינטער דעם פאָר־האַנג — אויף איר פנים האָט זיך שוין אָנגעזען אַן איבערגעליטענקייט, זי האָט געערדט ווייכער און צאַרטער, ווי שוין אַן איבערגעקומענע, נאָר איין זאַך האָט זי נאָך געהאַט אויפן זינען: דאָס קינד צו היטן, עס זאָל חלילה נישט טרעפן ווי מיט יענעם, אָדער מיט דעם, וואָס די שכנטע האָט דערציילט. זי האָט באַשלאָסן דאָס קינד פון דער האַנט נישט אַרויסצולאָזן, פון אונטערן אָרעם נישט אָפּצורוקן, און אין שלאָף צו האַלטן עס מיט אַלע כוחות, צו ליגן דערהיבער, ווי אַ טרייע מאַמע.

און אָט איז געקומען דאָנערשטיק ביינאַכט. זי ווערט אַנטשלאָפן מיט זיסע געדאַנקען, מאָרגן וועט שלמה אַהיימקומען און וועט דערזען, וואָס פאַר אַ יונג זי האָט אים אָנגעגרייט גאָר אָן זיין וויסן — שוין אַצינד דעם חריטן...

— — און זי שלאָפט

און עס דאַכט זיך איר, אַז די איינענע מלכה־שבא מיט די נאַקעטע ברוסטן, מיט די לאַנגע צעלאָזטע צעפּ אין עפּעס אַ פּאַרצייטיש קיילעכדיק קלייד — אַ קרייזאַלינע פון טערקישן סיץ מיט אַזוינע בלימעלעך און אייגעלעך — פּאַקט זיך צו איר דורך אַ האַלבער קוואַרטיר אין פענצטער אַריין — און פּאַקט זיך, און פּאַקט זיך — אַזאַ גראָבע און אַזאַ שוואַרצע — אַז חנה־לאה כאַפּט אָן אַ פּאַרכט, און מיט פאַרדומפּענע קולות שרייענדיק אין זיך אַריין, דריקט זי דאָס קינד צו זיך, און עס האָט שוין טאַקע קיין בעסערע מלכה־שבא נישט געדאַרפט, ווי עס האָט געהאַט...

---

עס איז קוים טאָג אין דרויסן, עס בלויט דורכן פענצטער. שלמה׳ קלאַפּט שטיל אָן אין טיר, און פּנחסל, צונויפגעמישט אין דער גרויסקייט פון דער נאַכט און יונגן מאָרגן וואָס פאַלט און שטיבל אַריין — לויפט פון געלעגער אַראָפּ די טיר אויפמאַכן. שלמה קומט אַריין אויף די שפּיץ נעגל, משהלע נאָך אים, עס האָט אים די נאַכט נישט געלאָזט רוען אין דאָרף, און ער איז געקומען צולויפן מיטן טאָג צוגלייך — און אַצינד, דערזעענדיק דעם אויפגעצויגענעם פאַרהאַנג איבערן בעט — לייגט אַ שמייכל, לייגט זיך באַלד. און ביינט ער אים אַ צופ ביים אַרבל, אויף שטיל געהאַנדלט, ווי צווישן זיך:

— וואָס האָט זי געהאַט?

— אַ יינגל — ענטפערט פּנחס.

— אַ יינגל? צעגיסט זיך אים אַ ליכטיקער שמייכל איבערן גאַנצן פּנים. משהלע ברומט כאַפּט באַלד אונטער, אונטערטאַנצנדיק:

— וועט זיין אַ שלום־זכר, וועל איך האָבן אַ פולן קויש אַרבעס!...

— שאַ, דו בענקאַרט! די מאַמע שלאָפט. — טוט אים דער טאַטע אַ שטורך.

— שאַ, אַ רוח אין דיין!... — קומט פּנחסל אויך צו הילף.

— די מאַמע האָט אוודאי געמוזט ערשט אַנטשלאָפן ווערן? — מאַכט דער טאַטער.

ניין, זי שלאָפט אַ גאַנצע נאַכט... — האָט פּנחסל געענטפערט.

— אַ גאַנצע נאַכט?...

ביי שלמהן האָט זיך עפּעס אין האַרצן אָפּגערוקן. מיט שטילע פאַמעלעכע טריט האָט ער אָנגעהויבן צוצוטרעטן צום פאַרהאַנג:

— חנה־לאה, חנה־לאה... — רופט ער שטיל מיט אן אנגעצויגע־נעם בליק אין זיך אַריין, ווי ער וואָלט געוואָלט דאָס קול גיכער לאָזן גיין צו ווייט — חנה־לאה...

חנה־לאה שלאָפט.

— לאָז טאַטע, וועל איך זי אויפוועקן — רופט זיך אָפּ משהלע ברוטאן מיט א גראָב קול.

— שטיל, בענקאַרט, — פאַרבייסט שלמה מיט א פינגער די ציין צו אים — דו וועסט זי איבערשרעקן...

— חנה־לאה, חנה־לאה...

האַ־אַ־אַ... — הערט זיך א לאַנגער אויסגעצויגענער מרוקש פון הינטער דעם פאָרהאַנג.

— חנה־לאה, ווו האָסטו דאָס קינד?...

געוואַלד, דאָס קינד... טוט זי א געשריי מיט אן אומפּעט, און אויפ־געכאַפּטע פון שלאָף און שלמה טוט זיך א וואָרף נישט טויט נישט לעבע־דיק הינטער דעם פאָרהאַנג אַרונטער. ביידע זיין בלייבן פאַרשטיינערט מיט גלעזערנע אויסגעגלאָצטע אויגן אויפן פאָרהאַנג.

— געוואַלד, דאָס קינד! — טוט זי נאָך אַמאָל א געשריי אויס און א הייב עס אין דער לופטן ביי איין הענטל, ווי א טויט געגדזל. דאָס קינד טוט א דריי מיטן קעפּל, טוט זי עס א כאַפּ מיט דערשראָקן ארויסגעזעצטע אויגן ביים פּנימל און הייבט עס אן צו ריסן.

— און לאָז דיך שוין די ערשטע כאָלעריע טרעפן!... גיט שלמה איר א בענטש מיט ביידע הענט איבערן קאָפּ — חנה־לאהלע די קאָלבאסניצע, האָסט מיר שוין געהרגעט א זון אויף טויט — שרייט ער אויס, דערזעענ־דיק, אז דאָס קינד האָט קיין אָטעם נישט און איז שוין קאַלט, ווי א שטיק טיך. מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ רוקט ער זיך צוריק אפּער פון הינטער־דעם פאָרהאַנג.

חנה־לאה מאַכט א געוואַלד, די זין נאָך — שלמה לויפט אום אויף און אָפּ איבער דער שטוב, ווי א בערנטרייבער מיט געזונטע גראָבע שפּייזן און וואַרפט גלאַנצנדיקע אויגן אויף דעם פאָרהאַנג, באַלד קומען צו לויפן א פּאָר שכנטעס, און מען ווערט געוואויר, אז דאָס קינד איז טויט.

דעמאָלט ערשט נעמט חנה־לאה זינגען א קלאָגליד.

— איך האָב דאָך אן אומגליק געהאַט, די מלכה־שבא האָט זיך דאָך גע־פּאַקט צו מיר דורכן פענצטער, דורך דעם פענצטער... אזוינע צוויי גראָ־בע ציצן האָט זי געהאַט, האָט זי מיר דאָס קינד דערהרגעט מיט די ציצן...

— ציצן?! — שרייט שלמה — מען דאַרף גרעבערע ציצן, ווי דו אליין האָסט? — גיך צום רב, גנב, טרעפט דיך די ערשטע כאָלעריע!

— שלמהשי... וואס ווילסטו?... האט זי געוואלט אנהייבן פאר אים צו וויינען. נאר עס האט גארנישט געהאלפן. די צוויי זין האבן זיך איינגעקארטשעט אין א ווינקעלע, און געדאנקט גאט, אז זיי זייטען אין דעם נישט שולדיק... און שפעטער, ווען א חברהמאן האט חאס קינד צוגענומען אין בוזים אריין — האט די מאמע געמוזט צוריק דאס בעט פאר־בעטן, צוריק חעם פארהאנג אראפנעמען און גיין מיטן טאטן צום רב.

— גוטער רב — האט שלמה א ציקאכטער און מיט הארץ געטענהט — זי האט דאך מיך בדלות געשטעלט, זי האט דאך מיר שוין צוויי זין! דעם טויט געמאכט! צוויי זין! — — —

— און וואס זאגט איר, זייט זשע מוחל, יידענע? — האט דער רב געפרעגט.

— צוויי זין, נעבעך... — גיט זי א וויין ארויס מיט א צעשייטנדיק מאמעניקול.

— וואס ווילסטו פון איר, שלמה? — א יידענע... זי האט אוודאי געוואלט זיי זאלן לעבן — בעט זיך ביי אים דער רב.

---

— טאטע, דו גייסט אהיים! — פאלט אריין פנחסל צום רב אין שטוב אריין מיט א קנאק אויף דער טיר, ווי א דונער און נאך אים משהלע בריטאן מיט א ריטש: מאמע!...

דער רב כאפט זיך אויף א דערשראקענער, מיט בײדע הענט אויסגע־שטעלט צו פנחסן.

— דו וועסט גטן מיין מאמען? — מוט ער א קנאק מיט א פויסט אין טיש אריין — אהיים, ווארן איך האק דיר א זייט אונטער... — — — —

— אט האט איר, רבי, גייט נעמט זיך אן באר קינדער! גיט ער א ווייז אן אויף פנחסלען און אויף דער מאמעם בויך — און גיט א לויף ארויס, פארהאקנדיק נאך זיך די טיר.

— און דו, מאמע — נעמט פנחס ארויס א מטבע פון קעשענע — נא דיר א פערציקער און גיי אהיים און קאך אנבייסן!

צוריקגייענדיק פון רב דורך א הינטער־געסל פארביי א פלויט, עס זאל איר נישט קומען קיין היימישע אין פנים אריין, וואס איז איר אזוי פאר־שעמט געווארן געוואר פון גאט אליין — האט איר משהלע א גאנצן וועג געדרייט דעם פארטעך, זי זאל צושטעלן דעם גרעסערן סאגאן צום קאכן,

ניט דעם קליינערן, און פול זאל ער זיין אנגעפאקט מיט קארטאפלעס, וואָרן ער האָט שוין ניט געגעסן פון דאָרף אָן...

אזוי איז זיך חנה־לאה צוריק אהיים געגאנגען. אויפן אנדערן פרייטיק איז שוין שלמה צוריק געזעסן מיט דעם טאַפּ צימעס צווישן די פיס — און די צוויי בנים ווי די ביקעס — ארום אים, אלע מיט די קעבער־לעפל אין די הענט, מיט רעוהייצטע פנימער, ווי די טערקן — און חנה־לאה האָט ווייטער געהאלטן אין איין שרייען, פארוואס זיי לאָזן ניט איבער קיין שריד ופליט אויף שבת אינדערפרי.

נאָר פרייטיק צונאכטס, ווען די ליכט אין די לייכטער האָבן גע־ברענט, און שלמה מיט די צוויי בנים זיינען געזעסן ביים טיש און געהאלטן ביי „בנים ובני בנים" — האָט זיך חנה־לאה פארקוקט מיט ליכטיקע אויגן אויף די צוויי זין. זי ווייסט אליין ניט, עפעס פנחסל איז איר גאָר ליבער געוואָרן. און זי האָט אליין ניט געפילט, ווי א טרער האָט זיך איר אראָפּ־געקייקלט איבער דער באַק און אריין אין שיסעלע באָבעלעך מיט יויך. נאָר דעמלט האָט ערשט שלמה געקוקט אויף איר מיט נקמה: האָב איך אכט און אכציק שוואַרץ יאָר — שיסקא!... מיט אזוינע פיר זין וואָלט ער געקאָנט א וועלט מיט א מדינה איינגעמען. און ניט וועלנדיק שוין מער קוקן אין איר זייט אריין, האָט ער צו די בנים א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און אלע דריי האָבן געגעבן א זעץ ארויס דעם מאַרש פון דער „קאַראַזעליע" מיט שבתדיקן זמר! — — —

# די משוגענע אין דאָרף

אויף דעם לובלינער שאָסיי פֿאָר איך איינמאָל בייַנאַכט מיט אַ פֿור־מאַן, אַ יונגער יונג מיט ברייטלעכע פּלייצעס. ביידע זיצן מיר שטיל, און דאָס וועגעלע שאָקלט זיך מיט אונדז, לייכט רוישנדיק איבערן שטיין־געפּרעסטן וועג. ווייט פֿינקלען שטערנדלעך, צאַנקען און ציטערן, ווי איינגראָבנדיק זיך טיף, טיף אין דער טונקעלער נאַכט... אַ קיל ימים־נוראימדיק ווינטעלע האַלדזט מיך, גלעט מיר דאָס פּנים, פֿאָכעט מיר איבער די אויערן און זשומט צו לייכט, שטיל... דער טונקל־בלויער הימל הילט אַרום דאָס פֿעלד אין אַ קילעכדיקן שטח, טיף געבויגט צו דער ערד, און שטיל איז אַלץ ווי די נאַכט. ווייט אַרום שלאָפֿט דאָס פֿעלד איינגעהילט אין אַ זילבער־ווייסן טוי־שלייער, אויף וועלכן עס שאָטנט זיך ווי חלומות־געדאַנקען די צעוואָרפֿענע שטייענדיקע ביימלעך. אַ פֿאַרזאָרגטע בלאַסע לבֿנה, און ווי פֿאַרטראַכט אין רעיונות, הערט זי זיך איין אינעם שאָרך פֿון די בלעטעלעך אויף די וויגנדיקע שפּיצן ביימער. באַזילבערט מיט דער לבֿנה־שיין, בלאַנקען צוויי שורות קאַלך־ווייסע שטיינער אויף ביידע זייטן שאָסיי, און מיר פֿאָרן אין דער מיט, טריט ביי טריט.

דער פֿורמאַן, זעט אויס, דרימלט, און איך זיץ הינטער זיינע פּלייצעס פֿאַרטראַכטערהייט, און קוק איבער זיין קאָפּ אין ווייטן העלן וועג אַריין.

ווייט, ביי דער רעכטער זייט וועג, שוואַרצן זיך צוויי טונקעלע פּלעקן, אַז מיר קומען נענטער, איז עס דעכער פֿון צוויי געביידעס. דאָ קוקט זיך אום דער פֿורמאַן און זאָגט, אַז ער שטעלט זיך פֿאַשען דאָס פֿערד. כ׳פֿאָרט אַריבער איבער אַ הילצערנעם בריקל, וואָס ליגט איבערן וואַסערל קעגן ביידע הייזער, און דאָס וועגעלע שטעלט זיך פֿאַר דער טיר פֿון איין הויז.

ביידע זיינען גרויס אומגעלומפערט מיט אָפּגעשיילטע ליימענע ווענט. פון איין האַלב הויז, ווו מיר שטייען, זיינען צו ביידע לאָדנס. נאָר דורך דער אויסגעשניטענער האַלבער לבנה אין איין לאָדן, פאַלט אַרויס אַ ליכטיקער שטראַל, אויסציענדיק זיך ביז הינטערן פּעריעדס בויך. די פענצטער פון אַנדערן האַלבן הויז, זיינען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער... דאָס צווייטע הויז פון דעם האָט אין צוויי זייטן צוויי גרויסע איינפאַר-טויערן, נאָר צע־שפּאָלטן און אויסגעקרימט. די הוילע פענצטער, ווי אויגן-לעכער פון אַ סקעלעט, קוקן מיט אַ פינצטערן בליק אין דער ווייטער וועלט אַריין... זיי זוכן אפשר פאַרפאַלענע סוחרים און בעלי־עגלות מיט געלאָדענע בריקעס?.. פאַרטראַכט קוקט די לבנה אויף דעם אויסגעדרייטן צע־הוידערטן דאַך, וואָס דרימלט, האַבט זיך, פאַרטיפט אין אַלטע זכרונות. ווייט ערגעץ קרייעט אַ האָן. איך קוק מיך אום — נאָך אַ מענגע צעזייטע דעכלעך פאַרזונקען אין אַ טאָל, וועלכע די נאַכט האָט פאַרכישופט אין אַ לאַנגן טיפן חלום, וואָס וועבט זיך צוזאַמען מיט מיליאָנען זילבערנע פעדעם, וואָס שפּראָצן אַרויס פון דער בלאַנקער לבנה. פּלוצלינג טוט דאָס פערד אַ שנאָרך, איך קוק מיך אום — דער פורמאַן שטייט און העגגט עס אָן אַ זעקל האָבער. איך שפּרינג אַראָפּ אויף דר'ערד און שטייענדיק אַנגעלענט אין וועגעלע עפן איך מיין זייגערל — פונקט צוועלף!

אין שטוב איז עפּעס אַ געוודעדער, הער איך, און פּלוצלונג מישט עס זיך צונויף מיט פאַרדומפּענע קולות... „וואָס איז דאָס?" קווייטשט מיין פורמאַן די פּלייצעס, אויסשטעלנדיק זיינע פינקלדיקע אויגן צום לאָדן, ווו עס לייכט זיך. ער רוקט זיך צו נענטער, און ליגט צו דאָס לינקע אויער, קוקנדיק אויף מיר, וואָס וועל איך זאָגן דערצו.

— ווער וווינט דאָ? — פרעג איך.

— אַן אלמנה — ענטפערט ער, אַראָפּלאָזנדיק די בליקן אויף זיין ברוסט, און רוקט זיך אָפּ פון לאָדן.

— איינע אַליין? — וויל איך וויסן.

— אַ טאָכטער מיט אַן איידעם אויך. דאָס איז איר, דער טאָכטערס קול, איר הערט?

— וואָס שרייט זי?

— אַ נביא בין איך? קומט אַריין, וועלן מיר וויסן! ענטפערט ער, צו־גייענדיק צו דער הויז-טיר, און דערלאַנגט דאָרט עטלעכע קלעפּ מיט דער פויסט, פון וועלכע די טיר האָט אַ גרילץ געטאָן.

באַלד דערהערט זיך פון אינעווייניק אַ ווייבערישע קול:

— ווער איז עס?

— עפנט, פעסעלע! — שרייט דער יונג.

— מ׳קען נישט ערשט! — ענטפערט דאָס קול.

מ׳קען נישט? — פרעגט ער מיט אַ באַהאַלטענעם כעס — אַזוי... נו, וועל איך קענען...

— ווער איז עס? ווער, דו, יאָסל?...

— איך, איך! — שרייט ער בייז, און צו מיר ווענדט ער זיך מיט א פייערדיקן בליק, נאָר מיט א וויכערן טאָן — אוי, א רוח אין איר מאַמען אַריין, זי קען מיך שוין גאָרנישט...

דאָס קייטל קלינגט אָפּ און די טיר עפנט זיך. אויף דער שוועל באַווייזט זיך א יידענע אין א טונקל קליידל מיט א דערע אויף די אקסלען און אַ ווייס טשיפּיקל אויפן קאָפּ. איר בלאַס פּנים קעגן שיין פון דער לבנה, דריקט אויס שרעק און אומצופרידנקייט.

— יאָסעלע — הייבט זי אָן — איך האָב דיך שוין שיער נישט דער־קענט.

— נו, נו, מ׳ווייסט שוין... טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וויל נישט הערן; און צו מיר גיט ער א ווונק, איך זאָל אים נאָכגיין.

די יידענע, ווי ברוגזדיק, רוקט זיך צוריק הינטערווײלעכץ און עפנט אין הויז נאָך אַ טיר, און מיר גייען איר נאָך אין שטוב אַריין.

אַריינקומענדיק, בלייב איך שטיין ביי דער טיר. פינצטער איז, האָב איך מורא אַ פוס צו שטעלן. דאָך אין דער וואַנט, קעגן מיר, לייכט זיך פון אַ קליין קיילעכדיק פענצטערל. דאָרט איז אפנים, נאָך אַ חדרל. די יידענע איז צוגעגאַנגען, און צוזאַמען מיטן פענצטערל עפנט זי א טיר. דאָ ווערט דערווייל אַ ביסל ליכטיקער און איך רוק מיך שוין אַריין אין דער מיט שטוב. די יידענע איז אריין אין צווייטן חדר און באַלד קומט זי צוריק צו אונדז מיט אַ ברענענדיק לעמפּל אין דער האַנט.

איך דערזע פאר מיר א קרעמער־טישל, א געקעסטלטע שאַנק ביי דער וואַנט, וווּ עס ליגן פעקלעך פאפיראָסן, טאבאק דריטער סאָרט, סטע־ריק־ליכט, עטלעכע פעקלעך ציקאָריע און א סך פודלעס גילזעס... גאָר הויך איז אויסגעשטעלט עטלעכע פאפירענע האלבע און פולע ביטלען, און אין עק — נאָך א גלעזערנער סלאָי מיט געטריקנטע קאווע. א חוץ דעם, שטייען ביי דער זייט טיש, אויף א ברעט ביז דער סאמע ערד, צוויי האלבע זעקלעך מעל, איין זעקל זאלץ און א בלעכענע באַנקע מיט א זייטיק גיס־רערל, ארויסגעשטאַרט קרום־אויס מיטן מיילכל קעגן פאטענט אויף דער וואַנט.

— דאַרפסט האָבער? — פרעגט פעסעלע, צוגייענדיק צו יאָסלען און לייכט אים אין פּנים אַריין.

— איידער כ'וועל פאָרן! הערווייל עסט עס... ענטפערט יאָסל, זשמור־רענדיק די אויגן קעגן ליכט.

— ווער וועט שפּעטער קלעטערן? דער האָבער איז אין קאַמער.

— קלעטערן? נישט, דאַרף מען נישט!...

— אַבי געריסן פון שלאָף — פירט זי אָן דאָס לעמפּל קעגן דער טיר און דרייט זיך אויס.

— שטייט גאָר, שטייט! וועמען?

— נו וועמען? — קוקט זי זיך צוריק אום און הייבט אויף דאָס לעמפּל העכער צו יאָסלס פּנים.

— איך? אַז מ'הערט הינטערן לאָדן קולות... זענט איר געשלאָפן! דער באָבן דערציילט!

— שומע ישראל, יאָסל קרוין! — מאַכט זי אַ ווײ־האַרציקע מינע — איך וועל די ערד קילן פאַר דער צייט.

— וואָס איז?

— גאָר נישט, אַלץ דאָס אייגענע, דאָס משוגעת טרעט נישט אָפּ פון איר אויך רגע, זי ריכט דאָס מיר צו נעכט, איז אַ קלאָג צו דער מאַמעס קאָפּ — קלאָגט זי זיך, צוליִיגנדיק אַ האַנט צום הויטיקן פּנים און די דילאָניע פאַרשטעלט די שוואַמען — געבראָטענע ליפּעלעך.

— מ'זאָגט דאָך: איר זענט שולדיק.

— אוי קינד, וואָס דו ביסט! אַ מאַמע, אַ זינדיקע מאַמע איז שולדיק אין אַ דיבוק? פרעג די שכנים אין דאָרף...

— וואָס, ער שרייט אַרויס פון איר?

— וואָס דען? דאָ שרייט זי, דער דבוק הייסט עס, זי וועט שעכטן די מאַמען, דאָ שעלט זי דעם רבין, וואָרן די אַלע לייט ציטערן פאַר אַ רבין און האָבן אים פיינט.

— און דעם מאַן?

— מילא... זי שעלט אפילו נישט, נאָר משוגע, באַהאַלט זי זיך פאַר אים.

— מ'זאָגט דאָך, אַז זי וויל אים נישט.

— זאָל מען די קלאָגן!

— איך האָב עס פון איר אַליין געהערט.

— גוט געהערט! שעכטן די מאַמען, אָדער שעלטן דעם רבין, וויס זי וואָס זי רעדט? דאָס אַנדערע, וואָס גייט וועמען אָן?

— טאקע נישט, אַט שמועסט מען.

— נו, שויך, נו... האקט זי אַפּ און דרייט זיך אוועק מיטן לעמפּל צו דער טיר, נאָר איך פאַרהאַלט זי ווידער און פרעג:

— אפשר איז דאָ אַ גלאָז טיי?

— עס קען באַלד זיין, צייט עטלעכע מינוט.

— גוט! — טו איך אַ שאָקל מיטן קאָפּ, און זי מיטן לעמפּל אין דער האַנט ווערט נעלם אין צווייטן חדר אַריין.

— וועלן מיר זיין אין דער פינצטער? — פרעג איך יאָסלען.

— ווילט איר, גייט אַריין... — ווייזט ער מיט דער האַנט צום ליכ־טיקן פענצטערל.

— און איר?

— איך נישט, איך וויל דאָ זיין...

— זאָל מען אָנצינדן אַ ליכט, וועל איך באַצאָלן. — זאָג איך.

— פעסעלע! — רופט ער.

זי קומט אַריין.

— וואָס איז? באַלד איז די טיי...

— ניין, צינדט אָן אַ ליכט, אַ פּיורערדיק ליכט. — זאָגט ער איר.

זי נעמט אַרויס פון דער שאַנק אַ ליכט, צינדט עס אָן און דערלאַנגט עס יאָסלען.

— איך בין שולדיק, זאָגט מען? באַגראָבן אַזאַ יונג־בלוט, אַ ווייבל אַ צדיקת. מילא האָסט זי דאָך געקענט. מן הסתם בין איך זי נישט ווערט, ערשט לייגט מען מיר נאָך שטיינער אויפן האַרץ... געבליבן די צוויי שוועל־בעלעך, און דאָ דער יונגערמאַן קלעבט אין דער שטוב, מיך האַלט ער פּשוט פאַר אַ מאַמזן, וואָס זשע זאָל אַ מאַמע, אַ פאַרביטערטע מאַמע טאָן, ווען זי האָט נאָך אַ דערוואַקסענע בתולה? דעם יחנגן מאָן אַרויסיאָגן, די שוועל־בעלעך פאַריאָגן צו אַ שטיפמאַמען און דאָס מיידל חתונה מאַכן מיט אַ פרעמדן טייוול?

— מילא, האָט איר דאָך גוט געטאָן, הייסט עס!...

— אודאי, האָב איך געמיינט, אז די וווּנד וועט אין האַרץ וועט אַ ביסל פאַרצויגן ווערן. ערשט, אַ גאָטס שטראָף... זאָלסט מיר לעבן, יאָסל, פאַר ביין געשמודטן האָלדז האָב איך דאָס געטאָן? חלילה, נישט אָנגעפרעגט דעם רביך? ווייס איך! אַ צדיקס ענטפער, זאָגט מען, דאַרף מען פאַרשטיין, און אז איך האָב אים געפרעגט און דערציילט, וואָס איך קלער צו טאָן, האָט ער געענטפערט „אודאי איז אַ שאַד די קינדער זאָלן פאַריתומט ווערן״! וואָס, זאָלסט מיר לעבן, האָט ער אַנדערש געמיינט?... ערשט נעכטן געווען

איך שטאַט, ווידער אָפּגעטרעטן... זײַנע זכות אבות זאָלן מיר ביישטיין! האָט ער מיר געגעבן שאָבעכץ פֿון טיוולס־פֿינגער און פֿאַרשפּראָכענעם בוימל. מילא, קאָסט עטלעכע גילדן, בישט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, אפשר וועט זיך גאָט פֿאַרט מרחם זײַן, און העלפֿע מאַמע גיט עס בישט אוועק דאָס העמד פֿון זיך פֿאַר איר קינד?

יאָסל, געריִרט פֿון די טרערן, וואָס הענגען אויף אירע אײַנגעשרומ־פּענע ציטערדיקע ברעמען, האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און ער רוקט זיך אָפּ אין אַ זײַט, זי ווידער גייט צוריק אין צווייטן חדר אַרײַן.

יאָסל זעצט זיך אויפֿן טיש, אַראָפּהענגענדיק די פֿיס און טריפֿט אָן דאָס ליכטל לעבן זיך. דערווײַל קומט פּעסעלע צוריק מיט צוויי גלעזער טיי אין די הענט, זי שטעלט זיי אוועק אויפֿן טיש און גייט באַלד צוריק אין חדר, פֿאַרמאַכנדיק נאָך זיך די טיר.

אָפּגעטרונקען די טיי, פֿאַרויכער איך אַ פּאַפּיראָס און בין יאָסלען אויך מכבד מיט איינעם.

מען רויכערט און מ׳שוויַגט. דאָס ליכט־פֿלעמל ציט זיך צום בעליק מיט אַ העל־בלויע לויטערקייט, צושאָקלענדיק זיך שטיל און ערנסט ווי אַ צנועה צו ליכט־בענטשן. אויף דער מאַט־ליכטיקער וואַנט שטייט יאָסלס שאָטן, דאַכט זיך ער שלאָפֿט, אָדער גלאַט פֿאַרחלומט, און יאָסל אַליין זיצט שטיל, און פֿאַרטראַכט קוקט ער אויף דעם דין־אײַנגעלייגטן רויך, וואָס בלאָנדזשעט אין לופֿטן אויסגעשפּרייטערהייט, ווי אַ בלוי טישטעכל און פֿלעכט זיך וויגנדיק און צעגייט ווי אַ לייכט וואָלקנדל. און וואָס לענ־גער אונדזער שווײַגן, אַלץ פֿאַרטראַכטער זעט יאָסל אויס, און אַ שטיל טרויעריק ניגונדל פּייפֿט ער זיך צו. דאָס ברוינלעכע פּנים באַציט זיך אָפּט מיט אַ באַצערטער מינע, די בולטע אויגן הינטער די סאַמעט־שוואַרצע ברעמען שטייען ברייט געעפֿנט און קוקן פֿאַר זיך מיט אַ פֿאַרגליווערטן בליק, און די פֿולע צונויפֿגעצויגענע ליפּעלעך באַשאָטנט פֿון די שוואַרצע וואָנסעלעך פּייפֿן, דאַכט זיך, אָן זייער ידיעה. פֿאַרטיפֿט אין געדאַנקען, קאָן זײַן, הערט ער נישט זײַן אייגן ניגונדל, בפֿרט פּעסעלעס רייד אין צווייטן חדר — אוודאי נישט; און איך רוק מיך צו אַליין צו דער טיר און וואַרף אַ בליק דורכן קלײנעם שײַבל.

אַ בעטל מיט צוויי שלאָפֿנדיקע קינדער, אויבן־אָן שטייט אַ טיש צווישן צוויי בעטן איינס קעגן אַנדערן, שטייענדיק ביי די קאַלך־געווייסטע ווענט. אין איינס זעט זיך פֿון הינטערן איבערבעט צוגעדעקט ביזן האַלדז, אַ בלאַסלעך פּנים מיט אַ שוואַרץ־בערדל און קאַפּל אויפֿן קאָפּ, ביי וועלכן די אויגן קוקן שטיל צום צווייטן בעט, וווּ אַ יונג ווײַבל מיט אַ געשטריקט

ווייס קאַפּקעלע אויפֿן קאָפּ ליגט, דאָס איבערבעט האַלב אָפּגעדעקט און דאָס פּנים איז ווייסער פֿאַרן העמד. אין בעט אַנגעשפּאַרט שטייט די פּעסעלע און קוקט אויף דעם ווייבל מיט רחמנות־בעטנדיקע אויגן.

— ווי לאַנג איז דער שיעור זיך נאַריש צו מאַכן? — טענהט פּעסעלע כמעט וויינענדיק — וויפֿיל נאָך דער מאַמעס בלוט פֿאַרגאָסן?

דאָס ווייבל שווייגט און קוקט טרויעריק אויף דעם ברענענדיקן לעמפּל, וואָס שטייט אויפֿן טיש, לעבן אַן אָפּן ספֿרל.

— זע, זאָגט ווידער פּעסעלע — אַ מאַמע וויל נישט קיין שלעכטס, זי וויל נאָר זאָלסט דיך נישט מאַכן קינדעריש, אדרבה, ווי נאָך פּירט זיך אַזוי אַ יידיש קינד? שוין אַכט וואָכן, אַכט באַשריבענע וואָכן פֿון דער חתונה, ווײ צו מיר... ביסט חלילה אַרויס פֿון יידישן דת? ווייסט דו וויפֿל קליפּות משחיתים באַשאַפֿסט דורך דײַן עקשנות? גאָט וועט אוודאי נישט שווייגן און די אַלע דײַנע משחיתים, הערסט, דײַנע משחיתים, וועלן דיך אַליין אומברענגען און וואַרפֿן דיך אין כּף־הקלע.

זי טרעט אָפּ פֿון בעט, לאַנגזאַם גייענדיק צו דער טיר. איך כאַפּ מיך אויף פֿון שייבל און שטיי שוין לעבן יאָסלען.

די טיר עפֿנט זיך און פּעסעלע רוקט זיך אַריין. זי נעמט די גלעזער און ברענגט נאָך אַ מאָל טיי, און שווײַגנדיק גייט זי צוריק, פֿאַרמאַכט די טיר נאָך זיך. באַלד כאַפּ איך מײַן גלאָז טיי, און האַלטנדיק עס אין דער האַנט רוק איך מיך ווידער צו צום שייבל...

— ווײ צו די יאָרן — הייבט ווידער אָן פּעסעלע, צוגייענדיק צום ווייבל — ווי נאָך, בײַ יידן, איז אַזוי?... זע: — ווײַזט זי איר אָן אויף דעם אָפֿענעם ספֿרל — זע, טאָכטער, וואָס אין דער הייליקער תורה שטייט: פֿון איין מאָל אויפֿהאַלטן... ווערט באַשאַפֿן אַ משחית. און ווייסט דו וואָס משחיתים און מחבלים זײַנען? אַ משחית פֿאַרברענט, פֿאַרברענט און באַשאַפֿט! הערסט מרשעת, הערסט! פֿאַרברענט ווידער און באַשאַפֿט ווידער און טוט אַ שלײַדער אין כּף־הקלע אַריין, אין כּף־הקלע אַריין; הערסט, ווי דו וועסט אַ שוואַרצן סוף האָבן, קיין שום תּקומה!...

דאָ האָט די טאָכטער מיט האַס אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער און געכאַפּט דאָס איבערבעט איבערן קאָפּ. די מוטער פֿאַרבראָכט די הענט און אויפֿהייבנדיק די אויגן צום בעליק, קנײַטשט זי דאָס פּנים ווייטיקלעך.

— רבונו של־עולם — רעדט זי אויס פֿאַרביטערט — וואָס איז מיר צוגעקומען? יענע טאָכטער צוגענומען און מיך געלאָזט. נעם מיך שוין צו. ווי כ׳האָב נאָר אַ זכות!... — נעם טאָכטער, — רײַסט זי איר אַראָפּ דאָס

איבערבעט פון פנים — נעם די מאמעס הארץ, ליג עס אויף ברענענ־דיקע קוילן, וועט עס שוין בישט געפייניקט ווערן אזוי פיל!

די טאכטער באהאלט צוריק דאס פנים אין איבערבעט, און אז די מוטער לאזט נישט, טוט זי א קוק ארויס און בלייזט ארויס די צונג. די מו־טערס אויגן בלישטשען אויף מיט א פייערל, זי רייסט אראפ דאס איבערבעט צו דער ערד און נעמט לויפן איבער דער שטוב אויף און אפ. פלוצלינג בלייבט זי שטיין פארן בעט מיט פינקעלנדיקע בליקן, און מיט א שניידנדיקן קולכל שרייט זי אויס: — הולטייקע! אונטער מיך דאך זאל אזא זינד נישט געטראגנט ווערן, איינמאל פאר אלע מאל, ליעב, אדער שטארב! ענדיקט זי מיט שוים אויף די ציטערנדיקע ליפן און לויפט אוועק צום קינדערשן בעטל, וווּ זי בויגט זיך איין און כאפט א שטריק איינגעלייגט אין צווייען און לויפט צוריק צו צו דער טאכטער, וווּ זי ליגט איינגעקארטשעט און טוליעט איך די נאקעטע פיס אונטערן העמד, קו־קנדיק אויף דער מוטער מיט א צעמישטן דערשראקענעם בליק, ווי זי שטייט איבער איר מיט דעם שטריק אין דער האנט און שרייט:— שוין גענוג זינד. גענוג צוגעדעקט, אויפגעדעקט מוז ווערן... א חטא אין מיין שטוב, א חטא, א חטא אין שטוב!

— אלטע קליפה!... — מורמלט שטיל די טאכטער און וויל אנכאפן דעם שטריק, וואס ציטערט איבער איר אינגעטוליעטן גוף אין דער מו־טערס האנט.

— קליפה? אט האסטו א קליפה!... לאזט זי איר אראפ א ריס מיטן טרוקענעם שטריק איבערן ווייכן לייב.

דער יונגערמאן אין בעט קענאיבער האט א ציטער געטאן אין דער רגע, גלייך דער שטריק וואלט זיך אים איך זיין לייב איינגעשניטן, נאר אט דערהערט ער דעם ווייבלס יאמערלעך געשריי... און זיינע אויגן און בלאס פנים פלאמט אויף מיט א ווילדער נקמה. —

— זאל זי וויסן וואס הייסט עקשנות!... קילט ער זיך דאס הארץ — זאל זי וויסן!...

פלוצלינג קריג איך א שטויס אין ארעם, איך קוק מיך אום — יאסל! דאס האט אים איר קול צוגעצויגן און ער קוקט דורכן שייבל...

אינעווייניק טומלט, די צוויי קינדערלעך אין בעטל זיינען שוין אויפ־געוועקט און זיי צאפלען זיך און שרייען ווי יונגע עופהלעך ערב יום כיפור באגינען... נאר פעסעלע טוט דאס איריקע.

— נו, עפעס גוט געווען?... — קוקט זי אויף דער טאכטער מיט נקמה־שמייכלענדיקע גיפטיקע בליקן — עפעס גוט, הא, ווי מיינסטו?...

— דערהרגע מיך!

— טאקע אזוי! אזוי... אזוי...

— געוואַלד, געוואַלד! — שרייט זי מיטן גאַנצן כוח, איבערשרייענדיק די קינדערישע קולכלעך, און זי וואַרפט זיך אַראָפּ מיט אַ האַלבן גוף פון בעט, אָנשפּאַרנדיק איין האַנט אויף דער ערד און מיט דער אַנדערער וויל זי אָנכאַפּן דאָס איבערבעט... די מוטער אַמפּערט זיך מיט איר, כאַפּט זי זיך צוריק און גראָבט איין דעם קאָפּ צווישן שטרוי אונטער דער פּלאַכטע...

אין דער מינוט האָט יאָסל אַ קריץ געטאָן מיט די ציין אַ ריס געטאָן די טיר — פאַרקילט!... — ברומט ער, עטוואָס זיך איינקורטשענדיק און דערלאַנגט נאָך אַמאָל אַ שטויס מיטן אַקסל. דער קיטל, אין יענער זייט, פּלאַצט מיט רעש, די טיר שפּרינגט אָפּ און יאָסל וואַרפט זיך אַריין אין חדר ווילד צעטראָגן. די מוטער שפּרינגט אָפּ מיט שרעק, און ער בלייבט שטיין עטלעכע טריט פאַרן בעט.

— דבורה! — דונערט זיין קול — האָסט דיך געהייסן הרגענען? וועמען טוסטו דאָס אָפּ, דיין מאַמען? זי וועט דיך באַדויערן נאָכן טויט, מיינסטו?...

— דו שייגעץ, לאָבוז! — שפּרינגט אַרויס פון צווייטן בעט דער יונגערמאַן אין די בלויזע גאַטקעס, ווילד און די פּאות צעפּלאָשט פאַר שרעק... — דו מחוצף, ביי מיר אין שטוב?...

— ביי דיר. — שפּרינגט יאָסל צו אים צו, אריינהאַקנדיק, איינער נאָך די אַנדערע, ביידע פויסטן אין פּנים, און דער יונגערמאַן פאַלט אויף דער ערד פאַרגאָסן אין בלוט.

— רוצח! — שרייט פּעסעלע, אָנכאַפּנדיק יאָסלען ביים אַרבל — רוצח, דערהרגעט א מענטש!...

נאָר יאָסל הערט נישט, נישט איר, נישט די קינדערס געשריי, ער פילט אויך נישט, דאַכט זיך, ווי זי ציט אים דעם אַרבל, און מיט אָנגעשטרענגטע פּיס, ווי פון שטאָל געגאָסן, דריקט ער דעם שטייענדיקן טריט, איבערגעבויגן, רייַדנדיק צום ליגנדיקן אין קרעכצן.

— נו, וואָס ליגסטו?... דאָס שפּעלע איז געבונדן, גיי צו, שעכט!... אָ, וואַרט... גיכער ווען דו געטויט ווערן! — גלייכט ער זיך אויס, אריינשטעקנדיק ביידע הענט אין די הויזן־קעשענעס. און אין זיינע אויגן שפּילט א בייזער שמייכל פאַרמישט מיט א ווילדער העזה צו קוקן אויף דעם בלוט־פאַרגאָסענעם פּנים.

אין דער רגע האָט אַ שרעקלעכער געדאַנק אין מיין מוח אויפגעבליצט —,,אפשר אַ מעסער, וואָס זוכט ער אין די קעשענעס?" און איך שפּרינג צו און שטופּ אים אָפּ מיט קראַפט.

— וואָס טוט איר? — שריי איך אויפגערעגט.

— איך טויט! שריט ער נאָך העכער, און די אויגן בליצן, קוקנדיק צעמישט אויף דעם יונגנמאַן.

— פאַרוואָס? אַ מענטשן!...— שריי איך און האַלט אים ביים אָרעם.

— אַ מענטש איז דאָס? — שמייכלט ער ווילד — אַ ווייך שוואַמל, וואָס צעקוועטשט זיך אין דער האַנט!... א בלעטל, וואָס ציטערט פון מיינדזסטן שאָקל!...

— אָבער וואָס האָט איר צו אים?

— זעט, אָ! — ווייזט ער מיט א פינגער אויף דעם ווייבל אין בעט.

— נו וואָס?... די מוטער!...

— אָבער ער איז דאָך געלעגן קעגנאיבער און געקוקט... זיינע שטילע אויגן האָבן דאָס געהייסן. אוי, איז דאָס אויגן, אויגן...

— זאָל ע ס א י ם קרענקען!... זיין ווייב... שטיל איך איין יאָסלען...

— זיין ווייב, זיין ווייב! — זיפצט ער אָפּ, אַוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט — פאַרפאַלן. לאָזט מיך אָפּ. איך בין שוין רואיק. אז זי איז זיין ווייב, לאָזט־זשע מיך אַרויס צו מיין פערד...

יאָסל איז אַרויס פון שטוב, און איך בלייב נאָך צו העלפן דער אַלטער, דעם יונגנמאַן אַרויפלייגן אויפן בעט.

ער בלוטיקט איין דאָס קישן, לייגט זי אים אונטער איר פאַרטעך אונטערן קאָפּ און ווישט אים דאָס בלוט פון פנים, קרעכצנדיק און שעלטנדיק.

דער יונגערמאַן איז בלאַס, די נאָז — פאַרשפּיצט, און די אויגן — פייכט, ווי פאַרגאָסן מיט טרערן, און רחמנותדיק קוקן זיי צום בעליק מיט א מידן בליק.

איך לייג אַנידער אויפן טיש עטלעכע קאָפּיקעס און וואַרף נאָך א בליק צום ווייבל אין בעט און גיי אַרויס פון שטוב.

---

יאָסל דרייט זיך אַרום נישט ווייט פון דער שטוב, דעם קאָפּ האַלט ער אַראָפּ צו דער ברוסט. און פייפט זיך ווידער צו עפּעס א מעלאָדיע־

לע, אַזוי זיס, אַזוי האַרציק טרויעריק, ווי אַ נשמה וואָלט זיך געקלאָגט דעריק, און טייל מאָל רייסן זיך די טענער שטאַרקער, העכער און בייזער, און איך טאָן יאָגט דעם צוויטן מיט אימפּעט, ווי די כוואַליעס אין טייך איינע די אַנדערע, ווען זיי צעשפּילן זיך אין אַ געוויטער. און דאָ האָט זיך שוין בישט געהערט קיין זיס־ווייַנענדיקע נשמה, נאָר ווי דער טייוול פון האַס און נקמה צעפּלאָקערט זיך און ברענט מיט אַ ווילדן כּעס. דאָס פערד, דאַכט זיך, הערט זיך איין אין באַלעבאָס פייפן, און פאַרזונקען שטייט עס מיטן קאָפּ אין זעקל האָבער, איבערלייגנדיק די אויערן אַמאָל צום קאַרק, אַמאָל פון פאָרנט. אָנגעלענט מיט די פּלייצעס אין וועגעלע שטיי איך און קוק אויף יאָסלען, וועלכער באַמערקט מיך, דאַכט זיך, גאָרנישט און האַלט נאָר אין איין פייפן, טרעטנדיק אויף און אָפּ איבערן סקריפּענדיקן זאמד און קליינע שטיינדלעך, וואָס גלאַנצן קעגן דער שיין פון דער לבנה.

פלוצלינג בלייבט יאָסל שטיין און דאָס פייפן ווערט ווי אָפּגעשניטן. ער הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט מיך אָן מיט אַ לאַנגן פאַרשנדיקן בליק, ווי איינער רעדט: ווי געפעלט דיר אַזאַ מעשה?...

נאָר איך שווייג און וויל אים בישט שטערן זיינע מחשבות.

ער איז — טראַכט איך — אַ קליינער רעדנער מיט אַ ברייטער קרעפּטיקער פאַנטאַזיע, וועלכע, ווען זי צעשפּילט זיך, איז זי אימשטאַנד צו שניידן אַ האַרץ, ווי מיט קאַלטע שטאָלענע מעסערס, אָדער גלעטן עס מיט דער ווייכקייט פון אַ צערטלעך געליבטער מיידלשער האַנט. ער רעדט אויך בישט אַ וואָרט, נאָר גייט צו צום פערד, טוט עס אַ פּעטשל אין רוקן, איבערגליטשנדיק די האַנט צום קאַרק, און מיט דער אַנדערער האַנט טוט ער אַ שאָקל־אונטער דאָס זעקל האָבער. דאָס פערד טוט אַ צאַפּל מיטן קאָפּ אין דער הייך און לאָזט אים צוריק אַראָפּ רואיק, איבערלייגנדיק די אויערן צום קאַרק, און פאַרטיפט זיך אין עסן. — עס, באַשקאַ! — טוט יאָסל אַ גלעט דעם פערד הינטערן בויך, צוגייענדיק צום וועגעלע, וווּ איך שטיי. ער זוכט עפּעס הינטער מיינע פּלייצעס אין רוישנדיקן שטרוי, ביז ער נעמט אַרויס די בייטש פון דאָרט. אַצינד באַקוקט ער דאָס סטרעלדזשל און דעם קנופּ, און טוט אַ פאָך אין דער שטילער לופט אַריין. ער לאָזט צוריק אַראָפּ די האַנט מיטן בייטש־שטעקל צו דער ערד און דער צווייטער עק פאָרט אַרום איבערן זאמד, קרייצנדיק אַ זיג־זאַג, און די בייטש שלענגלט זיך נאָך... ער קוקט עפּעס שמייל אויף די צייכנס, וואָס דאָס שטעקעלע קריצט אויס אין זאמד, און ער שווייגט, שמייענדיק לעבן מיר. נאָר דאָס שווייגן, דאַכט זיך מיר, פּרעסט

זיך בנשמה, און מיר דאכט, אז ער וויל גערן איך זאָל אים עפּעס פרעגן, כאָטש וואָס עס איז, כאָטש אָנהייבן... נאָר אז איך ווייס נישט פון וואָס — הייבט ער אָן.

— נו, ווי געפעלט אייך די הייניטיקע נאכט?... פרעגט ער שטיל אַראָפּגעלאָזט די אויגן, נאָר ער איז זיך גאָר נישט מכין צו רעדן.

— זייער שיין, די לבנה שיינט... ווייז איך אים מיט א בליק צום הימל, און קוק אים אין פּנים אריין, וואָס פאר א רושם דאָס מאַכט...

— אזוי? טאַקע?... גאָטס וואונדער!... שמייכלט ער שפּאַטיש און דרייט זיך אוועק שעלמיש א הויב טאָענדיק די אקסלען.

— שטייט נאָר, שטייט! — צי איך אים צוריק — וואָס מיינט איר?

— נישט דאָס, צו וואָס אייער ענטפער איז! — קוקט ער מיר שאַרף אין די אויגן אריין — איר זענט דאָך מאָדיש געקליידט און מן הס־תם א געלערנטער מענטש, נו, פאַלט איר אריין מיט אן ענטפער פון הודו ביז כוש?...

— מיינט איר אפשר א יי ע ר נאכט?... כאַפּ איך זיך צוריק.

— אוודאי נישט קיין לבנה מיט שטערן... נאָר מ יי ן נאַכט טאַקע!...

— אינטערעסירט מיך זייער, אָבער איך פארשטיי נישט...

— ווילט איר הייסט עס, יאָ פארשטיין? — פרעגט ער מיט פייער־לעך אין די אויגן.

— מיטן גאַנצן לעבן!

— לאָזט־זשע אייך דינען און הערט א מעשה, וועט איר שוין וויסן, צי בין איך א רוצח...

— אויף דעם וועג דאָ, פאַר איך גאַנץ אָפט, ווייל דער עיקר פאַרדינסט־לעך מיינע איז אויף דעם טראַקט און שטענדיק שטעל איך מיך דאָ פאַ־ שען, טאַקע שטענדיק פון צייט אָן איך פאַר, און פאָרן, דאַרפט איר וויסן, פאַר איך שוין נישט פון היינט און נישט פון נעכטן, נאָר פון נאָך מיין טאַטנס טויט־אָן אזוי גרויס, ווי א יאָר פינף. וואָרן א מאַמע ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, האָב איך, א שוועסטער אויך, דאַרף מען דאָך עסן, האָב איך מיר דעמלט געמאַכט דאָס געשפּאַן. יאָ... פאַר איך דאָ גאַנץ אָפט אַדורך און שטעל מיך דאָ אויף א שעה, אָדער צוויי. די דבורהלע טאַקע, וואָס איר האָט געזען, איז נאָך געווען א מיידל, און פלעגט זי מיך נאָר דערזען דורך דעם פענצטער — מיטן קוק, די שטייט שוין פאַר דער טיר מיט אַ געלעכטערל און פרייט זיך, גלייך דער טאַטע וואָלט איר אויפגע־שטאַנען... פארשטייט איר מיך. קורץ דערפון, מיר און אַפילו מיין פערד האָט זי נישט געוווסט, ווו דאָס אָרט אַפּצוגעבן. דאָס שענסטע עסן און

טרינקען, נישט חלילה אומזיסט, ביי „אונזערע ברידער" גייט דאָס נישט. אלא מיר פאַרהאַלטן זיך גוט, דאָס גייט אין אַ באַזונדערן וועג. וואָרן איך, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב מיך ליב צו שטעלן אָרענטלעך ווען ווער באַהאַנדלט מיך גוט. און זי, אַלץ הייסט גוט!... שטעלט איך פאָר: בישט איין מאָל פלעגט זי מיר זאָגן: דיך פאַר אַ ברודער וואָלט איך מיר געוווּנטשן! אַזוי געטריי... איך איר, ווי דער אמת, אויך דאָס אייגענע. וואָרן אַזוינס צו הערן פון אַ פרעמד מיידל, פילט מען ווי דאָס האַרץ ווערט ווייך, צעלאָזט ווי פוטער אויף וואַרעם ברויט... פאַרוואָס ווידער נישט? איך זאָג איך דעם אמת, מיט מיין שוועסטער, טייל מאָל, גיבן מיר זיך אַ קללה אויך, און דאָ, די דבורהלע, ווי אַ שיינע גוטע טויב... שטעלט איך פאָר: דאָ, למשל, שטייט מיין פערד, פלעגט זי טייל מאָל צוגייען געבן עס אַ גלעט איבערן רוקן... דאַכט זיך דאָך אַ תענוג, אַז אַ פרעמדער ליבט און גלעט מיין פערד? נאָר צופיל... און איך האָב אַזש נישט גע־קענט קוקן... די אויגן ווילן זיך עפּעס צומאַכן פאַר גוטסקייט, דריי איך מיך אַוועק און מאַך מיך גאָר קוקן אויפן האַק... כאָטש עס העלפט נישט, ווייל היינטער די פּליצעס, ווייס איך, גלעט זי מיין פערד...און אַ ווייך וואַרעם ווינטל, פיל איך, גייט מיר אַדורך אין די ביינער, גלייך נישט דאָס פערד, נאָר מיך גלעט זי דאָס אויפן גאַנצן לייב. און נאָר דאָס אַליין? שטעלט איך פאָר, אָט קום איך, למשל, צו פאָרן און טרעף פּונקט אין שטוב איז אָפּגעקאָכט אָנבייסן, אַלע גייען עסן, נאָר דבורהלע נישט, וואָס איז? זי וויל איך זאָל אויך מיטעסן און אַלע אין שטוב ווילן דאָס, די מוטער ווערט חלילה נישט חושד זיין... ווייל אין דאָרף — פּשוט אַ גוטע! און טאַקע דער אמת — אַזוי איז דאָך!... מיר איז דאָס אָבער נישט ליב געווען. איך פיל, אַז זי וויל מיך מכבד זיין, און „אונזערס אַ ברודער", פאַרשטייט איר מיך, שטייט נישט נאָך אַזעלכע זאַכן. זעט איר, אַ פאָר גילדן דורכצולאָזן מיט אַ גוטן ברודער, בין איך שטענדיק גרייט, און אויף אַזעלכע גליקן ביך איך אַ טויטער... נאָר אָפּזאָגן איר קען איך נישט, און איך זע שוין, אַז איך מוז אַריינפאַלן... ווידער טרייסט איך מיך — איך וועל פּרווון באַצאָלן נאָך דעם עסן — און אַזוי האָב איך געגעסן דאָס ערשטע מאָל, דערנאָך, איך וויל באַצאָלן — אַ בעכטיקער טאָג! „פאַר האָבער און פאַר פּאַפּיראָסן, זאָגט זי — קומט צו באַצאָלן"... און דער־ביי שמייכלען די קליינע ליפּעלעך אַזוי זיס און די אויגן קוקן מיט אַזאַ גנבֿהשן בליק, ווי אייבער רעדט „אָפּגעפּרייערט"...

נו, ווי קלערט איר? מיינער איז נאָך נישט דער גאַנצער פּריקער! זי פאַרקוקט זיך, פּוץ איך מיך צו צו איר קעשענע און לאָז איר דאָרט

אַראָפּ אַ זילבערנע מטבע... קיטש! איך ווער ליִנק פון שטוב אַרויס און ווײַן שוין אויפן וועגעלע, — הײַדאַ, טרעט אָפּ, וואַסקאַ!... גיב איך אַ צופּ מײַן פערדל און אַ שאָקל מיט די לייטשעס.

ערשט אויפן שאָסיי האָב איך מיך אומגעקוקט צו דער שטוב און דערזען, ווי דבורהלע שטייט אויף דער שוועל און קוקט מיר נאָך, און פון ווײַטנס בייגט זי צו מיר מיטן קאָפּ, ווי אײַנער רעדט — „פאָר געזונטערהייט" — „זײַ־געזונט" — טראַכט איך מיר און גיב דאָס פערד אַ געלאָסענעם טריט, כדי מיר זאָלן זיך לענגער אָנקוקן, איך און דבורהלע.

אין עטלעכע טעג אַרום פאָר איך ווידער אַדורך און שטעל מיך צו געבן דעם פערד אַ טרונק. איך האָב נאָך דעם קיבל נישט אָפּגעבונדן פון וואָסינג, און דבורהלע שטייט מיר שוין הינטער די פּלייצעס.
— אַזוי — מאַכט זי צו מיר — אַזוי לייגט מען אַרײַן? נעם, זײַ מוחל, צוריק! — שטופּט זי מיר אַ ווײַסן גילדן אין דער האַנט אַרײַן. — אַ ליִנקער שטומפּ!... ענטפער איך און פּוץ מיך אָפּ, ווי איך ווייס פון גאָרנישט. זי אָבער טענהט נישט קיין סך, און שווערט איבער איר געזונט, אַז איך מוז צוריק נעמען. כאַפּ איך אַ שוויַג און נעם דעם גילדן און לייג אים אַרײַן אין קעשענע. פאַר דאָס, שפּעטער, ווען זי האָט מיך ווידער געוואָלט מכבד זײַן מיט מילכיקן באָרשטש, זאָג איך: — ניין! ווי קלערט איר, און זי האָט געגעסן? אַ נעכטיקער טאָג! זי איז אַרײַן אין שטוב, געשטעלט זיך בײַם פענצטער און קוקט אַרויס צו מיר. איך ווידער שטיי, אין וועגעלע אָנגעלענט און קוק צו איר, און בײדע שווײַגן מיר, נאָר אירע אויגן רעדן, בעטן זיך עפּעס, אפשר איך זאָל אַרײַנגיין אין שטוב, ווער ווייסט? נאָר דאָס מאָל האָב איך מיך אײַנגעשפּאַרט — נישט! און אַזוי איז געווען. איך בין אוועקגעפאָרן ווײַטער און אפילו נישט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו געזעגענען, אפילו נישט אומגעקוקט זיך, טאָמער גריסט זי מיך...

צומאָרגנס, איך פאָר צוריק, שטעל איך מיך דאָ פּאַשען, דבורהלע דערזעט מיך פאַרן פענצטער, קומט זי אַרויס און שטעלט זיך אויף דער שוועל. דאָס פּנים איז בלאַס ווי קרייד, די אויגן — טרויעריק און מאַט, ווי פאַרטראַכט, און אַזוי שטיל, אַזוי רויִק זעט זי אויס, ווי אַ הון, ווען זי שטייט הינטערן אָפּדעכל און קוקט אַפּער אויפן פאַרוואָלקנטן הימל...
איך גיי צו.
— דבורהלע — זאָג איך — וואָס איז דיר?
— גאָרנישט! — ענטפערט זי און טרערן שטעלן זיך אין די אויגן...

— ביסט עפּעס בלאַס — זאָג איך און מיך נעמט אָן אַ רחמנות.

— בלאַס? — מאַכט זי — אפשר, איך בין נישט אויסגערוט.

— ביסט דען נישט געשלאָפן בייַנאַכט?

— ניין! — ענטפערט זי קוים.

— פאַרוואָס?

— דו ווייסט שוין! — זאָגט זי און קערט אָפּ דאָס פּנים אין אַ זייט און ווישט זיך די אויגן מיטן פאַרטעכל.

— זאָלן מיר אַזוי ביידע נישט וויסן פון קיין שלעכטס! — פאַרענטפער איך מיך און ווער שטאַרק צעקאָכט.

— פאַרוואָס נעכטן האָסטו דיך אפילו נישט אומגעקוקט?...

— אַ נייַע מעשה! — זאָג איך — ווי קומט איינס צום אַנדערן? דורך דעם שלאָפט מען נישט?

— ניין! — זאָגט זי — עס האָט מיר באַנג געטאָן, וואָס איך האָב דיר געגעבן צוריקצונעמען דעם גילדן...

— איבער אַ גילדן גייט עס? עס איז דיר אַ שאַד? אָט האָסטו דריי, אַבי שלאָף! — נעם איך מיין בייטעלע.

— און אַז איך וועל נעמען, וועסטו שוין נישט זיין ברוגז? פרעגט זי מיט אַ שמייכל און די אויגן בלישטשען פייכט פון טרערן.

— ניין! — ענטפער איך, כאָטש אין מיר טראַכט איך: ווען האָט מיר גאָר געחלומט פון אַ ברוגז?...

— דריי — נישט! דעם איינעם גילדן — זאָגט זי — קען איך נעמען.

— זאָל זיין! — ענטפער איך, האַלטנדיק דריי גילדנס אויף דער האַנט.

— וועסטו שוין נישט זיין ברוגז?

— ניין! — זאָג איך איר נאָך אַמאָל צו, און זי נעמט אַראָפּ איין גילדן.

אַזוי איז אַוועק אַ לאַנגע צייט און מיר לעבן זיך גאַנץ פריינטלעך. מאַכט זיך אָבער אָן אומגליק: דעם פאַר־פּסח ווערט די עלטערע שוועסטער, דאָס ווייבל, קראַנק, און עס גייט נישט אַוועק קיין צען טעג, פונקט דעם אַנדערן טאָג יום־טוב, שטאַרבט זי, אַ ווייבל אַ גאָלד, און אַזוי הייי־מיש, אַ שוועסטער, זאָג איך אייך! האָט עס מיך — ווי איך בין אַ ייד — ביים האַרץ געשניטן, און איך פלעג נישט קענען הערנאָך אַרייַנקו־מען אין שטוב. בפרט איר, דבורהלען, האָב איך נישט געקענט אין די אויגן אַרייַנקוקן. פריער — אַזוי היימלעך, אַזוי פריילעך, פלוצלינג — אַזאַ אומגליק! יעדעס ווינקל אין שטוב קלאָגט, די מוטער, צווישן צוויי

ווערטער גיסן זיך די טרערן, און דבורהלע דרייט זיך אזוי ארום ווי א שאטן, דאס פנים איז בלאס ווי די וואנט, און טרויעריק, דעם קאפ אראפ, אפילו די ווענט זעען אויס אומעטיק און עס טרייבט מיך פון שטוב ארויס איר באהאלטענער צער...

נאר איינמאל, דעם זומער, פאר שבועות איז עס געווען, פאר איך מיט א ביסל חסידים צום רבין קיין קאליביעל, דא אין א נאענט שטעטל... וויל איך מיך דא שטעלן געבן דעם פערד א טרונק, לאזן זיי נישט, די חסידים, און מאכן א יעלה, איך זאל פארן געשווינד. נאר ווער הערט זיי? מיין פערד, קלער איך מיר, איז קיין חסיד נישט און איילט זיך נישט צום רבינס שלום. פונדעסטוועגן, איבעריק צייט פארברענגען וויל איך אליין נישט; פאר איך נישט צו צום הויז, נאר בלייב שטיין אויפן שאסיי, פארן בריקל, און בינד אפ דעם קיבל און גיי צו דעם ברונעם, דא הינטערן הויז... איך טו א קוק, דבורהלע זיצט אויף דעם גראז, בלאס ווי א טויטע און דעם קאפ אראפגעלאזט, ווי פארטראכט. פלוצלינג, זי האט דערהערט די טריט מוז זיין, דערזעט זי מיך, און די פארבן קומען איר אין פנים אריק, ווי פארשעמט.

— וואס זיצסטו אזוי? פרעג איך.

— איך ווייס אליין נישט!... ענטפערט זי — איך זיץ גלאט אזוי, פארטראכט האב איך מיך.

און פארטראכט האט זי טאקע אויסגעזען, און איך ווייס אליין נישט, — מיר האט זיך עפעס געוואלט וויסן דערמלט, וואס זי טראכט, נאר פרעגן איז נישט מיין טבע. נעם איך אנשעפן א קיבל וואסער און צום אוועקגיין פרעגט זי מיך, ווען מיר קומט אויס צוריק צו פארן. איך האב איר געזאגט און בין אוועק צום וועגעלע.

אז איך האב אפגעשטעלט די חסידים אין רבינס הייפל אריק, דאכט זיך, קען איך שוין צוריקפארן? וואַרן ווער דארף מיך דארטן, אדער ווע־מען דארף איך? אפשר טאנצן מיט די לייבסערדאקעס אין רעדל, אדער זיך רייסן איבער א לעפל ארבעס־יויך? טאקע, דער אמת, ווי קום איך? ... נישט לאנג געקלערט, דריי איך אויס דאס וועגעלע און מאך פליטה. „נישט קשה, מיין פערד, — טראכט איך מיר — וועסט קריגן ריינעם האבער, לאמיר זיך נאר שטעלן פאר דבורהלעס טיר!" אזוי איז טאקע געווען, א גאנצן וועג נישט געפאשעט, ערשט שפעט ביי נאכט, ווען איך בין צוגעפארן אהער, שפאן איך אויס דאס פערד און דריי עס אויס אין די האלאבלעס, מיטן קאפ צום וועגעלע, און רוק אונטער דאס זעקל האבער.

די לאָדנס זײַנען שוין געווען פֿאַרהאַמערט, נאָר אינעווייניק ליכט זיך נאָך... און דורך דער אויסגעשניטענער האַלבער לבֿנה זע איך, ווי דבֿורהלע דרייט זיך אַרום איינע אַליין. מיך האָט אַפֿילו געגלוסט אַרײַנצוגיין, ווײַל אַ גלעזל טיי האָט מיר זייער געשמעקט, בפֿרט בײַנאַכט, און אַ גאַנצן וועג, פֿאַרשטייט איר מיך, קיין לעפֿל וואַרעם וואַסער אין מויל נישט געהאַט. און דאָ, ווייס איך, מיטן קוק קאָכט זי מיר אויף טיי אין אַ קופּערן פּענדל. פֿונדעסטוועגן, בין איך מיך מישבֿ, און וואַרף מיך אַרײַן אין וועגעלע צווישן שטרוי, און ליג. שלאָפֿן האָב איך נישט געקענט, האַלט איך גלאַט די אויגן פֿאַרמאַכט און הער מיך אײַן, ווי דאָס פֿערד כראָפּעט מיר צוקאָפּנס...

פּלוצלינג דערפֿיל איך, ווי אַ געדיכטע פֿינצטערניש, ווי אַ שאָטן האָט זיך מיר אָנגערוקט פֿאַרן פּנים; איך טו אַ מאַך־אויף די אויגן: — דבֿורהלע איז עס!... זי שטייט בײַם וועגעלע אײַנגעהילט אין טיכל אויף דעם קאָפּ און קוקט אויף מיר... אַ ציטער האָט זי געטאָן, ווען איך האָב די אויגן געעפֿנט, און זי פֿרעגט, ווי צעמישט: — „שלאָפֿסט שוין יאָסל?‟ איך האָב אַרויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿאַר אַ סימן... און זי זאָגט ווידער: — מ׳קען דיך נאָך אַוועק גנבֿענען!... —און דערבײַ שמייכלט איר בלאַס פּנים.

— נישט אַזוי גיך! אַ צו שווער פּעקל... — ענטפֿער איך.

— עס שלעפֿערט דיך טאַקע? — פֿרעגט זי שטיל.

— נײַן!

— ליג נישט, קום אַראָפּ. — בעט זי זיך.

עס האָט מיך אַדורכגענומען איר בלאַס פּנים און אונטערטעניקע רייד און איך האָב איר צוליב געטאָן.

אַצינד זײַנען מיר שוין געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן, שטיל־שווײַגנדיק. די שטילקייט, האָב איך געפֿילט, האַלט מיך ווי אין אַ פּרעס, ווו איך האָב נישט קיין רשות אַ ריר טאָן מיט אַן אבֿר. און פֿאַרוואָס? פֿרעג איך מיך אַליין אין זיך; און בשעת מעשה פֿאַלט מיר אײַן אַ שׂכל איבערצושלאָגן די שטילקייט, און טו אַ פֿרעג: —

— הערסט, ווי דאָס פֿערד כראָפּעט?...

— איך הער, — זאָגט זי און לייגט נאָך צו: וואָס זאָלן מיר שטיין דאָ? קום אַ ביסל ווײַטער!

מיר גייען צו צום שאָסיי, און בײַ דער זײַט גראָבן, אויפֿן גראָז, זעצן מיר זיך.

זיצנדיק קוקט זי אין הימל אַרײַן, גלײַך זי האָט נישט מער אין זינען, ווי די שטילע שטערן, וואָס פֿינקלען איבער אונדזערע קעפּ. איך, ווידער, פֿאַרקוק מיך גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, און כאָטש איך האָב מער

אין זינען אונדז ביידע, ווי אַלץ אַרום, פונדעסטוועגן מאַך איך מיך, ווי געפּגרט׳ און קוק גאָר אויף דעם איינגעבויגענעם ווערבע־בוים מיט די רוישנדיקע בלעטלעך, וואָס שטייט בײַ דער אַנדערער זײַט שאָסיי... אַלץ איז שטיל, און דבורהלע, אָן אָטעם, דאַכט זיך, קוקט פאַרטראַכט אויף די שטערן.

— וואָס זעסטו דאָרט? — האַלט איך נישט אויס.

— וואָס זאָל איך זען?

— ציילסט די שטערן?...

— איך זוך אַ שטערן, מײַן שטערן — ענטפערט זי.

— נו, זעסט אים?

— ער איז דען אַזוי ליכטיק?... פרעגט זי און טוט אַ קוק אויף מיר, און בשעת מעשה שפּאַרט זי אָן דעם עלנבויגן אויף איר שויס, און דעם קאָפּ אויף דער שטיצנדיקער האַנט, איך זאָל איר נישט קוקן אין פּנים אַרײַן.

— וואָס איז, דבורהלע? בעט איך זי צו בײַ דער האַנט.

— גאָרנישט! — ענטפערט זי אָפּגעהאַקט.

זי בענקט אַפּנים, נאָך דער שוועסטער, טראַכט איך מיר:

— נאָך אַזאַ שוועסטער — זאָג איך — איז טאַקע דאָ וואָס צו בענקען. נאָר איז זי דאָך שוין געשטאָרבן...

— ע, נישט דאָס! — זיפצט זי אָפּ.

— וואָס דען?

— וואָס איך לעב... — ציטערט איר קול, ווי צום וויינען.

איך בין שטיל געבליבן, די האַנט איז מיר עפּעס ווי אַליין אַוועקגעפאַלן, אַראָפּגעגליטשט פון אירע, און טיף אין האַרץ האָט עפּעס געצופּט אַ מין רחמנות...

— דו שוויגסט, — זאָגט זי — שוויגסט! ביסט, הייסט עס, מודה...

— איך שווײַג — ענטפער איך, ווי דער אמת — ווײַל איך ווייס נישט וואָס צו זאָגן.

— דו שוויגסט, — חזרט זי איבער — ווײַל עס איז גלײַכער צו שווײַגן...

— גלייב מיר, אַז נישט! איך ווייס טאַקע נישט, גלייב מיר. — פאַרענטפער איך מיך.

— גלייב מיר! איך וויל דיר גלייבן, ווי אַ קראַנקער וויל געזונט זײַן, אָבער וואָס טויג בלויז גלייבן?...

— אָבער זאָג!... לאָמיך וויסן! וואָס, זאָגסטו, ווייס איך? — ווער איך שוין בייז פון אירע געטאָקטע רייד, וואָס קענען אַ האַרץ אויסציִען. וואָרן

טאקע דער אמת, מי־יודע וואס פאר אן אנטשעפעניש! איך ווייס, זאגט זי, וואס זי איז טרויעריק. געהערט רייד פון א מיידל?

— ווייסטו נישט, — זאגט זי — און ווילסטו וויסן? זאג איך דיר! אלץ איינס, צי פארברענט איך פייער, צי דערטרונקען אין וואסער... הער־זשע צוויי ווערטער: ווילסט מיך ראטעווען? נעם זשע מיך אוועק פונ־דאנען...

— פאר וואס, און וואהין? — פרעג איך דערשראקן פאר א שלעכטע מחשבה... און מיר האט א קלאפ געטאן אין הארץ.

— ווו דו ווילסט, אפילו אין דער ווייסל אריין, אבי ארויס פון מיין מאמעס שטוב. — פאלט זי מיר אויפן הארץ מיט א געוויין.

— אין דער ווייסל אריין פירט מען נישט, ביסט א נאריש מיידל! — זאג איך — נאר קענסטו נישט זאגן, וואס איז דא פאר א נייעס געווארן?— פרעג איך; נאר זי הערט נישט, אהער וויל נישט הערן, און זי טוליעט צו דעם קאפ צו מיין הארץ, ווי א חדר־ייִנגל טוליעט זיך ביינאכט צו דער מאמען און שרעקט זיך פאר א מעשה מיט גזלנים...

— וואס איז געשען? פרעג איך נאך א מאל, און דאס הארץ צעגייט מיר פאר רחמנות.

— דערוויל גארנישט, עס דארף ערשט געשען... שיט זי אויס, און טוט א ציטער מיטן גאנצן גוף. — עס דארף ערשט געשען; מ׳וויל מיך ארונטערשטעלן מיטן שוואגער אונטער איין חופה...

ווי מיט א שטיק גלאז מ׳וואלט מיר א ריץ געטאן אין מוח! די לע־בער פלאצט מיר אזש... נאר איך האלט מיך איין...

— וואס זשע קלערסטו, וואס פאר אן עצה?

— א, ניין! — כאפט זי אוועק דעם קאפ פון מיין הארץ, ווי איך וואלט איר א ביס געטאן, און זי קוקט מיר שארף אין די אויגן אריין — אז דו האלסט ערשט ביי פרעגן, וואס איך קלער צו טאן, איז א סוף.... קער איך צום מלאך־המות!

— קערסט נישט! קערסט נישט!... — כאפ איך זי ארום און הייב זי אן צו קושן — גלייב מיר, דבורהלע, אז נישט... מיין קאפ גיב איך אוועק פאר דיר! — פאל איך איר ארויף אויפן אקסל און וויין מיט — — — — —

איך העיסע, זי העשעט... זי גלעט מיך — שא... איך זי — שא... נאר מ׳קען זיך נישט איינהאלטן!

שטארק איך מיך:

— פארט אזוי, וואס טוט מען?

— זאג דו, וואס זאל איך טאן? — העשעט זי.

— זאָג דו, — בעט איך זי נאָך א מאָל.

— וואָס דו ווילסט, טו מיט מיר!

— שטיי זשע באַר! — זאָג איך — ס'איז שוין אָפּגעשטעלט א זמן חתונה?

— יאָ, אָפּגעשמועסט אויף שבת נאָך שבועות, נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו וויינען, אַז... אַז איך וויל נישט אזוי פרי... האָט מען אָפּגעשטעלט אויף שבת־נחמו.

— שאַ, זשע... — זאָג איך — איז שוין באַלד נישט אזוי שלעכט. קען מען נאָך עפּעס אויפטאָן! איך וועל דיך נעמען, פאַרשטייסטו מיך, גאָר אין א פרעמדער שטאָט אריין, קיין קאַ־אַ־ל־ווש־ין צו מיין מומען און וועסט זען, גאָט וועט העלפן...

— וואַרט נישט, יאָסל! — גלעט זי מיך און בעט שטיל — וואַ־אַרט נישט, דאָס האַרץ שרעקט זיך מיר...

— שרעק דיך נישט — גלעט איך זי איבער די וויכע האָר — וועסט זען...

— גיין, יאָסל, גיין!...

— וואָס דען?

— נעם מיך שוין, כאָטש צו דיר אהיים... — זאָגט זי שטיל, ווי פאַרשעמט.

דאָ בלייב איך שוין שטיין ווי צעמישט... עפּעס א קלייניקייט! אַן איינפאַל פון א מיידל! נעם זי היים! — למשל, איך טו שוין אזוי: שפּעט ביינאַכט קלאַפּ איך אָן אין לאָדן: „מאַמע עפן!” זי קייטלט אויף די טיר און איך מיט דבורהלען גיב מיר א קום אריין — ברוך־הבא!... די מאַמע מיינע, נישט קיין נארישע יידענע, פאַרשטייט אַן עסק... מיטן ראשית א פרעג — „דבורהלע, וואָס מאַכסטו גוטס?” און דערווייל טוט זי א טאַפּ דעם דופק... דערווייל הייבט מיין שוועסטער אויף דעם קאָפּ, ליגנדיק אין בעט, און קוקט פאַרוואונדערט. אמאָל אויף מיר, אמאָל אויף דבורהלען, ווי איינער רעדט — געכאַפּט באַציטנס!... א געשעפט האָט ער, אַז די שוועסטער איז עלטער...

— נאָר דאָס, זאָג איך איז נאָך גאָרנישט, באָבקעס!... דער עיקר שבת! מ'גיט מיר הגבה אין מיין חברהלע און א גוטער ברודער, אשטיגער, שטייט מיר הינטער די פּלייצעס, אַראָפּגערוקט דאָס דאשעקל איבער די אויגן, און ווינקט איבער מיין קאָפּ... און מאַכט זיך א געלעכטערל — „הע, יאָסעלע, לאָז דיך קאָסטן צוויי מאָל ח״י אויף א מי־שברך!... האָסט געפּאַקט א קליווע יאָלדעווקע”... ז

אַט אַזוי וואָלט עס צוגעגאַנגען, האָב איך נאָך פריער באַרעכנט, ווען איך טו ווי זי וויל!

בין איך מיך מישב:

— הער דבורהלע, רעדסט ווי אַ קינד! דיין מאַמע וועט קומען נאָך צו לויפן איך שטאָט אַריין, און דער רב וועט באַלד שיקן דעם שמש...

— דו שרעקסט זיך פאַרן רב?... — שאָקלט זי מיטן קאָפּ — שרעקסט זיך?... און איך?... גלייב מיר, יאָסל, אַז קיין שרעק און קיין טויט איז פאַר מיר נישטאָ, אויב דו ווילסט עס נאָר! נאָר אפשר... אפשר ווילסטו, איך זאָל מיך יאָ שרעקן?...

נישט קיין שלעכטע שטעכווערטלעך, טראַכט איך מיר, און איך ענטפער באַלד אָפּ:

— גלייב מיר, דבורהלע, מיטן גאַנצן האַרצן וויל איך דיך פאָלגן, נאָר זע, עס האַלט נישט אויס... איבער מענטשן...

זי איז שטיל געבליבן, ווייזט אויס פאַרשטאַנען, אַז איך בין נישט אינגאַנצן אומגערעכט, און ביידע זיצן מיר פאַרטראַכט. דאָס האַרץ האָב איך געפילט, פּלאַצט מיר פאַר רחמנות. נאָר וואָס טוט מען? מען מוז שוין וואַרטן ביז נאָך שבועות...

און מיר זיצן.

זי האַלט דעם קאָפּ אויף מיין האַרץ און ביידע שוויגן מיר, מע רעדט נישט אַ וואָרט. נאָר טייל מאָל טוט זי אַ זיפץ און אַ ציטער מיטן גאַנצן גוף. און אַזוי ביז דער מאָרגן־שטערן איז אויפגעגאַנגען. ערשט דעמלט האָבן מיר זיך אויפגעשטעלט, אָנגעקושט, אָנגעהאַלדזט. איז זי אַוועק צו דער שטוב און איך האָב נאָכגעקוקט נאָך אירע געשווינדע לייכטע טריט, ביז איך האָב געהערט דאָס ריגלען פון דער טיר...

איך האָב איינגעשפּאַנט און שפּריטנג שוין אַריין אין וועגעלע, איבערדעם מאַכט זיך אויף די הויז־טיר און דבורהלע באַוויזט זיך נאָך אַמאָל, זי שטייט אויף דער שוועל, רעדט נישט אַ וואָרט — אַ צייכן, און מיר ווערט עפּעס זייער באַנגלעך, עס לאָזט מיך נישט אַוועקפאָרן, ווייס איך אַליין נישט וואָס מ׳טוט; יאָ מיטנעמען... נישט מיטנעמען, ס׳איז נישט קיין פּלאַן, נישט אַזוי, נישט אַזוי!... און דערווייל שטייט זי... הייב איך מיך אויף און גיי צוריק אַראָפּ פון וועגעלע:

— דבורהלע, — זאָג איך און נעם זי ביי דער האַנט — זיי נישט טרויעריק, דבורהלע... וועסט זען, גאָט וועט העלפן... האַלט זיך אויף ביז נאָך שבועות...

זי האָט נישט געענטפערט, בלאַס ווי די וואַנט, און מיט טרערן אין די אויגן קוקט זי מיך אָן... איך האָב מיך לייכט צוגעבויגן צו איר פּנים און אַ קוש געטאָן, האָט זי זיך ווי צוגעקלעבט צו מיר מיטן גאַנצן גוף, און ציטערנדיק געקושט און געקושט...

איך האָב מיך געזעגנט, פֿײַן, שטיל און בין אַרויף אויפֿן וועגעלע, נאָר זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען און נאָכגעקוקט מיר ווייט אויפֿן שאָסיי... ווי איינער רעדט: „דאָס לעצטע מאָל"!...

און טאַקע דאָס לעצטע מאָל, וואָרן מען האָט זי געוואַרט, די מוטער האָט עקסטרע געזאָגט — „שבת־נחמו"... כּדי אײַנצושטילן זי, דבורהלען, זי זאָל נישט וויינען... און באַלד שבת נאָך שבועות, ס'הייסט דעם אייגע־נעם פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט, האָט די מוטער צונויפֿגעקלאַפּט אַ מנין מענטשן, געכאַפּט פֿיר הרוגעס מיט אַ פֿלאַכטע, און פֿאַרטיק שטאָס!... פּטור אָן עסק...

---

דער הימל האָט שוין אָנגעהויבן בלייך צו ווערן, די שטערנדלעך — מאַט, אויסגעלאָשן, ווי די בית־המדרש לאָמפּן חנוכּה בײַנאַכט... און די לבֿנה איז שוין געשטאַנען האַלב פֿאַרזונקען אין דער ערד, און רויט, ווי אין בלוט אײַנגעטונקען, האָט זי האַלב אָפּגעקוקט פֿון אונטערן עק הימל, וואַרפֿנדיק נאָך אַ לעצטן טרויעריקן בליק צום הויז, וווּ מיר שטייען.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף יאָסלען, וועלכער האָט אויסגעזען פֿאַר־טראַכט, און איך זאָג:

— וואָס זאָלן מיר שטיין דאָ?

— איר זענט גערעכט — ענטפֿערט ער, פֿאַרטראַכטערהייט אַרויפֿ־שטעלנדיק אַ פֿוס אויף דעם פֿאָדערשטן ראָד — איר זענט גערעכט... איך האָב שוין גאָר נישט וואָס צו טאָן!....

— — — — — — — — — — — — — — — —

וויאָ!...

# ר׳ יואל

## (אַ בילד)

פּערזאָנען: ר׳ יואל שענקער
צירעלע זיין ווייב
דינסט
פלעדערמויז, אַ יונג.

### ערשט בילד.

(קומט פאַר ביי ר׳ יואלן אין שטוב, שבת אינדערפרי. שבתדיק אויפגערוימט מיט פאַרהאַנגען פאַר ביידע פענצטער און איבער דער טיר רעכטס, וואָס גייט אריין אין שענק. לינקס איז פאַראַן נאָך אַ טיר אין גאַס אריין).

**ר׳ יואל:** (זיצט ביים טיש פארטיפט איבער אַן אָפענער גמרא, האַלט אַ רויטע פאַטשיילע אויף דער שויס, וועלכע ער דערהייבט ציטנווייז צו דער נאָז, שנייצט אריין אין איר און צעשאָקלט זיך) תא־שמע... יאָ־יאָ־יאָ... (ציט לאַנג דעם טאָן. צוריק שטיל. פאַרשלאָפט)

**צירעלע:** (זיין פרוי, טוט זיך אָן ביי דער אָפענער קליידער־שאַנק. צו דער דינסט) זע נאָר, מיידל, וואָס פאַר אַ תל דו מאַכסט מיר פון די מלבושים.

**דינסט:** (בלייבט שטיין מיטן בעזעם אין מיטן שטוב) ווער איך, באַלעבאָסטע? ...

**צירעלע:** אוודאי מיט דיין קליידל אריינהענגען צווישן מיינע, האָסט דאָך אַ קויש דיין אייגענעם! ...

**דינסט:** אין קויש שימלט, באַלעבאָסטע... ער שטייט אין ווינקל... ס׳איז ווילגאָטש...

**צירעלע:** נעם העקל מיר צו...

ד י נ ס ט : (לאָזט דעם בעזעם און שפּילעוועט איר צו דאָס קלייד, דאָס קאָפּטאַנדל) קיין עין־הרע, באַלעבאָסטעשע... עס קאָן נישט צו דאָס העקעלע...

צ י ר ע ל ע : האָסט ליימענע הענט — אַ בעסערן צי! (צו יואלן) און דו גייסט נאָך נישט דאַווענען!

ר׳ י ו א ל : (וועקט זיך. כאַפּט די פּאַטשיילע פון דער שויס, שטיצט אַריין אין איר) און אַ גלעזעל וואַרעמס?...

צ י ר ע ל ע : נו, זעסט דאָך — די מויד קאָן גאַרנישט אויסקומען מיט דער צייט! באַהיט זאָל מען ווערן, אַז זי נעמט עפּעס צו טאָן...

ד י נ ס ט : גייען ערשט צום בעקער? (די טיר פון גאַס עפנט זיך און פלעדערמויז, אַ יונג אין אַ גראָבער מאַרינאַרקע, מיט אַ פוטערן היטל ביז איבער די אויגן און אין אַ פּאָר שטיוול מיט לאַנגע כאָלעוועס, קומט אַריין אין שטוב עפּעס צוהאַלטנדיק מיט דער האַנט אונטערן בוזעם).

ר׳ י ו א ל : (דערזעענדיק אים, מאַכט אַ ברוגז פּנים, אין דער גמרא אַריין) אָמר ריש לקיש... האָט ריש לקיש געזאָגט...

פ ל ע ד ע ר מ ו י ז : גוט שבת, צירעלע...

צ י ר ע ל ע : (פאַרמאַכנדיק געשווינד דעם שראַנק) גוט שבת, גוט יאָר...

פ ל ע ד ע ר מ ו י ז : (קוקט זיך אַרום) איך האָב עפּעס געדאַרפט, צירעלע... (פאַרטראַכט זיך מיט די האַנט אונטערן בוזעם).

צ י ר ע ל ע : נו, זאָג.

פ ל ע ד ע ר מ ו י ז : (ווייזט מיט אַ ווונק אויף דער מויד) זי איז דאָ...

צ י ר ע ל ע : נו, קום אַריין אין שענק... (ציט אים אין דער צווייטער טיר אַריין, וואָס איז פאַרהאַנגען מיט אַ פאַרהאַנג) ווילסט דאָך בראָנפן אַוודאי, האָ! (ביידע אָפּ).

ד י נ ס ט : קוקט נייגעריק נאָך מיט געשפּאַנטע בליקן הינטער דעם פאַרהאַנג) דאָרט מוז שוין עפּעס זיין...

צ י ר ע ל ע : (באַווייזט זיך צוריק אין דער אָפענער טיר, אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ פון הינטער דעם פאַרהאַנג) מיידל, פאַרוואָס גייסטו שוין נישט נאָך דער באַנקע קאַווע?

ר׳ י ו א ל : יאַ־יאַ־יאַ־סדתני...

ד י נ ס ט : (נעמט אַ פּאַטשיילע איבערן קאָפּ. גייט אַרויס פון שטוב).

צ י ר ע ל ע : (גייט צו הינטערווייעלעכץ צום מאַן) יואל... יואל... איך האָב דיר עפּעס צו זאָגן...

ר׳ י ו א ל : (בייזערדיק) וואָס ביסטו מיך מבטל?!

צ י ר ע ל ע : איך מינוטקעלע... (בויגט זיך צו. הויך) דער יונג האָט א פּאָר לייכטער זילבערנע... און ער ווייסט אליין נישט, וואָס זיי זיינען...

ר׳ י ו א ל : (בעט זיך) טשעפּע דיך אָפּ פון מיר, אום שבת...

צ י ר ע ל ע : יואל, יואל, יואלשי... לאָז צו דיר רידן, איך בעט דיך — פאַרטרייב מיר נישט קיין מענטשן פון שטוב ארויס. הערסט, יואל... דו האָסט א שענק...

ר׳ י ו א ל : (אָפּגעריסן) שענק, שענק, שענק!... (טוט זיך אַ וואַרף אויף דער שטול, דרייט זיך אויס מיטן רוקן).

צ י ר ע ל ע : יואל, יואל! מאַך־זשע דיך נישט נאַריש... יואל, וועסט אַרויסלאָזן איין מאָל, וועט מען דאָס צווייטע מאָל אַליין אַנטלויפן...

ר׳ י ו א ל : אָבער, שבת...

צ י ר ע ל ע : אָבער יואל... איך גיי אים אריינרופן...

ר׳ י ו א ל : ניין...אים אליין נישט.

צ י ר ע ל ע : דו וועסט כאָטש א קוק טאָן אויף זיי... איך וועל זיי דיר אַליין אַריינברענגען...

ר׳ י ו א ל : ניין... מוקצה!... צירל, אום שבת...

צ י ר ע ל ע : נאָר א בליק טאָן...

ר׳ י ו א ל : איך פאַרלאָז מיך אויף דיר... גיי דו אליין אריין צו אים — דאָרט! דאָרט!...

צ י ר ע ל ע : ניין, ניין, יואלשי... (לויפט צו צו דער אָפענער טיר) פלעדערמויז, זיי־זשע מוחל...

פ ל ע ד ע ר מ ו י ז : (רוקט זיך אריין, נאָך אלץ אונטערהאַלטנדיק מיט דער האַנט זיין אונטערן בוזעם).

ר׳ י ו א ל : (צו פלעדערמויזן) זיי־זשע מוחל ווי הייסטו... גיי דיר געזונטערהייט. דאָ איז נישט קיין אָרט...

פ ל ע ד ע ר מ ו י ז : נו, איז נישט, באַדאַרף מען נישט! (רוקט זיך אראָפּ דאָס היטל טיפער איבער די אויגן, מאַכט זיך גרייט צום אוועקגיין).

צ י ר ע ל ע : אוי, א דונער האָט מיך געטראָפן! יואל, וואָס פאַר־טרייבסטו מיר מענטשן פון שטוב אַרויס (כאַפּט פלעדערמויזן ביים אַרבל) וואַרט, וואַרט! — קינד־לעב. וואָס טענהסטו מיט אים, ער האָט דאָך א משוגענע שעה אין זיך, דו ווייסט דאָך... ווייז אהער...

פ ל ע ד ע ר מ ו י ז : (אָנגעבלאָזן) ביי מיר גייט דאָס נישט. נישט איז נישט!... איך באַדאַרף מיך נישט איינבעטן... מען בעט מיך!...

(נעמט אפער א פאר זילבערנע לייכטער פון אונטערן בוזעם. טוט זי־
א וויז אין דער הויך) אט איז א פאר „שטייערס". עס בלאנקט!...

ר' יואל: פלאטעי...

פלעדערמויז: (קוקט צעטראגן אומגליקלעך) פלאטעי, זאגט
איר?... (ברוגזלעך) און פלאטעי, מיינט איר, גייט צופוס. וואס?!...

צירעלע: וואס טוט זיך מיט דיר, קינד־לעב... דו היטסט זיך
גארנישט!... האלסט אזוי אפן!... נעם כאטש אונטער דער פאלע...
די דינסט קומט דאך באלד אן...

פלעדערמויז: טא נעמט זיי צו — און א סוף!...

צירעלע: נו, ווי אזוי, מיין יואל זאגט — פלאטעי...

ר' יואל: איך זאג... איך, זאגט זי, זאג... איך הייס אײנגאנצן נישט
האנדלען אום שבת!... (ווארפט ארויף די פאטשיילקע אויף דער
אפענער גמרא. רוקט זי אפ אין א זייט).

צירעלע: (צו פלעדערמויזן) פאלג מיך, קינד־לעב... ווי הייסטו,
פלעדערמויז, צי ווי אזוי, די גוטע יארן ווייסן דיך... פאלג מיך,
טענה נישט א סך מיט אים, נאר לאז איבער די לייכטער און קום
אריינצוגיין, ווען מען צינדט נאר פייער אן... וועלן מיר שוין
אדורכקומען...

פלעדערמויז: איך דארף געלט...

ר' יואל: און שבת? (קרעכצט)

צירעלע: יואל, וואס ווילסטו פון מיר האבן! וואס ווילסטו מיר
מוטשן פארטרייבן?...

ר' יואל: (קרעכצט).

פלעדערמויז: צירעלע, ווייל איך, פארשטייט איר מיך. גיט מיר
דערווייל עפעס געלט און איך וועל ביינאכט באלד נאך דער הבדלה
אריינקומען... דערווייל גיט דריי רובל.

ר' יואל: (צו צירעלען) דאס איז דערווייל?... וויפל זיינען זיי דאס
אײנגאנצן ווערט?...

צירעלע: אויך מיין דאגה... ער איז דאך א היימישער יונג...
וועל־מיר זיך מסתמא קיין עוולה, נישט טאן... (צו פלעדערמויזן)
וואס זאגסטו, נישט אזוי?... וועסט דאך מסתמא מיינס נישט פאר־
לאנגען?... (גלעט אים איבערן ארבל) אזא יאר אויף מיר, וואס פאר
אן ארנטלעכער יונג ער איז אין דער טבע — דריי רובל ווילסטו,
הא?...

פלעדערמויז: דריי רובל. א סוף.

צירעלע: נו, שטעל אַוועק, — קריגסט — — נאָר גיכער, די מויד קומט באַלד אָן.

פלעדערמויז: (לייגט אַוועק די לייכטער אויף דער ערד ביים פוס פון בעט) פאַרטיק אָן עסק.

צירעלע: (רוקט רואיק אויף דאָס טיש־לעדל, ר׳ יואל רוקט זיך אָפּ הינטערווייליכץ מיט דער שטול. פלעדערמויז קלויבט אויס פון דאָרט געלט).

ר׳ יואל: וויפל ליגט דאָ?...

צירעלע: דריי רובל פונקט. קופּער־געלט... זאָל ער זיי איבגאַנצן צונעמען...

ר׳ יואל: (מיט אַ שמייכעלע) איבגאַנצן...

צירעלע: מילא, וואָס דען קאָן איך מאַכן מיט אים, אז ער דאַרף... נישט קשה... גאָט וועט אונדז אויך נישט פאַרלאָזן... (אויף פלעדערמויז) אַ מורא, אַן אַנדערן גיב איך נישט קיין געלט אום שבת!...

ר׳ יואל: און נאָך פאַרויס!...

פלעדערמויז: (אַריינשטעקנדיק דאָס געלט אין דער הויזן־קעשענע. קוקט זיך נאָך ארום, צו צירעלען) א גוטן שבת, צירעלע!... (וויל גיין).

ר׳ יואל: (מיט א לייכטער בעוועגונג) צירל — זאָג אים. זאָל ער כאַטש די לייכטער אריינשטעלן אין דער שאַנק... דאָ איז דאָך נישט קיין אָרט...

פלעדערמויז: (טראָגט די לייכטער צו דער שראַנק צו, צירל עפנט זי און ער ווארפט זיי אריין) א גוטן שבת! (גייט ארויס).

צירעלע: (הייבט אויף די הענט צו גאָט, מיט א פרום פנים) געלויבט ביסטו גאָט, פטור געוואָרן פון אַזאַ פּגע רע.

(עס דערהערט זיך א קוויטש הינטער דער טיר פון אַ פרויען־שטימע און די דינסט קומט אריין צערודערט, נאָר בלייבט באַלד שטיין אין מיטן שטוב פאַרשעמט, מיט דער באַנקע אונטער דער פאַטשיילע).

צירעלע: וואָס איז דיר צוגעקומען? וועלכע שווארץ יאָר?

דינסט: דער יונג, דער גנב דאָ...

ר׳ יואל: ער האָט דיר געוואָלט די פאַטשיילע אראָפּכאַפּן?...

דינסט: (אין פארלעגנהייט) ניין... נישט דאָס...

צירעלע: (מיט א שמייכעלע) אויך א נייעס... א יונג — ווייס איך דאָרט וואָס...

**ד י נ ס ט :** (שטעלט די באַנקע אויפן טיש, גיסט אָן ר׳ יואלן קאַווע, ר׳ יואל טרינקט ווישנדיק די וואָנצעס מיט דער פּאַטשיילע און סמאַקעוועט).

**צ י ר ע ל ע :** (מאַכט ווייטער די שאַנק אויף, נעמט אַרויס) **זעסט, יואל, ט׳האָסטו דיין אַטלאַסענע קאַפּאָטע** (ליגט זי אויפן דרקן פון בעט און נעמט ווייטער אַרויס) **דעם זיידענעם גאַרטל...** (ליגט אים אויפן בעטל) **יואל, דאָס סאַמעטענע היטל, צי דאָס שטריימל?... וואָס, יואל?...**

**ר׳ י ו א ל :** **בייקדע...**

**צ י ר ע ל ע :** (נעמט אַרויס, ליגט אויפן בעט).

**ר׳ י ו א ל :** (טוט זיך אָן, איבער דער צייט שטייט שוין צירעלע גרייט מיטן טלית אין דער האַנט. ער נעמט אים צו, קושט פרום די מזוזה, גייט אוועק דאַוונען).

**צ י ר ע ל ע :** (מיט אויפגעהויבענע הענט און א פרום־אָפּשיידנדיק פּנים) **אוי, א מין ליכטיקער מאַן דאָס איז עס!...**

# אַ גנבה

צו ר׳ נתנאלן, אַ שיינער ייד מיט אַ שענק אין מיטן שטאָט, איז איינמאָל אריינגעקומען א יונג, לייבקע, טאָן א טרונק בראָנפן. עס איז דאָרט אפילו געשטאַנען א שיקסע אין קיך. נאָר ער האָט זי נישט געטשעפּעט און געגאַנגען זיין וועג צו עטעלען, ר׳ נתנאלס ווייב, און געקלערט אויסצוטריבקען, צו באַצאָלן, און מיט איר, עטעלען, אויך נישט צו מאַכן קיין גרויסע מחזקות. ווייל ער איז נישט קיין שאַרפער מחותן מיט איר. זי איז אַ גרויסע מיוחסת, שבת מיט אַ סך צירונג באַהאָנגען — און דערצו נאָך אַ גרויסע צדקניות, בענטשט ליכט מיט אַ גוטער האַלבע שעה פריער, איידער ר׳ נתנאל באַווייזט און גרויס איילעניש די שטאָבע צו פאַרלייגן איבער די טירן — און ער, לייבקע, ווייסן אים די גוטע יאָר וואָס פאר א מין פויגל דאָס איז...

רעדט ער איינמאָל, מען זאָל אים געבן א טרונק בראָנפן, גיט מען אים נישט; רעדט ער דאָס צווייטע מאָל, גיט מען ווייטער נישט — און דאָס דריטע מאָל קוקט ער זיך שוין צו, וואָס איז דאָס אַזוינס. מילא, עטעלע איז פאַרשמאַיעט מיט עטלעכע יונגע שקצים ביי דעם שענקפאַס — איז עס דאָך דערויף עטעלע. ווייסט זי כאָטש, אַז זי לייזט געלט, אז איר פאַרטאָן זיין האָט כאָטש עפּעס אַ ווערט. אָבער ר׳ נתנאל, וואָס כאַפּט ער זיך עפּעס גלאָט צו פּוסטע זאכן, הענגט זיך אָן אויפן פענצטער און וויל דווקא אראָפּבאַקומען א בייגל פון דראָט, און אז ער באַקומט אים שוין, לייגט ער אים ערשט אין קעשענע אַריין?... וואָס איז דאָס? דאָס איז דאָך שוין גאָר עפּעס מעשה יינגל.

און ער שטייט און קלערט. ווי ער האָט געהערט, טאָרן זיך די לייט נישט וואַשן צום עסן, ווען זיי זאָלן דאַרפן אַריבערקריכן אפילו איבער

א שוועל, איידער „המוציא״ ווערט געמאכט. אויב אזוי, קאָן זיין, איז שוין ריכטיק. גייט זיך ר׳ נתנאל וואשן...

און אט זעט ער טאקע, ווי ר׳ נתנאל רוקט זיך שוין פון הינטערן בוי־בעט און, דרייענדיק זיך נאָך אַ ביסל אויף און אָפּ איבער דער שטוב, רייבט ער זיך מיט איין האנט דעם שטערן.

געוויס, האָט לייבקע געקלערט, אַז דאָס איז ער זיך אַזוי מכין, איי־דער ער גייט טאָן אַ מצוה, וואָרן, וואָס דען קאָן אַ שטייגער זיך רייבן ר׳ נתנאל דעם שטערן, אַזוי פיל מיט כונות אָנגעזאַפּט — אויב נישט גאָט צו דינען? און ווען ר׳ נתנאל איז אַריין אין קיך, איז לייבקעלע, דער משומד, דער קאַלבאָס, דער גנב־יונג, געווען אַ בעלן נאָכצושפּרינגען ביז צו דעם סאַמען שפּאַלט פון טיר — און זען, ווי אַזוי אַשטייגער ר׳ נתנאַל וואשט זיך צו „שאו ידיכם״, וויפל מאָל אשטייגער באקוקט ער זיך די שפּיצן נעגל, ווען ער נעמט שוין דעם שעפּ אין דער האנט, וויפל שעפּ וואסער גיסט ער אויס פריער אויף דער און דערנאָך אויף יענער האנט און אויף וועלכער פריער? און פון דעם צוקוקן, קלערט לייב־קעלע, וועט ער זיך אויך עפּעס אָפּלערנען... אים געפעלט זייער ר׳ נתנאלס פירונג אין ייִדישקייט. און נעכטן, שבת, ווען ר׳ נתנאל האָט גע־דאַוונט אין חסידים־שטיבל, וואָס איז פונקט אַ פענצטער קעגן אַ פענ־צטער מיט דעם שענקל, ווו דאָרטן איז געזעסן לייבקע מיט זיינס אַ חברה און עפּעס געטרונקען און צוגעביסן — האָט ער אים דורך דעם פענצטער אויך נאָכגעקוקט, וויפל מאָל ר׳ נתנאל לויפט ארויס אינמי־טן דאַווענען און גייט זיך אַ שטעל צו דער וואַנט מיטן האַנט־פּאָס... ער איז אַ שטארקער בעלן אויף זיין פירונג און דאדורך איז ער יעצט אויך אזוי טשיקאווע געווען אַים נאָכקוקן...

ער האָט געקוקט און געקוקט דורך דעם שפּאַלט פון צווישן דער טיר — און ער האָט זיינע אויגן נישט געקאָנט גלייבן. וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, האָט זיך אים עפּעס אויסגעדאַכט פונקט, ווי מען וואָלט אים געוואָלט מן השמים עפּעס אָפּטאָן אַ צו־להכעיס דערפאר, וואָס ער גייט נאָכקוקן ייִדן. און שוין נישט קיין פרום וואשן האָט ער געזען, נאָר פונקט פאַרקערט — אַ צו־להכעיסדיקע זאַך — ר׳ נתנאל גיט אוועק דעם בייגל דער שיקסע, וועלכע איז נאָך דאָ געשטאַנען און לייבקע אליין האָט שוין געהאט פארגעסן אין איר...

— נאַ, יאַדוויגאַ — האָט זיך אים געדאַכט, זאָגט צו איר ר׳ נתנאל מיט אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע אין דער באָרד אַריין — נאַ, די באַלעבאָסטע, למען השם זאָל נישט זען...

אזוינס וואָלט שוין לייבקע נישט געגלייבט. נאָר ער האָט באַשיינ־פּערלעך אַליין געזען מיט זיינע אויגן — און אַפילו דעם שמייכל און דאָס שטופּן איר דעם בייגל... אָ, נישט גוט! און לייבקע, דער קאַלבאַס, איז געבליבן שטיין אַ געפּלוּפּטער!

עטעלע ווידער, וואָס זי האָט דאָך דאָס אַלץ נישט געקאָנט זען, ווייל דאָס איז געשען אין קיך און זי איז געשטאַנען אין שענק אוועקגערוקט הינטער דעם שענק־פּאַס — האָט אָבער עפּעס אַנדערש געזען. זי האָט געזען, ווי דער גנב־יונג דרייט זיך עפּעס אין די ווינקעלעך און קוקט איר שוין דורך די שפּאַלטן, מן־הסתם נישט אויף צו גוטן...

נאָר פּאָרט אַ ייִדענע, בפּרט נאָך אַז מען לייזט געלט און די שקצים קאָ־נען נאָך אַלע ווילע צוגנבענען אַ גלעזל אין קעשענע אַריין... דאַרף מען דאָך זיי אויך היטן, האָט זי זיך שוין דערוויל צוגעכאַפּט צו זיי...

און דאָ הערט לייבקע מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, ווי עס מאַכט זיך שוין אויף די וויטערדיקע טיר אין קיך, די, וואָס גייט אַרויס אין הויז הינטער דער לייטער... און ר' נתנאל מיט דער שיקסע שאַרן זיך שטי־לערהייט אַרויס דאָרטן אַהין. ער קוקט, אפשר איז עס נישט ר' נתנאל, אפשר אַ טעות, ער וויל זיך אַליין די אויגן אויסרייסן, אפשר אַ פּאַר־שטעלעניש... אָבער פאַרפאַלן: אינגאַנצן זיינע פּלייצעס און זיין קאָפּ... און פּאַמעליִנקע, פּאַמעליִנקע און אויף די שפּיצן־נעגל האָט זיך לייבקעלע אויך אַנגעהויבן נאָכצושאַרן הינטער יענער טיר, וויטער — מילא, וואָס פאַר אַ בריה האָט ער שוין געהאַט, און זיך געשטעלט קוקן דורך אַ קליין דיִן שפּעלטעלע... און אַצינד האָט ער שוין, לייבקעלע דער יונג, געהאַט דעם ערגסטן סוף. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט ער גע־זען, ווי אויף דער לייטער, וואָס שטייט אויפגעשטעלט צום בוידעם אַריין, קריכט צום ערשטן די שיקסע שטאָפּל ביי שטאָפּל, צוהאַלטנדיק זיך מיט די הענט, און סאַמע נאָך איר ע קנעכלעך, כמעט אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אין איר „ספּאָדניצע", קריכט וויטער ר' נתנאל. אָבער אינגאַנצן ר' נתנאל. לייבקעלע האָט זיי שוין קוים דערלעבט אַרויפצוּ⬤טרן דאָרט אַהין — ערשט דעמלט איז ער אויך נאָכגעקראָכן...

קיינער וויסט נישט, וואָס דאָרט אויבן האָט זיך געטאָן. צי האָט מען זיך געשטיקט און געריסן ביי די גאָרגלען, צי נישט, נאָר עטעלע, וואָס דער יונג איז איר אַזוי פּלוצלינג פאַרשווונדן פון אויג און וואָס איר האָבן יונגען־גנבים שוין אַ סך געהאַט אָנגעלערנט, איז אַצינד, דערהערנדיק פון בוידעם אַ שטאַרקן שאָרך, ווי פאַרגליווערט געוואָרן און אַ געשריי גע־טאָן:

— ווו איז דער יונג? ... אוי, לייד איז מיר געשען!

און מיט א שטיל קלאפן אין די ציין פאר קעלט, וואס האט זי באלד ארומגעכאפט, איז זי שוין נאכגעלאפן אהין ארויס, הינטער דער לייטער.

ערשט יענע וואך, ווי די אייגענע שיקסע טאקע האט איר געוואשן די וועש, וועלכע העגגט נאך הייגט אויפן בוידעם.

— געוואלד און געוואלד! — האט זי אנגעהויבן שרייען — א גנב!...

און אז ר׳ נתנאל איז פאר גרויס שרעק אראפגעפאלן פון בוידעם, האבן זיך דאס געשריי און די געוואלדן נאך פארגרעסערט — און נישט נאר בלויז א גנב איז עס שוין ערשט געווארן, א ג נ ב מ י ט א מ ע ס ע ר!...

און ר׳ נתנאל האט געכאפט עטעלען און אנטלאפן מיט איר אין שטוב אריין, הפקר לאזנדיק אלץ, אבי זיך און דעם ווייב דאס לעבן אפצוראטעווען.

די וועש האט דער גנב נישט גערירט. און עטעלע האט טאקע שפע־טער גאט געלויבט דערפאר, וואס זי ווייסט אליין נישט צוליב וועמענס זכות האט מען עס איר געלאזט... און ר׳ נתנאל האט דערציילט, ווי דער גנב האט שוין געהאלטן דאס מעסער אויסגעצויגן צו דעם שטריק, אויף וועלכן דאס גרעט איז געהאנגען, נאר איבערראשניידן, בשעת ער איז אויפן בוידעם ארויפגעלאפן נישט לאזן; ווי ער האט דערנאך אים געוואלט דער־שטיקן און דערשטעכן...

און אז עס איז געקומען שבת, — האט רבי נתנאל בפני כל עם ועדה געבענטשט גומל, וואס ער איז ניצול געווארן... און דער עולם האט געשאקלט מיט די קעפ אויף דעם אומגליק, וואס וואלט געקענט זיין, ווען טאקע א נס מן השמים זאל נישט געשען...

# אַ מעשה מיט אַ ציג

— ווייסטו וואָס, גיטלשע, — האָט איטק שוועסטער צו דער צווייטער געזאָגט, שוין ביידע זקנותטעס מיט האָריקע וואָרצלעך אויף די גאָמבעס, און איינגעפאַלענע מיילער, ווי די קברים. נאָר איינע האָט אַ בעסערע עלטער געהאַט, און די טאָקע האָט דאָס געטענהט — ווייסטו וואָס: דו זעסט דאָך, אַז ביי מיר אויפן טיש ליגט נישט מער ווי אַ ווייך שטיקל ברויט, וואָס איך האָב איין וואַסער איינגעווייקט, אַז מיינע ציין זאָלן עס קאָנען פאַרנעמען, און איך קאָן דאָך דיר נישט געבן, וואָס דו דאַרפסט, איז מיין עצה, זאָלסט גיין איבער דער שטאָט, קיינער וועט דיר נישט אָפּזאָגן...

— ווייסטו וואָס, ביילעשע — האָט די אַנדערע וויקטער געזאָגט — זאָל זיין ווי גאָטס ווילן, בעטלען קאָן איך נישט גיין, און דעם טאָג וועל איך שוין ווי עס איז דורכקומען — נאָר ביינאַכט, שוועסטערשע, לאָז מיך אַריין צו דיר אין שטוב, גיב מיר אַן אָרט ביי דיר הינטערן אויוון דעם קאָפּ אַנצושפּאַרן, אונטערלייגן וועל איך מיר מיין פאַטשיילע, אַבי נאָר אונטער אַ דאַך.

— איך ווייס דאָך, אַז דו ביסט אַן איינגעשפּאַרטע — האָט די רייכערע געזאָגט — נאַ־זשע דיר און זע, אַז דאָרט רעגנט אַריין... — האָט זי איר געוויזן ביי זיך הינטערן אויוון, וווּ זי אַליין האָט ערשט נישט לאַנג אומגעקערט די שעפּ וואַסער און די בעט איז נאָך געלעגן אויף דער ערד.

די אָרעמע האָט אָפּגעזיפצט, אָפּגעזיפצט, און האָט זיך קוים אַרויסגעטאָטשעט פון שטוב אַרויס, אָנהאַלטנדיק זיך אין דער פּיטרינע מיט ביידע הענט, ווייל זי האָט שוין פון דריי טעג קיין לעפל וואַרעם וואַסער נישט געהאַט אין מויל. און ווייל זי האָט קיין דירה אויך נישט געהאַט,

האָט זי זיך געלייגט אויף דער גאַס און איז געשטאָרבן איר כשרן ערלעכן טויט.

מילא, אַז אַ מענטש שטאַרבט אויף דער גאַס, האָט עס ייִדן־רחמנים דורכגענומען, און מען האָט איר געגעבן אומזיסטיקע תכריכים און פיר איילן ערד אויפן בית־עולם אונטער אַ בוים.

נאָכגעגאַנגען נאָך דער מיטה זיינען עטלעכע ווייבער און די שוועסטער, אויך פיר איילן פון דער שטוב אוועק, האָבן צו צווייערס אין דער צדקה־פושקע אַריינגעוואָרפן, וואָס אברהם שמש האָט געקליבן מיט איר און אויסגערופן, פאַרויסגייענדיק פאַר דער מיטה: „צדקה תציל ממות". האָבן איר נאָכגעזאָגט אַ גוטן שבח, אַז זי איז געשטאָרבן ווי אַ כשרע צדיקת, און אַז זי האָט קיינעם גאָרנישט מתסר געווען ביים לעבן (דאָס איז דער ליבסטער שבח פון מענטשן), האָבן איר צוגעווונטשן, אַז גוטע מלאכים זאָלן איר אַנטקעגנקומען, און יעדערע פאַר זיך האָט זיך באַלד צוריק אומגעקערט צו איר שטוב, געהייסן זיך אַרויסדערלאַנגען אַ שעפּ וואַסער פאַר דער טיר — און פטור, גאַנץ פּראָסט, ווי עס פירט זיך.

נאָר גאָט זיצט אויבן און קוקט אַראָפּ אונטן. האָט ער אַזאַ מעשׂה געמאַכט:

אַ פויער האָט געהאַט אַ פאַרשייטע ציג, וואָס האָט אַ שאָדן געמאַכט אין קאָרן. גייט דער פויער, מאַכט זיך גאָרנישט וויסנדיק, ליגט די ציג אַרויף אויף אַ פור געבונדענערהייט, און ווען אין שטעטל איז געווען מאַרק־טאָג, פירט ער זי אוועק צו די קצבים.

אין שטאָט אָבער איז דער פויער אַריינגעגאַנגען אין שענק אַריין שכורן — און די ציג איז געלעגן אויפן וואָגן און געוואַרט אַ שעה, צוויי און דער פויער איז אַלץ נישט געקומען. האָט זי זיך מישב געווען, איבערגעריסן די שטריקענע פּלעכטלעך פון אירע פיס, און אויפשטעלנדיק זיך אויף אירע דינע פיסלעך און אַ שאָקל טוענדיק מיט דער באָרד, האָט זי אַ טאַנץ אַראָפּגעגעבן פון דער פור.

אַראָפּ איז אַראָפּ.

נאָר אין מאַרק זיינען שוין געשטאַנען אָנגעשטעלט אַ סך פורן מיט אַ סך פערד, אויסגעדרייט צווישן די האַלאַבלעס מיט די קעפּ אין די ווערגעלעך אַריין און מיט די דוהעס אַראָפּגעשטעלט ביי דער זייט ראָד — איז די ציג פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן צווישן די וועגן.

זי האָט געבלאָנדזשעט און געשפּרונגען איבער די וועגן מיט אַ תמעוואַטן דערשראָקענעם בליק, מיט אַ האַרץ־רייסנדיקן „מע־מע", אַזוי, אַז די פערד פלעגן כראַפּען מיט אויסגעשטעלטע נאָז־לעכער און פאַר־

ליגטע אויערן, קוקנדיק אויף דעם ווייסן ווילדן באַשעפעניש מיט דער באָרד, וואָס טאַנצט אַרום צווישן די וועגן.

פֿאַרנאַכט, די פֿורן זײַנען זיך צעפֿאָרן. קופּקעלעך געל מיסט זײַנען אײַנזאַם געלעגן איבערן אָפּגעליידיקטן מאַרק. בלײַבט די ציג שטיין: וווּ גייט מען אַצינד? די נאַכט פֿאַלט צו — און די ציג הייבט אָן, אַ פֿאַרבייטערטע, צו לויפֿן אַרום דער מויער פֿון די מאַרק־געוועלבן מיט אַן אויסגעשפּרייטן מע־מע, און איר וויינענדיק קול האָט אַזוי רחמנותדיק געבלאָנדזשעט איבערן שטילן לערן מאַרק צווישן טאָג און נאַכט, אַז איין גאַט האָט זיך געמעגט דערבאַרעמען.

דערווײַל האָט אָנגעהויבן אַרויסצושײַנען אַן אָנגעצונדן פֿײַערל דורך אַ פֿענצטער. דאָרט האָט געוווינט די רײַכע שוועסטער, וואָס איז געזעסן שבֿעה נאָך דער אָרעמער, און ווײַל זי איז געווען אַ זקנתטע און דערצו נאָך אין די שבֿעה־טעג, האָט זי פֿריִער אָנגעצונדן פֿײַער ווי דער גאַנצער מאַרק.

און ווי די ציג האָט דערזען דאָס בלישטשל דורך דער שויב, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז איר באַלעבאָס פֿלעגט טײַלמאָל גיין בײַנאַכט אין שייער אַרײַן מיט אַ לאַמטערן פֿײַער, און האָט געמיינט, אַז דאָס איז איר רעכט מקום־מנוחה, און זי האָט זיך אַהין פֿאַרקליבן.

באַלד אָבער האָט זי אײַנגעזען, אַז זי האָט אַ שטיקל טעות געהאַט. זי זעט דאָ אַ גלעזערנע טיר, וואָס אין שייער איז עס נישט געווען. און ווײַל זי האָט ווײַטער נישט באַגריפֿן, וואָס דאָ טוט זיך — און אַן אָרט האָט זי פֿאָרט געדאַרפֿט געפֿינען, איז זי אַרײַן הינטער דער הויף־טיר.

נאָר אין הויז איז געווען טרעפּ אויף אַ בוידעם אַרויף — האָט זי זיך פֿאַרגאַפֿט אין דער הויך אַרויף, און ביסלעכווײַז, אַרויפֿגעקראָכן...

און דאָ האָט זי אמתדיק געפֿונען אַ בינטל גראָבײַוויגעס אין סאַמע ווינקל אונטערן שינדל־דאַך, האָט זי זיך אײַנגעטוליעט דערינען אָפּרוען אירע פּיס פֿון אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפֿן...

דאָס בינטל גראָבײַוויגעס איז דאָ געלעגן אָנגעגרייט פֿון דער באַלעבאָסטע, אַז טאָמער וועט זי עס ווען דאַרפֿן. אַזאַ שטייגער, ווי עס ליגט בײַ איר אין קופֿערט אַ קבֿורה־בגדים, כאָטש קיין זאַך האָט זי שוין נישט צעריסן פֿון צען יאָר צײַט, ווײַל זי גייט זייער פֿאַמעלעך מיט פֿאַרזיכטיקע טריט, האַלטנדיק די ברילן אויף דער נאָז, פֿאַרלייגט מיט אַ שטריקל אויף די אויערן.

שפּעט בײַנאַכט. די טיר און דער לאָדן זײַנען שוין פֿאַרקייטלט, אין שטוב ברענט אַ קליין גאָזעלע, וואָס צעגיסט אַ רויטלעכע שײַן אויף די

װענט — ליגט שױן די רײכע שװעסטער אונטערן איבערבעט, צוגע־בונדן מיט א פאטשײלכעלע דעם קאָפּ.

אינדעם דערהערט זיך אַ שאָרכן פון בוידעם... און די שװעסטער שטעלט די אױערן אָן... דאָס האָט זיך איר נישט געדאכט, מען האָט טאקע אױף אַן אמת געשאָרכט — און דאָס האַרץ איז איר אַנטפאַלן געװאָרן. װאָס קאָן דאָס זײן? — פרעגט זי זיך אלײן, און װיל דעם קאָפּ אײנטוליען אונ־טערן איבערבעט ארונטער... נאָר מער זי װיל דאָס, מער ציט עס זי די אױערן אױפצושטעלן, און מער זי שטעלט די אױערן אױף, מער הערט זי דאָס שאָרכן.

„נישט גוט... — טראַכט זי זיך — ציִט די שװעסטער איז געשטאָרבן, גײט אַן אימה ארום איר שטוב".

און אױפשטײענדיק פון בעט, האָט זי דאָס לעמפּעלע העכער ארױס־געדרײט, האָט זיך גענומען א פּעקל ספרים מיט דעם טלית פון איר מאַן, װעלכער איז שױן טױט געװען א יאָר דרײסיק אװדאי — און ארומליגנ־דיק זיך מיט זײ װי מיט אַ באַריקאַדע, האָט זי זיך צוריקגעלײגט אין בעט אַרײן: זאָל זײן װי גאָטס װילן איז!... מילא, פאַרפאַלן, אז די שװעסטער װיל זיך אין איר נוקם זײן...

דערװײל איז דער ציג קאַלט געװאָרן צו ליגן אױפן בוידעם, איז זי שטילענקערהײט אַראָפּגעקראָכן פון די שטיגן, אזױ, אז די אלטע האָט מיט פורכט אױסגעהערט, װי דאָס אומגליק קריכט.

און עס דערהערט זיך א שטױס אין דער טיר אַרײן, און די אלטע איז אױפגעשפרונגען מיט א ציטער אין די אױגן: „שװעסטערשי, װאָס װילסטו פון מיר האָבן?"...

די ציג איז אױף א מינוט שטיל געבליבן, און די אלטע מיטן לעמ־פּעלע אין דער האנט שטײט א דערציטערטע אין מיטן שטוב, און קוקט און קוקט...

און זי דערזעט א װײס גרױס אױג מיט אַן אױפגעריסענער ברעם קוקט צו איר אַרײן דורך דעם אױסגעשניטענעם לעכל אין לאָדן — איז זי אַנידערגעפאַלן אין מיטן שטוב מיט דעם לעמפּעלע אין דער האנט און איז אױך געשטאָרבן...

מילא, געשטאָרבן — קלערט מען װעגן באַגראָבן. האָבן שכנים ארױס־געריקט א ציגל פון איר באַקאַײװעלע, געפונען דאָרט אױף תכריכים און פאַר אַ שטיקל אָרט צו באַצאָלן, און װײבער זײנען א גאַנצן טאָג הינטער אירע פענצטער געשטאַנען און מיט שאָקלענדיקע לעפּצן איר נאָכגעזאָגט גוטע שבחים, װאָס פאַר א כשר מענטש זי איז געװען, װאָס פאַר א גוט

מענטש זי איז געווען, וואָס פאַר א גוט הארץ זי האָט געהאַט — און אַז פאַר גרויס האַרץ־ווייטיק צו דער געשטאָרבענער שוועסטער איז זי, נעבעך, געשטאָרבן.

זאָל זיין אַזוי, אַבי מען דאַרף זי באַגראָבן. ביינאַכט האָט מען זי שוין געטראָגן אויף דער מיטה. ארום — די חברה־לייט, און פאָרויס — אברהם שמש מיט דער פושקע אין איין האנט און מיט דער לאַמטערן אין דער אנדערער האנט.

נאָר אַזוי ווי די ציג האָט אלץ נאָך געדענקט, אַז איר באַלעבאָס פלעגט גיין אין שייער אריין מיט אַן אָנגעצונדענע לאַמטערן — איז זי אַצינד אַהערגן דער מיטה געשפרונגען, געלאָפן פאָרויס און זיך געגעבן אלע ווייל א שמעל אָפ מיט א ציגענעם אויפגעהויבענעם קוק קעגן דער חברה — אין ווייטער געלאָפן.

אלע האָבן באַשיימפערלעך געזען, אַז דאָ איז עפּעס נישט קיין גלאַטיקע זאַך. אַז דאָ האָט זיך עפּעס מדבק געווען, און דער עולם האָט זיך געשטאַרקט נישט צו קוקן אין יענער זייט, ווו די ציג האָט אָקעגנגעטאַנצט.

מילא, נישט טרעפן זאָל עס זיך. נישט איין מאָל מאַכט זיך, אַז א משחית טאנצט א קעגן.

הינטערסטוועגן איז מען ארויף אויפן בית עולם. זאָל זיין ווי גאָטס ווילן, און מען האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט דער מיטה איבערן אָפענעם קבר. נאָר די ציג האָט שוין געקוקט פון צווישן די ביימער אַרויס, ווי מען לייכט צו מיט דער לאַמטערן איבער אַ בערגל זאַמד, און קוקנדיק אַזוי, האָט זי זיך דערמאָנט, ווי איינמאָל אין האַרבסט־צייט האָט איר באַלעבאָס פאַרענדיקט ביינאַכט דעם גרוב קאַרטאָפליעס צו פאַרשיטן. און דעמלט האָט מען אויך אזוי צוגעלויכטן איבער דעם בערגל זאַמד. און איר האַרץ, כאָטש א ציגן־האַרץ, איז געוואָרן פול מיט דערוואַרטונג און איר אויג האָט געקוקט טאָפּל גרויס פון צווישן די ביימער ארויס, בפרט נאָך, אַז זי האָט שוין נישט גנהאט געגעסן פון דאָרף אָן.

און שפּעטער, ווען דער עולם איז צוריק אַראָפּ פון בית־עולם — איז זי צו צום קבר און צעקאָפּעט עס און צעאַקערט דאָס זאַמד מיט די הערנער, נאָר אַזוי ווי זי האָט פאַרט צו גאָרנישט געקאָנט צוקומען אין איר ארבעט איז געווען אומזיסט — איז זי פאַר גרויס צרות אוועקגעגאנגען אין צדיקס אוהל אריין, וואָס איז דאָרט געשטאנען, און געלייגט זיך אָן א וועטשערע.

איבערדערפרי, דער קברן גיט אַ קוק איבערן פרישן קבר — אַן אומגליק האָט געטראָפן... און ער איז אוועק צו דער חברה־קדישה אָנזאָגן, וואָס דאָ האָט געטראָפן.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן צו שרעקן, אַלע האָבן גע־ וווּסט, מיט וואָס אַזאַ מעשׂה שמעקט: אַז ביינאַכט זאָל אַ ציג אַקעגנטאַנצן דער מיטה, און אין אינדערפֿרי זאָל מען געפֿינען דאָס קבר צעוואָרפֿן.

קימפּעטאָרינס האָבן זיך אָנגעהויבן צו שרעקן. אין שטעטל איז גע־ וואָרן אַ שטיל געררודער, אַ בסוד־סודותדיק שרעקן, און ס׳איז געבליבן, אַז דער רבֿ מיט די חשובֿים פֿון שטאָט זאָלן גיין אַרויף אויפֿן גוטן אָרט אָנזאָגן איר: ראשית, אַז זי זאָל וויסן זיך, אַז זי איז געשטאָרבן, און זי זאָל איינרוען און צוויטנס: זאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהלים איבער איר קבר און צו באַפֿרייען איר נשמה פֿון דעם משחית, וואָס האָט ביינאַכט אַקעגנ־ געטאַנצט קעגן איר מיטה און זיך אַזוי געפּריט מיט איר...

דער רבֿ האָט אָנגעטאָן די זשופּיצע מיט דעם ספּאָדיק, באַלגלייטן חשובֿים — די סאַמעטענע היטלען און מען איז געגאַנגען...

און אַז מען גייט, וואַרפֿן שוין בעלי־מלאָכות אויך אוועק יעדער זיין אַרבעט, דער שוסטער זיין העמערל, דער שניידער זיין שער, און מען לויפֿט, כאַפּנדיק די כאַלאַטלעך אויף זיך.

מען האָט אַלץ געטאָן פֿאַר איר נשמה וועגן, וואָס מען האָט געקענט, נאָר אין מיטן תהלים זאָגן, איז די בלינדע צביהלע, וואָס מאַכט אל מלא רחמים אויפֿן בית־עולם, פֿאַרקראָכן מיט נאָך צוויי ווייבער צום צדיקס אוהל, בעטן פֿאַר זיי דעם צדיקס זכות צו דערוועקן, און זיי האָבן דער־ זען די ציג רוען אונטער די שטאַכיטלעך — האָבן זיי זיך אַלע דריי אויפֿגעכאַפּט מיט אַ געפּילדער און מיט אויסגעשטרעקטע הענט געלאָפֿן צו דער עדה ייִדן.

און גאַנץ עדה האָט זיך דערשראָקן, ס׳איז געוואָרן אַ בהלה — און מען האָט זיך ווייטער מיושבֿ געווען, אַז דער רבֿ מיט דער עדה פֿון גאַנץ קהל זאָל גיין נאָך זיין אויף דער ציג, אַז זי זאָל אַרויס פֿון דאָרט, און אָפּגעבן איר אַן אָרט אין דער מדבר, וווּ קיין מענטשן קומען נישט, אָדער אונטער אַ בריק ערגעץ...

האָט דער רבֿ זיך איבערגעזען די ציצית און ער מיט דער גאַנצער עדה האָבן דאָס אוהל אַרומגעריגלט, ער אין דער טיר:

— גיי אַרויס פֿונדאַנען — האָט ער צו דער ציג געטענהט, פֿריער געלאָסן און מיט גוטן — דאָס בין איך אַליין דיר גוזר, אני שמואל הקטן, רבֿ דקה״ק... בהסכם כל הקהל... און אַרויסגיין זאָלסטו פֿונדאַנען, נאָר דורך דעם שינדל־לעכל אין שפּיץ דאַך, אַז דו זאָלסט, חלילה, קיינעם נישט מזיק זיין...

און דער עולם איז געשטאנען מיט מויל און אויערן אויפגעשטעלט, און געוואַרט דעם רבס וואָרט זאָל געשען — נאָר די ציג האָט זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט, האָט דער רב געכאַפּט דעם שטעקן זיינעם און גע־וואָלט זיך מיט איר באַגיין, ווי דער אלטער קאַצקער, זכרונו לברכה, פלעגט זיך באַגיין מיט דבוקים. — האָט זיך די ציג דערשראָקן און געגעבן א שפּרונג מיט די הערנער דעם רב אין דער באָרד אריין און איבערגע־דרייט אים מיט דער זשופּיצע ארויף. אזוי, אז די גאנצע עדה, גאָטס חיילות, האָבן זיך געגעבן א הייב אין דער הויך און אוועקגעפלויגן אין שטעטל אריין מיט א געפילדער, ווי א סטאַדע גענדז. און מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרהאַקן טירן און לאָדנס: דער משחית לויפט!... און אלע איינוואוינער האָבן זיך אין די הייזלעך באהאלטן. פון שטעטל איז אן אוהל געוואָרן, און די ציג האָט אָנגעהויבן איבער די פּראַנק־און־פּרייע געסלעך ארומצוגיין מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

פון דעמלט אָן איז שוין גראָז אין מארק אָנגעוואקסן אויף די דעכ־לעך — גאנצע גערטנער מאָך, — דער עולם ליגט נאָך אלץ באהאלטן הינטער די לאָדנס — און זאָל קומען היינט א פרעמדער מענטש מיט אַ גילדענעם קאָפּ אין שטעטל אריין, וועלן טיר און טויער זיין פארשלאָסן פאר אים.

# א שלעכטע פרוי

אהרן האָט דערוואַכט פון שלאָף, און ליגנדיק אויף דער סאָפע, זיך א קער געטון מיטן פנים צום פענצטער. די האַלבע לבנה קוקט צו אוים אריין בליק און פאַרטראַכט, שטייענדיק אין טונקל־בלויען הימל צווישן די זילבערנע שפּראָצלעך, — קוים בלישטשענדיקע שטערנדלעך. ארום איז שטיל, פון צווייטן צימער הערט זיך דעם זייגערס איינזאַמער טיק־טאַק... און דאָ אין שטוב ווערן די ווענט אַלץ טונקעלער, זיי האָבן שוין, דאַכט זיך, קיין ממשות נישט און זייגען צוזאַמענגעוועבט פון א טראָען און א טיפן נאַכט־קאָליר; און פון אונטערן נאַקעטן באַלקן לויערט שוין די שטילקייט פון דער טונקל־גראָער נאַכט.

אהרן שטייט אויף פון דער סאָפע, גייט צו צום פענצטער און מאַכט דאָס אויף.

— „און וווּ איז זי?״ — קוקט ער אין מאַרק אריין, — „וווּ קיינען זיי ביידע? אפשר ביים פאָטער אירן?״...

ער גענעצט טיף אָפּ און גייט אַוועק פון פענצטער, אריינשטעקנדיק די הענט אין בוזעם־קעשענע, ער נעמט ארויס א פּאַפּיראָס, און זוכט ווייטער אין די קעשענעס — „נישטאָ!.. קיין שוועבעלע אויך נישט״...

און אים ערגערט דאָס און ער לויפט אריין אין צווייטן צימער, זוכט אויפן טישל צווישן ביידע בעטן, געפינט אָבער נישט. ער לויפט צוריק אין שטוב און זוכט איבער דער קיך — נישטאָ, קיין שוועבעלע אויך נישט!

„און וווּ קאָן זי זיין אזוי לאַנג? דער טאַטע דאַרף זי דאָרט ניטיק?! וואָס א נקבה קאָן!״...

ער לויפט ארויס פון שטוב, צוקלאַפּנדיק די טיר הינטער זיך.

באַלד קומט ער צוריק אריין מיט א פאַרריכערטן פּאַפּיראָס אין מויל. ער צינדט־אָן א שוועבעלע און אין שטוב ווערט רויט־ליכטיק.

ער צינדט אָן דעם לאָמפּ און שטעלט אים אַנידער אויף דעם טיש, וואָס אין מיטן שטוב.

ער וואַרפט אומרויק אַ בליק און בלייבט שטיין, ווי פאַרטראַכט.

„אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג?" — מורמלט ער און גייט ווייטער אַרויס פון שטוב.

באַלד קומט ער צוריק מיט אַ מיידל אין אַ קרעטאָנענע בלוזקעלע, הויך־ברוסטיק, מיט געזונטע פולע באַקן און מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר, פאַרלייגט אויף צוריק.

ביידע קוקן זיך אָן, בלייבנדיק שטיין אין מיטן שטוב, און ער בעט זי:

— איך לויף נאָך אריבער צום שווער, שיק איך זי באַלד; אַטאָמער טרעף איך זי נישט, לאָז נישט די שטוב אַליין, זיי אַזוי גוט...

פלוצלינג מאַכט זיך אויף די טיר און אַ דיקלעכע יידענע מיט אַ גער זיכט פון אַ טערק, מיט אַ געשטריקט קופּקעלע אויפן קאָפּ, באַווייזט זיך אויף דער שוועל. זי טוט אַ פינקל מיט די אויגן און רופט מיט אַ גראָבער מאַנסבילשער שטים:

— איידל, איידל, קום נאָר אריין, איך דאַרף דיך עפּעס האָבן...

דאָס מיידל שאַרט זיך צוריק צו דער טיר, בלייבנדיק שטיין פאַר דער יידענע ווי אַ פאַרזינדיקטע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

אַהרן בליקט אומרויק:

— שפּרינצע! וואָס איז?.. איין מינוט נאָר...

— איין מינוט נאָר?... טאַקע? נישט מיין מיידל?... — טוט זי אַ כאַפּ איידלען ביים אָרבל און אַ שלעפּ אַרויס פון דער טיר.

אַהרן בלייבט אַ רגע ווי צעמישט. פּלוצלינג טוט ער אַ שפּרונג, און שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורך דער אָפענער טיר.

— דו אַלטע קאַזאַצקע! — רופט ער אויס.

— און הערלעך נישט עלטער צו ווערן! — הערט זיך פון דאָרט אָן ענטפער און באַלד דערויף אַ קלאַפּ מיט אַ טיר...

אַהרן בלייבט שטיין, ווי אָפּגעהאַקט אין דער מיטן, מיט אָן אָפן מויל און אויגן, וואָס פלאַמען פאַר כעס.

— „אַזאַ אַלטע קאַזאַצקע, — טענהט ער שוין צו זיך, אויסחרייענדיק זיך מיט'ן פנים צו דער שטוב — אַזאַ זעלנערישע קאַזאַצקע!"

ער פאַרמאַכט די טיר און נעמט גיין איבער דער שטוב אויף און אָפּ, שטאַרק צעטראָגן:

— „איינשפּאַרן גאָר וועט זי מיך? קרענק אַזוי לאַנג, רבקהלע! דעם קאָפּ אפילו זאָל מען איר אַרויסגנבענען!..." לויפט ער צו צו דער טיר.

ער וואַרפט אָבער אַ בליק אויף דער שטוב. דאָס פענצטער איז אָפן... גייט ער צוריק פאַרמאַכן. און דערנאָך זעצט ער זיך אַוועק אויף דער סאָפע.

אַ ווײַלע איז שטיל.

די טיר מאַכט זיך אויף, און זײַן פרוי, רבקהלע, מיט זײַן שוועסטער דבורה, אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, וואָס איז געקומען צו גאַסט, זײַנען אַרײַן אין שטוב.

— ביסט עפּעס אַ מבין, ווי לאַנג איך האָב מיך געזוימט? — טענהט רבקהלע גלאַט אין דער וועלט אַרײַן.

— צי איך בין אַ מבין? — כאַפּט אַהרן אונטער מיט אַ בייזן שמייכל — האַ, האַ, האַ — — צי איך בין אַ מבין?...

— זע נאָר צו, זע נאָר... — בלײַבט זי שטיין אין מיטן שטוב, אַנ-קוקנדיק אויף מאַן אין פּנים אַרײַן — גלײַך עס טענהט דאָ עמעצער צו אים. ס'איז אים שוין עפּעס געפלויגן איבער דער נאָז.

— זאָלסט פליִען און פליִען, אַז עס זאָל דיך די כאָלערע טרעפן וווּ דו שטייסט! און מיט שפּרינצען אינאײַינעם!...

— כאַ, כאַ, כאַ... — צעלאַכט זי זיך אויף אַ דין קולעכל, אומקוקנ־דיק זיך צו דבורהן, — דבורהלע, ביסט כאָטש אַ מבינטע אויף די רייד, אויף דעם משוגענעם רייד?

— ביסט כאָטש אַ מבין אויף דעם געלעכטערל, דבורה? — פרעגט אויך אַהרן — דו באַמערקסט כאָטש, וואָס דאָס געלעכטערל איז?...

— וואָס, דיר געפעלט דאָס נישט, אַהרעלע? — פרעגט רבקהלע ווייך — אָבער עס שטעכט דיך?

— ווער דערשטאָכן, דערפאַר וואָס דו קאָנסט אַוועקגיין פון דער היים אויף אַזוי לאַנג!

— און הוקא וועל איך מאָרגן אויך גיין. אמת, דבורהלע? מאָרגן וועלן מיר אויך גיין זיך באָדן און טייך? און דו, — ווענדט זי זיך צוריק צום מאַן, — שטעך דיך פאַר צרות.

— זאָל דיך שטעכן און ברעכן!

— און פּלאַצט דיר די די גאַל... בע... און וואָס מאַכט דאָס גאַ־לעכל?... — שפּילעוועט זי אים אין די אויגן אַרײַן, אַנטקעגן שטייענדיק, מיט אַ שמייכעלע אין פּנים.

— גיי! וואָרן איך מאַך פון דיר אַ תל! — שפּרינגט אַהרן אויף פון דער סאָפע מיט אַ ווילד געשריי, אויסשטעלנדיק אַ פויסט קעגן איר פּנים און די אויגן זײַנע פלאַמען און דאָס געזיכט איז אָנגעצונדן.

און אַ שטילקייט האָט די גאַנצע שטוב פאַרגליווערט און מאַן און ווייב קוקן זיך אין די אויגן מיט צעמישטע בליקן.

ער קומט דאָך צו זיך, אַטעמט ליכט אָפּ און לאָזט צוריק אַראָפּ די האַנט. ער דרייט זיך אויס, מאַכט אַ פּאָר טריט און שטעלט זיך ווייטער אָפּ, אַנקוקנדיק זי פּונוויטנס:

— ביים טייך ביסטו געווען, אַזוי לאַנג געזעסן, האָסטו שוין געדאַרפט אַלצאַיינס אַריבערגיין איבער דער בריק צו די קאַזאַרמעס. וואָלסטו באַמש געזעקטיקט אין קאַזאַרמע, אָדער הינטערן בערגל, וואָלט איך געוווסט פאַרוואָס איך זיץ, אַז פאַרפאַלן, ביסט נישטאָ, אַ סוף!...

זי ענטפערט נישט, נאָר קוקט זיך איבער מיט דבורהן:

— וואָס שטייסטו נאָך דו נאַר, דו?... לייג אַוועק, מיט די וועש אין פאַרטעך שטייסטו נאָך? וואָס זעסטו דאָ, דאָס נחת פון דער שווענערין?... — פרעגט זי מיט אַ רחמנות אין קול, ווי איינע, וואָס דאַרף מן־הסתם אָפּקומען פאַר אַן ווונטש. נאָר אהרן כאַפּט אונטער מיט אַ ווילדן שמייכל:

— זעסט, דבורהה, זעסט דאָס צדיק?... וואָס פאַר אַ כשר פּנימל!...

דבורהה טוט נאָר אַ קוועטש מיט די אַקסלען און גייט אַוועק מיט די וועש אין פאַרטעך אין צווייטן צימער.

זי קומט באַלד צוריק.

אהרן איז אַרויס פון שטוב און רבקהלע זעצט זיך אויף דער סאָפע די האַנט אונטערגעשפּאַרט אונטער דער גאָמבע:

— נו, וואָס זאָגסטו כאָטש צו אַזאַ כפּרה, דבורהלע?

— וואָס זאָל איך זאָגן? — ענטפערט שטיל דבורהלע, זעצנדיק זיך לעבן איר.

— זעסט כאָטש ס׳נחת? דאָס האָלט מען שוין ב״ה צוויי יאָר נאָך אַ חתונה, איז מען דאָס אויף אַזאַ אופן געקלאָגט. זאָג, דבורהלע, האָב איך נישט געמעגט אויסגערונען ווערן ביי דער מאַמען אין בויך? כדאי איך אַזאַ אַרט חתונה צו האָבן?...

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת: אַ היציקער איז ער שטענדיק, נאָר מיט דיר, האָב איך געמיינט, איז ער אַנדערש...

— אַנדערש?... האָט רבקהלע אָפּגעזיפצט — נאָר דעם רשע גיט דעם ווידעל... טו אַלדאָס ביזן... און פון וועמען לערנט מען זיך דאָס אָפּ? פון די הולטייעס, אָפּיצירן! פרעסט און זויפט מיט זיי טאָג און נאַכט, פּילט זיך אָן מיט טריפות; אויסגעפּילט, אויסגעשטשעט איז מען מיט קעלבאַס — דערצו זעט ער דאָך ווי אַזוי זיי, די הולטאַייעס, טוען מיט די

שיקסעס, די „טליקעס"... נו, איך בעט דיך, הבורהלע, פארוואס זאל ער נישט טאָן אַזוי מיטן ווייב, ווי דער זעלנער מיט דער „טליק"?

— אַזאַ גוט לעבן האָבן דאָ אָפיצירן מיט יידן?

— מיט יידן, יאָ!... וואָס, דיין ברודער איז אויך א ייד?... ווער ס'איז א ייד, ווי א ייד דאַרף צו זיין, לאָכן זיי טאַקע, קאָנען נישט אָנקוקן. — אוודאי מיט ר' לייבעלע רייכס זון וועלן זיי נישט האָבן קיין עסקנים. נאָר דיין ברודער, פארשטייסטו מיך, האָט א טריפהנע זעעל. א גוי איז ער, נישט קיין נשמה, נאָר א רוח, — זיי אַליין זאָגן דאָך: „אראָן, טי כאַראַק־טעראָם וואָוסיע ניע פאָכאָדיש נאַ יעווריעיאַ"... פארשטייסטו שוין? דער שורש, קינדערלעב, ציט — — —

— מילא, דיין טאַטע אַליין האָט דאָך אים געמאַכט אַן איינגאַנג אין די קושאָרן...

— אַזוי?... וויל ווי די וועלט... הייסט עס: דאַרף מיין טאַטע אויך נישט בעסער זיין, ווייל ער איז דאָך אויך תמיד מיט זיי, א פּאָדראַטשיק... נייזשע נאָר שבתצונאַכטס הערן מיין טאַטן הבדלה מאַכן, מיין טאַטנס זמירות שבת ביים טיש... ווייבער שטייען דאָך הינטערן פענצטער... א ייד בלייבט א ייד, און א גוי איז באַלד א גוי.

חבורה פארשוויגט, קוקט איר אין פנים אריין, וואָס שפּילט אין אַלע פארבן און אין די אויגן, וואָס גלאַנצן מיט א מין צעגאָסן פייערל.

— נאָר וואָרט, — הייבט חבקהלע ווייטער אָן, — עס איז אים נאָך נישט געשוויגן די היינטיקע נאַכט. דו זעסט, אַ? — רוקט זי אוועק די האַנט פון אונטערן פנים און מיט א פינגער ווייזט זי אָן אויף דער האַנט־פלאַך — דאָ, אָ, מוז זיין גאָל ליגן, דאָס נאַלעכל מוז דאָ צעריבן ווערן!...— טנדריקט זי מיט א ניגונדל פול מיט בייזקייט און אין די אויגן בלישטשעט א פייערל פון נצחון.

— מיין דאגה... — קוקט זי הבורה אָן — ווי דו פארשטייסט...

רבקהלע האָט שוין מער נישט גערעדט א וואָרט, נאָר העכער זיך ארויפגערוקט אויף דער סאָפע, אויסגעצויגן דעם קערפּער, און דעם קאָפּ מיטן האָרשייטל אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און געקוקט פארטראַכט אינעם פייערל פון לאָמפּ אויפן טיש; דאָס לענגלעכע פנים האָט זיך גע־רויטלט, די אויגן האָבן געגלאַנצט ווי באַגייסטערט, און אַזוי שטיל, רויק, ווי זיי וואָלטן נאָך עפּעס געבענקט...

אין א ווײַלע אַרום שטייט זי אויף, און גייענדיק צו דער טיר פון צימער לאָזט זי פאַלן עטלעכע ווערטער, אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַריין:— ווילסט, נעם דיר אַריין דאָס בעטגעוואַנט...

דבורה האָט אַרײַנגעבראַכט פֿון צווייטן צימער אַ קאָלדרע מיט אַ קישן, אױסגעבעט אַ געלעגער אױף דער סאָפֿע, דעם לאָמפּ עטוואָס אַראָפּגעדרייט און געלייגט זיך שלאָפֿן.

שפּעטער קומט אַהרן אַהיים.

— דבורה... — גייט ער צו שטילערהייט, קוקנדיק איר אין בלאַסע פּנים, קײַלעכיק־רונדלעכן געזיכט און אין די אויסגעשטעלטע, שוואַרצע אויגן — עס שלאָפֿסט דיך?...

— ניין. — ענטפֿערט זי, אַרויסלייגנדיק אַ נאַקעטע האַנט איבער דער צורעק.

— וואָס האָט זי געזאָגט?... — גיט ער אַ ווונק אויף דער טיר פֿון צימער.

— וואָס זאָל זי זאָגן?... אַ שיינעם דאַנק דיר?...

— איך מיין — זי האָט עפּעס גערעדט?

— איך ווייס?...

— וואָס האָט זי גערעדט?

— אַז דו ביסט גערעכט...

— מאַכסטו חוזק?

— וואָס־זשע פֿרעגסטו?

— גלאַט, זי מוז שוין זיין ברוגז?...

אַ ווײַלע איז שטיל.

— איך ווייס דען נישט, מיינסטו, אַז זי איז גערעכט? וואָס איז דען, אַז זי האָט מיך איבערגעלאָזט אַ ביסל אין שטוב? זי זיצט דאָך תּמיד?...

— אַוודאי, איז זי גערעכט.

אַהרן האָט זיך פֿאַרטראַכט מיט אַ ביסל אַ פֿאַרזונקענעם קאָפּ.

— נו, גיי שוין שלאָפֿן, לאָמיך שוין געמאַך — טוט דבורהלע אַ שמייכל — ביסט נאָך, זע איך, דער אייגענער משוגענער...

ער גליַיכט זיך אויס, און אַרומקוקנדיק זיך איבער דער שטוב, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס געוואָר ווערן און נאָכוואַרפֿנדיק אַ בליק אויף דעם ברענענדיקן לאָמפּ, גייט ער אַוועק צו דבקהלען אין צימער.

און אַ ווײַלע אַרום קומט ער צוריק אַרויס בלאַס, די אויגן קוקן אַ ביסל צערודערט, און מיט אַ שטיל קול זאָגט ער דבורהן:

— גיי נאָר אַרײַן, בעט מיר דאָס בעט, זי פּירט שוין מיט מיר אַ ברוגזל...

— וואָס, זי שלאָפֿט נאָך נישט?...

— די כאָלערע ווייסט זי, גיי אַרײַן, וועסטו זען...

דבורה כאַפּט אויף זיך דאָס האַלבע קליידל און גייט מיט אים גלייך אַריין.

ער צינדט אָן אַ שוועבעלע און זי דערזעט — ביידע בעטן שטייען ביי דער וואַנט פאַרבעט. און איינעם, אין סאַמע ווינקל, ליגט אַן איינגעשטוליעט גופל אין קליידער און אין די שיך, און דאָס קליינע קעפל איז איינגעקאַרטשעט צווישן די אַקסלען, אויסגעדרייט מיטן פּנים צום קאָפּן-ברעטל און מיט די הענט פאַרדעקט, ווי צו ליכט-בענטשן...

— רבקהלע — רופט דבורהלע — וואָס ליגסטו עפּעס? האָסט דאָך נאָך נישט געגעסן און די ליגסט שוין....

רבקהלע טוט זיך קיין ריר נישט.

דבורה טוט אַ קוק אויף אהרנען און ער אויף איר מיט אַ שמייכל, אויפגערעגטן צער.

דבורה גייט צו נענטער. לייגט צו דאָס אויער, צו אָטעמט זי כאַטש...

— זי שלאָפט... — קוקט זי זיך אום צו אהרנען.

— זאָל איך איר קומען אַ שווארצער שלאָף. — טוט ער אַ קריץ מיט די ציין — שטיי נישט, דבורה, נעם בעט דאָס בעט.

דבורה האָט אים אויסגעבעט שלאָפן און איז אַריין צוריק אין דער פאָרנטיקער שטוב.

---

פרימאָרגן. דבורה דרייט זיך אַרום אין שטוב, באָרוועס, אין בלויזן האַלקעלע, רויטע אָפּגעלעגענע באַקן, ווי ערשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף, און די האָר נאָך צעלאָזט איבער די אַקסלען. זי זעצט זיך אויף אַ שטול, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, דאָס לייכטע האַלקעלע ווערט אַריינגעפאַלבט אינדערמיט און זי נעמט זיך פוצן, בריהשדיק, אַ קאַמאַש.

דערווייל מאַכט זיך אויף די טיר פון צימער און רבקהלע רוקט זיך אַריין אין שטוב. די קליידער אירע זיינען צעקנייטשט און צעדרייט, דאָס לענגלעכע פּנים איז בלאַס, ערנסט און זויער, מיט ברוגזדיקע אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, און זי שאַרט זיך צו מיט אַ זייט צום פענצטער, רוקט זיך צו אַ שטול און זעצט זיך, די הענט אונטערגעשפּאַרט אונטערן פּנים, און קוקט אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט...

באַלד קומט אַריין אהרן אַרייך. ער וואַרפט אַ בליק אויף איר, גייענדיק צום קיבל וואַסער, ווי ער נעמט זיך אָפּוואַשן.

דבורה טראָגט אים אונטער אַ האַנטעך. ער ווישט זיך, באַטראַכטנדיק דערביי רבקהלען פון קאָפּ ביז די פיס. אין די אויגן שפּילט אים אַ בייזער שמייכל.

ביים אַוועקגיין, שוין האַלטנדיק די קליאַמקע אין דער האַנט, ווענדט ער זיך צו דבורהן:

— דבורה, קאָך אָפּ קאַווע אויף דער מאַשינקע און ברענג איבער־בייסן. געלט ליגט אין חדר אויפן טישל.

— קאַווע... — לאָזט זיך רבקהלע הערן — אַ ווייטיק אין זייל־זסובאַדיקן גאָרגל אַריין איז נישט גענוג, האַ, דבורהלע, ווי מיינסטו? — קוקט זי איר אין די אויגן אַריין.

דבורה שווייגט.

— אָבער וואָס טענהסטו צו דיר? דו זויער שלימזל! — בייזערט זיך אַהרן.

— נו, נו, — רעדט רבקהלע, — זויער און ביטער וועט אים שוין ווערן דאָס לעבן, ער וועט שוין וויסן, וואָס אַ זויער שלימזל קאָן... ווי אַזוי זי גייט הינטערן בערגל אַרונטער צו די קאַזאַרמעס... דער טריפהנער ביין! מן הסתם „מליקעט" ער זיך דאָרט אַרום נאַכט ביי נאַכט, גלייך מיט די אָפיצירן, מיט די זעלנער!

— דבורה, האָרך נישט... קאָך קאַווע! — האַקט ער אָפּ און גייט אַרויס פון שטוב.

— יאָ, קאַווע... קאָכן אין האַלדז וועט עס אים שוין! — דערענדיקט זי שוין צו דבורהן.

דבורה רופט זיך נישט אָן. אין שטוב ווערט שטיל.

דבורה נעמט אַראָפּ אַ קייבערל פון איבער דער קיך און גייט צום צימער. רבקהלע דערזעט דאָס, שפּרינגט אויף און פאַרלויפט איר דעם וועג. זי וואַרפט זיך צום טישל און צוטומלטערהייט טוט זי אַ כאַפּ די מטבעות, יאָ וואַרף זיך צום פענצטער און אַ שלידער אַרויס.

די מטבעות צעפליען זיך איבערן מאַרק.

— נאַ, איצינד גיי קויף... — טוט זי אַ פּאַטש צונויף ביידע הענט און אין די אויגן שפּילט אַ נשמה־גיפטיק פייערל.

דבורה קוקט איר גלייך אין די אויגן אַריין, נישט רעדנדיק קיין וואָרט.

— און דו מיינסט, אַז שוין? — הייבט רבקהלע ווידער אָן?... שלאָגן וועט ער מיך, ווי אַ זעלנער די „מליק"! שוין אָפּגעקומען, מיינסטו?

— איך מיין גאָרנישט... איך גלייב דיר — ענטפערט דבורה פאַרבייסן — איך זע, מען קאָן זיך אויף דיר פאַרלאָזן.

— אויב אזוי קאָן ער זיך העלפֿן, זאָל ער מיר וואַרפֿן אַ גט צו די פֿיס, קאַנסטו אים זאָגן.

— איך, איך קאָן זאָגן?... פֿון מײַנעטוועגן...

דבורה קערט זיך אָפּ און גייט אַרויס און דרויסן הינטערן פֿענצטער, זי קלויבט צונויף די מטבעות און גייט אַוועק אין מאַרק אַרײַן.

רבקהלע איז אַרײַן אין שטוב און זיך צוריק געזעצט אויף איר אָרט. דבורה האָט געבראַכט זעמל פֿון מאַרק. נאָר קיין קאַווע האָט זי שוין נישט געקאָכט.

באַלד קומט אהרן אָן, און שטייענדיק נאָך אויף דער שוועל, וואַרפֿט ער אַ בליק אויף דער קיך. ער באַמערקט אויך באַלד רבקהלעס פּאָזע, און ער קוקט זיך איבער מיט דבורהן אויף שטום־לשון.

אהרן מאַכט אַ פּאָר טריט, נאָר אין מיטן שטוב בלײַבט ער שטיין ווי אָפּהענטיק, און נישט היימלעך ווערט אים. ער פֿילט זיך ווי אַ פֿרעמדער אויסגעשפּאַנטערהייט. אָבער גאָט שטעלט ער אָן די בליקן אויף רבקהלען, די ליפּן קרימען זיך שוין בײַ אים און האַלטן זיך אַ ווײַלע, נישט אָפּ, נישט צו, ווי זיי וואָלטן וועלן כאַפּן וואָס.

— זעסט, ווי זי זיצט, די „מאַטקע באָסקע"?...

רבקהלע שווײַגט, גייט ער שוין צו נענטער.

— זאָג, אַהבֿה, האָסט שוין געזען אַזוינס, ווי דו ביסט, אין גאַנץ קרוין־פּוילן?...

זי שווײַגט ווײַטער און זײַן שטים ווערט בייזערדיק:

— בין איך קיין ייד נישט, אויב ס'איז דאָ אַ חבֿר צו דיר!...

זי שווײַגט.

— זאָג, „מאַטקע באָסקע" — בעט ער זיך כמעט — ס'מוז דאָך עפּעס זײַן?

— זאָל אים דער נאָמען אויסגעמעקט ווערן! — וואַרפֿט זי זײַטיק אַ בליק, און דרייט זיך אויס מיטן פּנים אין פֿענצטער אַרײַן.

אהרן קוקט זיך איבער מיט דבורהן, טוט אַ צי מיט די אַקסלען און ווענדט זיך ווײַטער צו רבקהלען:

— זאָג, וואָס וועט מיט דיר זײַן? — קוים האָט ער די ווערטער אַרויסגעזאָגט, זי טוט שוין אַ שפּרונג־אויף פֿון אָרט און אַנטלויפֿט אין צימער, דערלאַנגענדיק הינטער זיך אַ שטאַרקן זעץ מיט דער טיר.

ער בלײַבט שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסענער, און קוקט נאָך אויף דער טיר מיט אַן אָפֿן מויל און אַרויסגעגלאָצטע אויגן — אַ כלי דאָס איז — שאָקלט ער איר נאָך מיטן קאָפּ, ווי פֿאַרווונדערט.

ער טוט א קוק אויף הבוהען און ווייזט מיט א האנט אויף דער טיר.

— נו, זעסטו שוין. וואס דאס איז פאר איינס? — פרעגט ער, צוגייענדיק צו איר. — און וואס, מיינסטו, הארך איך זי? אויף א גוטע כפרה! די קאָורע דעסגליכן... נאר גלאט, מען קומט אריין אין שטוב, איז די שטוב מיט דיר ברוגז... נו, איז דאס עפעס ניחא? זעסטו, א, אין גאס וועל איך מיך ליבער טרעפן מיט צען שונאים, איידער אין שטוב מיט איר אליין... מיט יענע, פארשטייסטו מיך, אפגעקריגט — א סוף; מען קומט זיך שוין מער נישט אויף די אויגן! און דא מיט איר, אויסגעריסן זאל זי ווערן! שטענדיק איז זי דיר אין די אויגן, שטענדיק מיט אן אנגעבלאזנקייט, שיסט נאר מיט שטעכווערטלעך. ווארן זי רעדט דאך נישט קיינמאל א ווארט, ווי א מענטש... נאר אזוי שפיציק און זייטיק גיט זי דיר א זארף א ווערטל. און איז זי אינגאנצן ברוגז, איז נאך ערגער. קאן איך איר דען קוקן אין שטילן פנים אריין?... מיין תאווה! רוק איך מיר אראפ דעם דאשעק איבער די אויגן: טרעפט דיך די כאלערע; לאז זיך מיר דאכטן, ביסט געשטארבן! — האקט ער אפ און גייט אריין אין צימער.

רבקהלע ליגט שוין איינגעטוליעט אין ווינקלבעט מיטן פנים צום קאפּברעטל. ער בלייבט שטיין פארן בעט מיט אן אויפגערעגטן בליק:

— זאג, מוזט דאך עפעס וועלן! דיין הונט בין איך?!

זי שווייגט, און אויף זיין געזיכט צעגיסט זיך א ווייטיק און פארדראס.

— הערסטו... — זאגט ער, דורכדרינגענדיק זי מיטן בליק — איך האב געמעגט בעסער די פאפלעקציע קריגן, איידער איך האב דיך דערקענט.

— קריג... — ענטפערט זי לייכט און גיט אפילו נישט קיין דריי מיטן אויג.

— הערזשע! איך וועל דיך אויך איבערקומען! מיט עפעס שטארקערס האב איך שוין געהאט צו טאן...

— מיטן העמד אויפן לייב...

— נאר אזא כאלערע האב איך נאך נישט געהאט!...

— האב.

— קרענקסטו אזוי לאנג, ווי לאנג דו ביסט נאך נישט מיין ווייב!

— קרענק!

— מיין ווייב! נא דיר, זעסטו, א ווייב!

— א רים אין לייב.

— זי וועט, זעסטו, נישט פארשוויגן...

— ווער שטום.

— פאַרוואָס, ווייל דו ביסט אַ גוט ווייב?

— אַ ווייב?... — קוועטשט זי צו איין אייגל — האָסט דאָך שוין חבורהלעך, וואָס דאַרפסטו שוין מיך?... גיי צו איר! די קאַווע קאָכן האָסטו דאָך אויך איר געהייסן...

— נו, היינט איך דיך קאָכן מיטאָג...

— מיך? נישט מיך! מען קאָן זיך שוין באַגיין אָן מיר...

— באַטש פלייש ברענגען...

— לאָמען דיך אויפהענגען! איך וועל דאָך נאָך ווייטער פאַרקריכן הינטערן בערגל!

— ווי אַלץ שטייט אַזוי פאַרשריבן אין בוך ביי איר!... און אַזוי האָב איך געזאָגט? אַזוי האָב איך געמיינט?

— איך זאָל אַזוי וויסן פון דיר...

— עס האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס דו האָסט מיך איינגעשפּאַרט, אָבער ווייטער...

— גייט מען אַוועק פון דער היים. דאָס האָב און גוטס, וואָס דו האָסט געבראַכט פון דיין היים, וואָלט מען נישט אַרויסגעגעבעט...

— אָט דאָס איז די זאַך. זעסטו, מיט דיר צו טענהן...

— איך ווייס נישט, ווער עס שלעפּט אים ביים קאַרק?... — ענטפערט זי שוין זייטיק.

— אָבער וואָס טויג מיר דאָרט?... וואָס ליגסטו? האָסט שוין היינט עפּעס געגעסן?

— מיין געטרייער מאַן... עס זאָל דיר אַזוי נחת זיין דאָס לעבן, ווי מיר איז עס נחת.

— ווער הייסט דיך?

— זעסט? ער ווייסט דאָך גאָרנישט...

— נו, ליג נישט, ליג נישט. — רירט ער זי אָן מיט אַ האַנט ביים אַקסל.

— נעם צו! — וואַרפט זי אַ בייזן בליק — מאַך בעסער אַ פויסט!...

ער קוקט זי אָן, האַלטנדיק די האַנט אויף איר און שווייגט.

— וואָס פאַר אַ פאַרשטאָכענע אויגן דאָס האָט נאָך! — טוט זי זיך אַ דריי אַרויס פון אונטער זיין האַנט.

ער טוט אַ שמייכל און זי מאַכט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאָז און קוקט אין קישן אַריין... זיין געזיכט ווערט מיטאַמאָל העלער, אויסגעלייטערט, און גנבישגליקלעך שטראַלט זיין פּנים איבער איר געזיכט.

ער נעמט אַרויס אַ פּאַפּיראָס און פאַררייכערט.

זי הייבט אויף דעם בליק.

— נו, הסלל, ליג שוין נישט, — שמייכלט ער צו איר.
זי לאָזט צוריק אַראָפּ דעם בליק און שווייגט.
— איך גיי הייסן דבורהן, ברענגען עפּעס עסן, — רוימט ער איר אײַן, איבערבייגנדיק זיך איבער איר און רירט זי ווייטער אָן ביים אַקסל, נאָר זי טוט זיך ווייטער אַ דריי אַרויס פון אונטער זיין האַנט און שווייגט מיט אַ ברוגזדיק פּנים.
— איך גיי הייסן געשווינד אָפּקאָכן מיטאָג. — לענט ער ווייטער אָן די האַנט אויף איר — וועסט עסן, יאָ? — טוט ער זי אַ רודער.
— איך ווייס נישט וועד עס בעט אי'ן, ער זאָל צו מיר טענהן?
— זאָגט זי ווי אין חלום וועלט אַריין.
— דו — שמייכלט ער.
— איך? — טוט זי זיך אַ וואָרף, און אַ דרייאַוים מיטן פּנים צום קאָפּבערעטל.
ער טוט אַ קוועטש מיט די פּלייצעס און שטייט אַ ווײַלע, דערנאָך גייט ער אַריין אין שטוב.
דבורהה זיצט אויף דער סאָפע, פּאַרלייגט די הענט אויפן האַרץ און קוקט אויף אַהרנען, וואָס גייט צו איר צו מיט עפּעס אַנזאָגנדיקע אויגן:
— דבורהה — מאַכט ער — דו וועסט גיין ברענגען פלייש, קאָכן מיטאָג.
— איך וועל קאָכן — נאָר זי... וואָס טוט זי?
— גאָרנישט. זי האָט שוין היינט עפּעס געגעסן?
— גאָרנישט. איך האָב געבראַכט איבערבייסן, ליגט עס...
— און דו?
— איך, — יאָ.
— נו, גאַנץ גוט — נעמט ער אַרויס געלט, — נאַ, גיי ברענג, איך האָב נאָך היינט אויך נישט געהאַט אין מויל, זאָלן מיר אַזוי ביידע נישט קראַנק זיין. נאָר ברענג פריער אַ גוטן הערינג, מאַך מיט עסיג, אפשר וויל זי דערווייל עפּעס עסן...
ער קערט זיך צוריק אום צו דער טיר פון צימער, קוקט אַריין און רופט:
— רבקהלע...
רבקהלע ענטפערט נישט, און ער גייט צו צוריק צו דבורהן, וועלכע שטייט שוין גרייט מיט דעם קוישל אין דער האַנט.
ביידע זיינען אַרויס פון שטוב.

---

מיטאָג־צייט. אין שטוב איז שטיל. אהרן זיצט ביים טיש, חעם קאָפּ געזונקען, און די פינגער פויקן עפּעס צו שטילערהייט. ביים פענצטער זיצט רבקהלע, אונטערגעשפּאַרט די האַנט אונטער דער גאָמבע, און קוקט אויף דער וואַנט מיט פאַרוואָלקנטע אויסגעשטעלטע אויגן. אין דער זייט ביי דער קיך, שטייט דבורה און גיט־אויף עסן.

אויפגעבנדיק אין דריי שיסעלעך, לאָזט זי זיי שטיין אויף דער באַנק פאַר דער קיך, דעקט דעם טיש און טראָגט צו דאָס עסן.

אהרן גיט דבורהן אַ ווונק אויף רבקהלען.

— רבקהלע... — הייבט זי אָן, צוגייענדיק צו איר — רבקהלע, ס'איז שוין אויפגעגעבן...

זי שווייגט, און אהרן קוקט מיט אַרויסגעגלאָצטע אויגן:

— טפו! — טוט ער אַ שפּיי אין דער זייט, גייענדיק מיט דער שטול הינטער זיך, און נעמט גיין איבער דער שטוב אויף און אָפּ, די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט און דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט.

די שטוב איז נאָך שטילער געוואָרן אונטער די זעצן פון זיינע טריט.

פּלוצלינג הייבט ער אויף דעם בליק און בלייבט שטיין קעגן רבקהלען:

— איך האָב געזינדיקט!... נו, נאַ! נעם! שעכט מיך! — טוט ער אַ כאַפּ דאָס מעסער פון טיש און שטעלט עס איר קעגן פּנים.

— ביסט כאָטש אַ מבין, דבורהלע, — קוקט זי זיך אום מיט אַ שמייכלענדיק פּנים — זעסט כאָטש ווי דאָס חזיר רייסט דעם זאַק און קוויטשעט...

ער אָטעמט שווער אָפּ, לייגט צוריק דאָס מעסער און זעצט זיך.

— גיב אַהער דאָס עסן — זאָגט רבקהלע דבורהן — ווערמען איך האָב דאָ אָפּצוטון!...

דבורה דערלאַנגט איר דאָס שיסעלע צום פענצטער און נעמט אַליין אויך באַלד עסן גלייך מיט אהרנען.

נאָך דעם עסן שטייט רבקהלע אויף, ווישט זי זיך אָפּ דאָס מויל מיטן פאַרטעך און נישט אומקוקנדיק זיך, גייט זי אַרויס פון שטוב.

— נו, ווי געפעלט דיר אַזוינס? — קוקט אהרן דבורהן אָן.

— וואָס?

— אַט זעסט דאָך, דאָס זייטיקע אַרויסגיין...

— ווי זאָל מיר דאָס געפעלן?...

— אַ... דו ווייסט נישט... דאָס איז שוין עפּעס אַ שפּיצל. איך קען זי גוט. אוי, קען איך זי!... — שאָקלט ער צו מיטן קאָפּ.

דבורה קוקט אים שטיל אָן. און פּלוצלינג טוט ער זיך אַ הייב פֿון דער שטול:

— האָסטו געהערט, דבורה? אַז איך וויל, האָב איך זי טיף אין דר'ערד!

ער הייבט זיך אויף, וואַרפֿט אַראָפּ די קאַפּאָטע פֿון זיך.

ער צעלייגט זיך אויף דער סאָפֿע, — די הענט אונטערן קאָפּ, ליגנדיק אויף דער פּלייצע מיט אויפֿגעהויבענע עלנבויגנס אינדערלופֿט, און די געפּוצטע שטיוועלעך פֿון די אויסגעטראָקנטע פֿיס, פֿאַרוואָרפֿן איינס איבערן אַנדערן, בילדן ווי איין שפּיץ אַן אויפֿגעשטעלטן צום בעליק.

שוין איצט האָט ער שוין ברעה אויך גאָרנישט צו רעדן... שוין, הייסט עס, אַ נקבֿה זאָל מיך אַרומפֿירן ביים קאָפּ!...

עמעצער קראַצט ביי דער טיר. זי עפֿנט זיך, און אַ וואַסער־טרעגער מיט צוויי עמער וואַסער שטופּט זיך זייטיק אַריין... נאָך אים קומט נאָך רבקהלע און זי הייסט אים אַנדערשטעלן די עמער ביי דער קיך.

אהרן און חבורה קוקן פֿאַרוואונדערט, און זי לויפֿט אַרויס פֿון שטוב, זוימט זיך אַ מינוט און קומט צוריק מיט צוויי גרויסע אייזערנע טעפּ און שטעלט זיי אַנידער פֿאַרן וואַסער־טרעגער.

ער גיסט זיי אָן פֿול. עס בלייבט נאָך וואַסער; שטייען אויף דער קיך נאָך צוויי טעפּלעך, — כאַפּט זי זיי, שטעלט אונטער און ער ליידיקט אויס די רעשט פֿון די עמער.

דער וואַסערשטרעגער איז אַרויס פֿון שטוב און זי נעמט פֿונאַנדערברענען אַ פֿייער אונטער דער קיך. ליגט האָלץ אויף האָלץ און עס פּלאַקערט, קנאַקט און היטשעט.

אהרן וויל שוין גאָרנישט וויסן. ליגט ער אַריינגעטאָן אין געדאַנקען; אויך דבורה לעבן דער סאָפֿע מאַכט זיך נישט וויסנדיק.

בריהשדיקער, פֿאַרטועונער ווי תמיד, פֿאַרקאָכט און פֿאַרוויטלט דאָס פּנים, לויפֿט רבקהלע אַרום פֿון ווינקל צו ווינקל, פֿון שטוב אין צימער, פֿון צימער ווידער אין שטוב, זוכט און ברענגט צונויף קופּקעס מיט גרעט, אָנוואַרפֿנדיק דאָס פֿאַר דער קיך. זי הערלאַנגט אַ כאַפּ אַ טאָפּ וואַסער אויף דער קיך אַרויף, נאָך איינעם און נאָך איינעם, צעשאַרט די פֿייערקעס, צערוקט און לאָזט אַראָפּ די טעפּ צום פֿייער. זי טוט נאָך אַ מאַך אויף דאָס טירל, אַ קוק אַרונטער און וואַרפֿט האַסטיק צו אַ העלצל. כאַפּט ווייטער די טעפּ, דרייט, הייבט פֿון איין פֿייערקע אַרויס אין די אַנדערע אַריין, עס ברענט אונטער די הענט, דאָס פּנים פֿלאַמט און אין די אויגן גלאַנצט אַ בייזער שמייכל, אַ גיריקער, באַהאַלטענער מין.

פאַרנאַכט איז שוין רבקהלע געשטאַנען אין אונטערקליידל און אין בלויזן העמד. די אַרבל פאַרקאַלערט ביז אונטער די אָרעמס, און געוואַשן דאָס גרעט, שטייענדיק איבערגעבויגן איבער א באַליע מיט הייס וואַסער, פון וועלכער עס גייט אַ לייכטע פּאַרע אין רבקהלעס פּנים אַריין. זי ריבט, זייפט, האָרעוועט מיטן גאַנצן קערפּער.

אהרן שטייט שוין אָנגעטון די קאַפּאָטע לעבן דער טיר, נאָר אַרויסצוגיין. ער קוקט אויף רבקהלען, וויל עפּעס זאָגן, און שלאָגט זיך נאָך מיט דער דעה.

— רבקהלע — הייבט ער שטיל אָן — וואָס האָסטו אַוועקגעיאָגט דבֿירהן פון זיך? זי וויל דיר העלפן, טויג נישט?

רבקהלע איז פאַרטיפט אין דער אַרבעט, און ער רוקט זיך צו נענטער:

— רבקהלע, צי איז דאָס פאַר דיר אַן אַרבעט? ביסטו דאָס געוווינט?...

— געטריי גאָר געוואָרן פּלוצלינג — רעדט זי צו זיך. — איך ווייס נישט, ווער עס בעט אַ"ן?

ער כאַפּט אָן דאָס שטיקל גרעט אין איר האַנט:

— גענוג געוואַשן!

— נו־אַ! — רייסט זי זיך אַרויס, אָפּשפּרינגענדיק מיט אַן אויפגעפלאַמט פּנים.

ער מעסט זי אָפּ מיט אַ קאַלטן, שאַרפן בליק פון אויבן ביז אַראָפּ.

— לאָז דיך טרעפן די ערשטע כאָלערע, רויטער טשוואָק! — טוט ער זיך אַ לאָז אין דער גאַס אַריין און לויפט אַרויס.

— זאָל דיר דער נאָמען אויסגעמעקט ווערן! — שרייט זי אים נאָך, און נעמט זיך ווייטער צו די וועש.

און געוואַשן האָט זי ביז שפּעט אין דער נאַכט און אויף מאָרגן — נאָך אַ גאַנצן טאָג. זי האָט די ערשטע די לאָדנס געעפנט און באַלד זיך צו דער באַליע געשטעלט, געקראַכמאַליעט, געבלאָט און אַרויסגעהאָנגען צום טריקענען. און אַ גאַנצן טאָג האָט זי זיך ברוגזליך געפירט. דבֿורהן אויף די אויגן נישט געלאָזט, — זי דאַרף נישט איר הילף, — און צו אהרנען מיט דעם רוקן געשטאַנען, — זאָל זי אים אין פּרצוף אַריין נישט קוקן, — און ער האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געדרייט אַריין און אַרויס פון שטוב און נישט געקאָנט זיך קיין אָרט געפינען.

פאַרנאַכט האָט רבקהלע די אָפּגעטריקנטע וועש אַריינגענומען פון דרויסן און אָנגעוואָרפן זי אויף דער סאָפע. דערווייל איז די נאַכט צוגעפאַלן און זי האָט דעם לאָמפּ אָנגעצונדן.

דערנאָך האָט זי גענומען, אָפּגעקליבן אַ ביסל וועש באַזונדער און פאַרבונדן אין אַ לײַלעך. מיט אַ טוך אין איין האַנט און דעם לאָמפּ אין דער אַנדערער גייט זי אַרײַן אין צימער, וווּ אהרן און חבֿוּרה זיצן. זי נעמט צונויף דאָס בעטגעוואַנט פון איר בעט און פּאַקט עס אײַן אין טוך. אהרן און חבֿוּרה קוקן זיך אָן פאַרוווּנדערט, און זי — גאָרנישט... קוקט זיך אום איבערן צימער, ווי זי וויל זיך אײַן עפּעס דערמאָנען, און אַזוי שטייענדיק ווענדט זי זיך צו חבֿורהן מיט אַ זיס שמייכעלע:

— זעסט, חבֿורהלע? איצטער לאָז איך דיר שוין אָפּ מײַן אָרט אינגאַנצן... מעגסט שוין אַפילו ווערן זײַן ווײַב...

— ווי הייסט? — קוקט זי חבֿורה אָן.

— גאָרנישט, איך גיי מיר אַהיים צום טאַטן...

— האָרפּסטו מיר געבן אַ מאַן? וועל איך ווערן, וועל איך קריגן אָן דיר אויך, און טו מיר נישט קיין טובֿה.

— דיר — אַ טובֿה?... איך מײַן נאָר מײַן טובֿה...

— העגר נאַר! — רופט זיך אהרן אָן מיט אַ געלאַסנקייט — טו וואָס דו ווילסט און דערצייל נישט קיינעם קיין מעשׂיות, קיינער פרעגט דיך נישט.

— אַז נישט, דערציילט מען אים! ווען עס איז דאָ צו דערציילן...

— אָבער זעסט שוין, חבֿורה, — האַקט ער איבער, — האָב איך דיר געזאָגט? זעהסטע מײַן קוק... נאָך נעכטן האָב איך דיר געזאָגט, אַז זי שפּיצט שוין עפּעס אויס...

— אוודאי אַזוי — שמייכלט חבֿקהלע פוממוטיק — און ווען עס געפעלט נישט, זאָל יער צעפּלאַצט ווערן קוקנדיק.

— ווער צעפּלאַצט — ענטפערט ער.

— ווי נעמט מען אַ טרעגער? — דרייט זי זיך אויס מיטן פּנים צו דער שטוב, פרעגנדיק אַן עצה גלאַט אין דער וועלט אַרײַן.

— מילא, פיר, פיר אויס, — שאָקלט ער צו מיטן קאָפּ.

— אפֿנים עמעצער פרעגט אים אַ דעה? — ווענדט זי זיך לאַנגזאַם צו חבֿורהן — חבֿורהלע, רוף מיר אַ טרעגער.

— זי איז נישט קיינעמס משרתטע. — לאָזט אהרן חבֿורהן נישט אויפשטיין.

— גיי איך אַליין — ענטפערט חבֿקהלע, פאַמעלעך אַרויסגייענדיק פון צימער.

אין אַ ווײַלע אַרום קומט זי צוריק מיט אַ טרעגער: אַ הויכער ייִד מיט אַ ברייטער באָרד, אין אַ בלאָ לײַבל און מיט אַ שטריק אַרום גאַרטל.

— גוטן אָוונט! — זאָגט דער ייִד, קנייטשנדיק די אויגן קעגן ברע־

ענדיקן לאָמפּ אויפן טישל. קיינער האָט אים נישט געענטפערט, רבקהלע לויפט צו צום פּעקל בעטגעוואַנט, באַקוקט דעם קניפּ און פּרוּווט אים, צי ער איז פעסט.

— וואָס קוקסטו? — פרעגט אהרן מיט האַס — האָסטו מורא, מען האָט דיך באַגנבעט...

— און נאָר ער הערקלט זיך צו מיר! — טוט זי זייטיק אַ זאָג — שוואַרץ יאָר ווייסט אים, ווער עס טענהט צו'ן אים. — ווי געפעלט דיר דבורהלע? ס'ביסל בעטגעוואַנט איז אים אויך צו גרויס אין די אויגן; נאָקעט וואָלט ער געוואָלט זאָל איך אַהיימגיין!

— געוואָלט וואָלט איך?... הייסט עס, ווען איך וויל אַזוי, וואָלסטו עס גענומען?

— ר' משה. — טוט זי אַ רוף דעם ייד — נעמט דאָס פּעקל!

דער ייד קוקט אַמאָל אויף איר, אַמאָל אויף אהרנען און אין זיינע אויגן זעט זיך אַ פאַרלאַנג עפּעס צו פרעגן.

— וואָס שטייט איר, איר ווילט נישט פאַרדינען?

— איך וויל, — ענטפערט ער, — נאָר...

— וואָס, נאָר? — כאַפּט זי אונטער, ווייל ער איז אַ גזלן? איר האָט מורא פאַר אים. — ווייזט זי אָן מיט אַ האַנט אויף אהרנען.

פון די לעצטע ווערטער ווערט אהרן ווי אַנגעצונדן.

— המם!! — טוט ער אַ ברום — וואָס טוט מען מיט אַזאַ קאָלבאַסניצע? וואָס טוט מען?!

דער ייד טוט זיך אַ רוק אַרויס פון דער טיר. רבקהלע מאַכט אַ טריט, וויל אים נאָכלויפן, האַלט זיך אָבער צוריק, בלייבנדיק שטיין קעגן אהרנען, פּנים צו פּנים, אויג צו אויג...

דבורה שפּרינגט אַריין אינדערמיט, צוהדיקנדיק זיך צו זיינע קני, אָננעמענדיק אים פאַר די עלנבויגנס, און שרייט אויסער זיך:

— זיץ אהרן, זיץ!

— לאָז געמאַך, דבורה, לאָז געמאַך, — נעמט ער זי אָן ביי די הענט — גאַרנישט... דו זע בעסער, ווי זי שטייט שוין אויף די שפּיץ נעגעלעך...

— זיץ, זיץ...

— אַ נאַרנישט דאָס איז! ווער קאָן מיט איר אויסקומען? אַז זי בלייבט אַ גוטעטשקע פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַרן ייד אויך... איך בין אַ גזלן, דאָס ווייזט, הייסט עס, ווי מען שרעקט זיך פאַר מיר... נאָר זי, נעבעך, איז אַ פאַרפאַלענע... אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט...

— אַ קלאַג זאָל אים טשעפּן, ווי ער קאָן צעשפּרייטן אַ זאַך... — פּלאַטש איר דאָס געזיכט, — וואָס דען ביסטו, נישט קיין גזלן? און אַ זעל-

נער אויך! און ווילסט, איך זאָל אויך זיין אזוי... איך, — אַ „טליק" און דו — אַ זעלנער; פריער מיטן קוש, דערנאָך מיט דער פויסט!

— פריער מיט דעם קוש? שאָקלט ער מיטן קאָפּ — עפּעס אַ סך האָב איך דיך שוין געקושט?

— כאַ, כאַ, כאַ! — שפּילט איר דאָס פּערל אין די אויגן — אַ מעשה, — איך לאָז מיך...

— אַזוי... אַזאַ מעשה האָסטו,... און לאָ'דיך טאַקע טרעפן די ערשטע כאַלערע פאַרן שמייכל דיינעם!...

— און אויף די פויסט — ציט זי ווייטער — האָב איך מיך אויך נישט געוואָלט לאָזן, נאָר ווער האָט אַזוינע גוילישע פויסטן?

— פויסטן פעלט איר גאָר! פון אַלעם, זעסטו, גיב איר גאָר פויסטן, וואָס אַ נקבה קאָן איינפאַלן! — שאָקלט ער צו דבורהן מיטן קאָפּ.

— נו שוין, נו, לאָז שוין זיין גענוג — בעט דבורה.

— אַנישט ווער רעדט? זאָל זי טון, וואָס זי וויל: וואַשן איז וואַשן, נישט קאָכן, איז נישט קאָכן, אַהיים צום טאַטן, גיי... נו טאַקע נו, ווער האָט אַ דעה?

— אוודאי נישט. און איך וועל טאַקע גיין צום טאַטן, בע... וואָס מאַכט דאָס גאַלעכל? און עס וועט באַלד זיין אַן אַנדערער טרעגער.

— אפילו פּופּצן! איך מיט דיר האָב שוין סיי־ווי־סיי געענדיקט, אונדזער רעכענונג איז אויס... דו גיי דיר צום טאַטן און איך בין אויך נישט קיין פאַרפאַלענער, אפילו ביים סאַמע טייוול...

— און אַ ווייב? — שמייכלט זי.

— דאָס איז שוין מיין זאַך.

— הינטער דער קאַזאַרמע?...

— און זיין זאָל...

— איך ווייס מען קריגט... — מאַכט זי שוין אַן ערנסטערע מינע, צוליעגנדיק איין פינגער צו דער גאָמבע — אַזוינע אָרנטלעכע מענטש? קריגן.

— איז גוט...

דבורה זעצט זיך צוריק אויף איר אָרט און ביידע קוקן זיך שוין גלייך אָן.

— און אינדערהאמתן — הייבט זי ווייטער אָן — נאָך וואָס אַ ווייב; אַן עול, אז אַ „טליק" איז אויך גענוג? — וואָס ביסטו דען מער יחסן ווי דער זעלנער?

— אַ געשעפט, אבי מען קריגט, פאַרשטייסט?... און מען קושט אויך, און מען קריגט צוריק געקושט אויך...

— אַ קלאָג האָב איך צו דיין קאָפּ — מאַכט זי מיט אַ שמייכל — ברענג דיר, כאָטש, אַמאָל אַהיים... לאָ'מיך די זכיה האָבן צו זען... אפשר וועל איך מיך אויך אויסלערנען קושן.

— און ווער וועט זיין ברוגז?

רבקהלע פאַרשוויגט. זי האָט זיך ווי דערמאָנט אין עפּעס, און דער שמייכל איז צוריק פון פּנים פאַרשוואונדן...

— נו וואָס שווייגסטו?... וויל ער צוריק דערכאַפּן.

— מיט וועמען מען האָט דאָ צו רעדן, זעסטו?

— וואָס, איך בין נישט ווערט?

זי שווייגט, שאָקלט מיט דעם קאָפּ, ווי מען באַדויערט אימעצן.

— זאָג פאַרוואָס? — בעט ער זיך.

— דערפאַר...

— ווייל איך בין נישט גוט?

— אַ שאלה? די הענט מעגן דיר אָפּגעריסן ווערן...

— וועל איך שוין זיין בעסער.

— זעסט אָ, העם הונט אין דרויסן מעג מען גיכער גליבן.

— מאַכן אַ צלם פאַר דיר? שטעלן זיך אויף די קני?...

זי שווייגט מיט אַן אָראָפּגעלאָזט פּנים, טרעט אָפּ הינטערווייליעכץ אַ פּאָר טריט, און זעצט זיך אויפן בעט הינטער דבורהס שטול.

ער שווייגט אויך און קוקט אויף איר. ענדלעך טוט ער אַ רוף:

— דבורה, גיב נאָר אַ קוק דאָרט אין שטוב. די פּושקע פּאַפּיראָסן האָב איך געלאָזט אויפן שטול...

דבורה שטייט אויף און גייט.

— דבורה, דבורה — רופט ער צוריק — נאַ, נעם דעם לאָמפּ, וועסט נישט געפינען אַזוי...

ער טראָגט איר אנטקעגן דעם לאָמפּ, און זי גייט אַריין אין שטוב צום קליינעם טישל צו...

זוכט, זוכט, און געפינט נישט. זי וואַרפט נאָך אַ בליק אויף דעם גרויסן טיש אויך, און קערט זיך צוריק מיט דעם לאָמפּ אין דער האַנט. זי דריקט אָן אויף דער קלאַמקע, — די טיר איז צו — — — —

אַ רגע שטייט זי, ווי אַפּהענטיק, נאָר באַלד קומט זי צו זיך, לאָזט לאַנגזאַם נאָך די קלאַמקע און טראָגט זיך אָפּ אויף די שפּיץ נעגל, שמייכלענדיק פאַר זיך...

שפעטער א ווײַלע איז אהרן אַרײַנגעקומען מיט קישנס און מיט דער קאָלדרע, און מיט אַ שײַנענדיקן פּנים איבערגעגעבן עס דבֿורהן.

דבֿורה האָט אַראָפּגעדרייט דעם לאָמפּ און האָט זיך געלייגט שלאָפֿן.

---

אויף מאָרגן איז אהרן אויפֿגעשטאַנען פֿרי. חבֿקהלע איז געשלאָפֿן אַ ביסל לענגער.

דבֿורה זיצט בײַ דעם טיש און בײַסט שוין אָן.

חבֿקהלע גייט אַרײַן, מײַדט זי אויס מיט די בליקן און גייט גלײַך צו דער קיך.

די מאַשינקע איז אויפֿגעשטעלט, קאַווע קאָכט זיך אין אַ פֿענדל און די פֿאַרע שווינדלט און הייבט זיך איבער דער קיך.

רבֿקהלע גיסט זיך אָן קאַווע און זעצט זיך צום טיש קעגנאיבער דבֿורהן.

— די קאַווע וועט קאַלט ווערן, און מען זעט אים נישט... — רופֿט זיך דבֿורה אָן.

— ווי געטרײַ זי איז אים — רעדט חבֿקהלע ווי פֿאַר זיך, קוקנדיק אין גלאָז אַרײַן — אַ קלײניקייט, אַזאַ ברודער...

— איך בין נישט געטרײַ, ער האָט געהייסן קאָכן, און עס ווערט קאַלט.

— ער האָט געהייסן?... וועסטו דעם מיטאָג אויך קאָכן, אַז דו ביזט יאָ אַזוי געטרײַ!

חבֿורה שווײַגט, זי ווייסט, אַז עס איז אויף אַ שטאָך, און רבֿקהלע שטעלט אַוועק דאָס ליידיקע גלאָז און גייט אַוועק פֿון טיש.

חבֿקהלע וואַרפֿט אַ בליק איבער דער שטוב און ווענדט זיך צו דבֿורהן:

— די אייזערנע טעפּ דאַרף מען צוריק אַרײַנטראָגן... ד ע ר מיט די צוויי אויערן, — ווײַזט זי מיט אַ האַנט אין ווינקל־קיך, — איז פֿרייד רלס, דער אַנדערער — שפּרינצעס

אָפּגעזאָגט, גייט זי צוריק אין צימער.

חבֿורה נעמט די טעפּ און גייט אַרויס פֿון שטוב.

דערווײַל קומט רבֿקהלע צוריק אַרײַן און באַלד איז דבֿורה אויך דאָ, און דערציילט, אַז שפּרינצע קנייפּט זיך די באַקן אויס: — דער גאַנצער טאָפּ איז איר איבערגעפּירט, דאָס געגלייז איז אָפּגעשפּרונגען.

אין דער איינענער רגע פֿלאַצט־אויף די טיר און די גראָבע שפּרינצע מיטן צעפֿלאַמטן, טערקישן פּנים, די קופּקע אָנגערוקט, טוט מיט אַ ירגזון אַ שטעל־אַרײַן דעם טאָפּ איבער דער שוועל:

— עס זאָל אַזוי מײַנע שונאים שטעכן און ברעכן, ווי מען האָט מיר מײַן טאָפּ צעשטאָכן און צעבראָכן! — שרײַט זי אויס און טוט באַלד אַ קלאַפּ־צו די טיר.

דבורה און רבקהלע קוקן זיך אָן מיט שטומע בליקן, נעמענדיק זיך באַטראַכטן דעם טאָפּ.

דערווײַל קומט אהרן אָן.

ער דרייט זיך איבער דער שטוב און קוקט אַלע ווײַלע אויף רבקהלען, ער וויל עפּעס זאָגן, צי פֿרעגן, נאָר זי איז פֿאַרטון מיטן טאָפּ.

— דבורה, גיב דו עסן! — רופֿט ער.

דבורה כאַפּט דאָס טישטעכל און דעקט צום טיש. רבקהלע מיט דעם טאָפּ אין דער האַנט גייט אַרויס פֿון שטוב, אַפּילאָזנדיק די טיר נאָך זיך. אין הויז קעגנאיבער עפֿנט זי אַ צווייטע טיר, און אויף דער שוועל שטייט איר שוין אַנטקעגן, פּנים צו פּנים, שפּרינצע, די באַלעבאָסטע פֿון טאָפּ.

— שפּרינצע, — הייבט רבקהלע גלײַכצײַטיק אָן — וואָס וואַרפֿט איר מיר עפּעס צו דעם טאָפּ?

— וואָס? טרעף — וואָס?... זאָלסט האָבן אַ סך צו קאָכן!

— איר זענט טרעבער און חרפּה מער צו עסן!

— זאָלץ אין די אויגן, פֿעפֿער אין דער נאָז, שטיינער אויפֿן האַרץ און אַ שפּיז אין בויך... ציילט שפּרינצע אויס ווי אַ מעשה גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. — וואָס, זע נאָר די פּריצהטע, הייבט זי אויף דעם טאָן, — זע נאָר, אַ טאָפּ צעפּלאַצט, מיינט זי, ס'וועט איר זײַן געשוויגן!

— צעפּלאַצט? צי איז ער דען נישט אַזוי געווען?

— אַזוי שוואַרץ, אַזוי אָפּגעריסן? גיי דיר געזונטערהייט, וועסט אָפּקויפֿן!...

— דער איז אויך אַ נײַער?...

— אַוודאי, האָסט'ן אַזוי צעפּלאַצט!

— אַזוי וואָר זאָלן מײַנע שונאים ווערן חושך ווי — נישט.

— אַזוי וואָר זאָלסטו, — ווערט שפּרינצע אָנגעצונדן און שאָקלט צו מיט די בענטשהענט איבער רבקהלעס קאָפּ — זאָלן מײַנע שונאים ווערן שוואַרץ ווי אַ קויל, ווי — יאָ!

און ביידע ווײַבער שפּרינגען זיך אין די אויגן אַרײַן מיט אַן אָנגעצונדענעם כעס; רבקהלע לאָזט אָפּ דעם טאָפּ און הייבט אויך אויף די הענט איבער שפּרינצעס קאָפּ. אַ שטורעם פֿון ברענענדיקע קולות און יללות כאַפּט זיי אַרום און די געוואַלדן מישן זיך צונויף, איינע די אַנדערע וויל איבערשרײַען און די קולות ווערן העכער און שטאַרקער, ביז רבקהלע קריגט אַ שטויס־אַראָפּ פֿון דער שוועל און עס פֿליט איר נאָך דער טאָפּ

הינטער דער פארקלאפטער טיר. זי פרווט רייסן, ברעכן די קליאמקע און שרייט:

— שפרינצעלע, אבער וועמעס מאמע האט מען געשמיסן אין דער פאוסטאניע? שפרינצעלע, הא?... און זי לאזט אפ די טיר און לויפט א צעמישטע אויף דער גאס קעגנאיבער שפרינצעס אפענעם פענצטער. שכנים לויפן זיך אן און עס ווערט א גאנץ רעדל מיט רבקהלען אינדערמיט, וועלכע שרייט אין פענצטער אריין:

— שפרינצעלע, הא? וועמען האבן זעלנער געשמיסן נאקעטערהייט איבערן גאלן?...

— אבער דיין מאן, — שרייט שפרינצע פון פענצטער ארויס, — האב איך אפגעזאגט... ער האט זיך אריינגענומען מיין מיידל; אבער כ'האב אים אפגעזאגט?...

— אבער ער האט איר אנגעפאטשט אונטערן קלייד פאר דיר אין די אויגן?...

— אזוי וואר זאלסטו געפאטשט ווערן פון גאט! רבקהלע, דאס „פלעשעלע רויטס" „צומארגנס" אונטער דער פלאכטע... רבקהלע, רבקהלע! די גאנצע שטאט ווייסט!...

און רבקהעלע טוט זיך א ווארף, ווי א שלאנג, און דרייט זיך ארויס פון רעדל, און כאפט א שטיין און מעסט זיך אן קעגן פענצטער מיט אן אויפגעהויבענער האנט. נאר ווייבער באפאלן זי און זי ראנגלט זיך, דאס הארשייטל רוקט זיך ארונטער, און עס זעען זיך ארויס עטלעכע צענדליק אייגענע האר אויפן קאפ... און זי רייסט זיך און ווארפט זיך, און מען האלט זי:

— רבקהלע, איז גאלן קאפ!... — טומלען די ווייבער מיט דער שראקענע פנימער. און זי ווערט ווי אפהענטיק, לאזט אפ דעם שטיין און כאפט דאס שייטל. זי שטייט א ווײלע א צעמישטע, און לויפט פלוצלינג אריין צו זיך אין שטוב.

די שטוב איז ליידיק, לויפט זי דורך מיט א געשריי אין צימער אריין, וו אהרן מיט חבורהן זיינען.

— באהאלטן זיך?... — באגעגנט זי אים מיט א פלאמענדיק געזיכט — איך וועל מיך דאס מיט דער גאנצער וועלט אויסשעכטן פאר דיינעטוועגן? זי האט דיך געכאפט, ווען זי דאס זאגן, מיט דער מויד איזער?...

אהרן נעמט נישט אראפ קיין אויג פון איר:

— און וואס נאך האט זי געזאגט?... — בייסט ער זיך די ליפן אויפגערעגט...

— אז זי האָט דיך אָפּגעיאָגט...

— און דו האָסט נעבעך געשוויגן?... דו שטילס!

— געענטפערט, אַז מיין מאַן זאָל זיין די כפרה פאַר כל ישראל!!

— אוועק! — טוט אהרן אַ ברום, אָפּמעסטנדיק זי מיט אַ שאַרפן בליק, און גייט אַרויס אַ צעקאָכטער פון שטוב.

— זעסטו, דערשלאָגן זאָל ער ווערן — קוקט זי אים נאָך אין דער אָפענער טיר, צולייגנדיק אַ פינגער צום פנים, — דאָס ווייב צו שלאָגן איז ער אַ בריה...

— אָננעמען זיך פאַר דיר? — קערט ער זיך צוריק אום, קוקנדיק איר אין פנים אַריין.

— פאַר מיר? מפו זאָלסטו ווערן! — טוט זי אים אַ שפיי גלייך אין פנים אַריין.

ער טוט אַ ציטער פאַר כעס, און לאָזט איר אַראָפּ אַ פּעטשל, און זי מיט אַ פאַרשטיקטן ברום פאַלט אים אַריין מיט די נעגל אין געזיכט און מיט די ציין אין בערדל אַריין, ער טוט זי אַ כאַפּ ביים האַלדז און — אַ קוועטש!

— אוי, — טוט זי אַ ריס־אַוועק דעם קאָפּ און ער טוט זי נאָך אַ שטויס פון זיך און טרעט אָפּ צום טיש. זי וואַרפט זיך נאָך ווי אַ שלאַנג, שפּרינגט אַרויף אויף דער סאָפע, שטרעקט אויס די הענט צום שענקל מיט דעם געפעס, כאַפּט איין טעלער נאָך דעם אַנדערן און שלייַדערט מיט איממעט, צילנדיק זיך אים אין קאָפּ אַריין, און ער מיט אויפגעשטעלטע הענט כאַפּט אונטער יעדן טעלער, איטלעכע כלי, און די טעלער גליטשן זיך אַראָפּ און צעשיטן זיך אין צענדליקער שטיקער, און די שאַרבנס צעפליען זיך מיט געוויש איבער דער פּאָדלאָגע. דבורה וויל צולויפן צו איר, נאָר זי קאָן נישט צוקומען... אהרן פאַרליערט שוין דאָס געדולד צו ביינגן זיך, אוועקצוכאַפּן דעם קאָפּ אַלע חנע... לויפט ער רבקהלען אַנטקעגן, כאַפּט זי אָן ביי די הענט און שלעפּט זי אַראָפּ פון דער סאָפע. אַצינד נעמען זיי זיך אַרומפירן ביי די קעפּ די גאַנצע שטוב, און מען וואַרפט זיך און מען שלייַדערט זיך פון אָרט צו אָרט, זי איבער אים און ער איבער איר, ביידע צוזאַמען און דבורה נאָך... און רבקהלע מיט אַן אייגנער־שפּאַרטקייט וויקלט זיך אַרום אים און ער קאָן זיך פון איר נישט אַרויס־דרייען, און דבורה רייסט זי מיט אַלע כוחות ביי די הענט און קאָן נישט פונאַנדעררייסן... ביז ער בייגט רבקהלען איבער מיט דעם רוקן איבערן טיש און, אירע הענט פאַרשליסט ער אין זיינע, פּעסט צודריקנדיק צו איר ברוסט. רבקהלע האָט זיך דערשפּירט געפאַלן, באַזיגט, אַז זי קאָ זיך קיין ריר נישט געבן, און אירע אויגן האָבן געשפּיגן אין דער חנע

מיט דעם שרעקלעכסטן סם! דבורה שרייט און רייסט אים די הענט, נאָר ער איז צעקאָכט און דאָס פּנים מיט די אויגן פאַרגאָסן מיט סעם, אַז ער פילט ניט קיין שום זאַך,

נאָר ביסלעכווייז לאָזט ער זי אַליין אָפּ. רבקהלע נעמט זיך אויפסניי וויקלען אַרום אים און אָנהענגען זיך אויף די אַקסלען, און דבורה שלעפּט זיך זיי נאָך מיט אַ געשריי, און אַלע דריי שלעפּן זיך צו דער טיר פון צימער. דאָ טוט ער רבקהלען אַ שטויס פון זיך און מיט אַ ווילדן אימפּעט, אַריינשפּרינגענדיק אין יענעם צימער, טוט ער אַ קלאַפּ צו די טיר נאָך זיך, בשעת רבקהלע בלייבט פון דער זייט. דבורהס אַ האַנט בלייבט פאַרקלעמט, און אַ מוראדיק געשריי פאַרהילכט די שטוב.

די טיר לאָזט פּלוצלינג נאָך, און דבורה כאַפּט אַרויס די האַנט: די פינגער טיף איינגעקאַרבט און ברוין־און־בלאָ פאַרלאָפן... זי צעוויינט זיך אויף אַ קול און לויפט אַוועק צום טיש, צוהאַלטנדיק דאָס בינטל פינגער מיט איר אַנדערער האַנט. און רבקהלע שטייט, וואַרטנדיק הינטער דער טיר מיט אַ געפּטיק פּיערל אין די אויגן...

אין פענצטער באַוויזן זיך קעפּלעך מיט פּנימער, ווי אָנגעקלעפּט אויף די שויבן.

פּלוצלינג רייסט זיך אויף די טיר פון צימער און אהרן שטויסט אָפּ מיט האַסט רבקהלען, וואָס וויקלט זיך אים נאָך, און לויפט אַרויס פון שטוב...

דבורה וויקלט די האַנט אין אַ גלאָז קאַלט וואַסער.

לאַנג האָט געדויערט איידער רבקהלע האָט זיך באַרויקט. ביסלעכווייז פאַרציט זיך איר געזיכט מיט אַ מרה־שחורה, די אויגן ווערן טונקל און טרויעריק, עס ליגט אין זיי פאַרזונקען אַ טיפער האַס און אַ נישט־געהאַקייט צום לעבן.

זי נעמט אַן אַלט קלייד פון דער וואַנט אַראָפּ, שפּרייט עס אויס אויף דער ערד פאַר דער סאָפע און לייגט זיך אַניהער איינגעטוליעט... און דבורה גייט אַוועק אין צימער.

און די שטילקייט אין שטוב ווערט שווערער און שווערער. דאַכט זיך, אַ סוד האָט זיך דאָ אַריינגעגאָסן און די שטוב האָט דעם אָטעם פאַרהאַלטן. צייטנווייז הערט זיך נאָר אַ פאַרשטיקטער זיפץ פון רבקהלעס צוגעדריקטע דינע ליפּן. דאָס פּנים ביי איר איז נאָך רויטלעך און די ברעמען אַראָפּגעלאָזט, ווי צום דרעמלען, און אויף דעם גאַנצן געזיכט איז אויסגעגאָסן אַ מין טרויעריקע רויקייט, ווי ביי איינע, וואָס האָט שוין אַלץ אויף דער וועלט אָפּגעטאָן, האָט שוין אַלץ געהאַט, און האָט שוין גאָרנישט אויף וואָס צו וואַרטן מער.

די זון שיינט אריין אין פענצטער און מאלט רביקהלען צופוסנם צוויי־זעקס־געקעסטלטע ראמען...

פון באק־אוויון גיסט זיך דאס טרויעריקע גרילצן פון א גריל, און אן אימהדיקע שטילקייט צעליגט זיך איבער דער שטוב: שא, שטיל, אלץ איז ווי אויסגעשטארבן...

## אינהאלט:

אַ שטעטל
דור הולך ודור באָ
צום אײדעם אויף קעסט
א חוב
א טאַטע מיט בנים
די משוגענע אין דאָרף
ר׳ יואל
א גנבה
א מעשה מיט א ציג
א שלעכטע פרוי

רעדאַקטאָרן פון פאַרלאַג:

**ל. אַליצקי** **ד. ספאַרד**